STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 01938

IN HEYSN MIDBER

Sven Anders Hedin

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

סווען העדין
אין הייסן מדבר

L. WEISMAN
2193 QUEEN ST. E.
TORONTO, ONT.

סווען העדין

אין הייסן מדבר

יידיש: י. ש—ר א.

L. WEISMAN
2193 QUEEN ST. E.
TORONTO, ONT.

פארלאג ,ב. שימין,

1922 ווארשע

WARSZAWA
Drukarnia SZ. SIKORA i L. MYLNER Nowolipki 6.

פֿאָלקס־דערציילונגען וועגן די מדבריות.

אַנגעהויבן פֿון צפֿון-מזרח ציט זיך דורך גאַנץ אַזיע ביז ווייט אין דרום-מערב, דורך גאַנץ אַפֿריקע, אַ ברייטער גאַרטל פֿון מדבריות, וועלכֿן מען וואָלט געקאָנט פֿאַרגלייכֿן מיט אַ ברייטן גרונט פֿון אַן אויסגעטריקנטן טייך: דער מדבר גאָבי אינמיטן אַזיע, דער גרעסטער טייל פֿון מאָנגאָליע, די טאַקלאַ-מאַקאַן אין מזרח-טורקעסטאַן, דער מערב-שפּיץ פֿונם גאָבי, דער „רויטער זאַמד" און דער „שוואַרצער זאַמד" אין רוסישען טורקעסטאַן, די קעוויר און אַנדערע מדבריות אין פּערסיע, די מדבריות פֿון אַראַביע און לסוף די סאַהאַראַ אין אַפֿריקע. דער שרעקלאַכֿסטער פֿון די דאָזיקע מדבריות איז דער טאַקלאַ-מאַקאַן, וועלכֿער ציט זיך אין דרום פֿון יאַרקענט-דאַריאַ אָדער טאַריאַ ביז דער געוואַלטיקער בערגקייט פֿון קווען-לון, וועלכֿע איז די צפֿון-גרענעץ פֿון טיבעט.—דאָס איז אַ געוואַלטיק גרויסער, גאָר אומבאַקאַנטער קאַנט, וועלכֿן איך האָב מיך באַשלאָסן צום ערשט מאָל דורכֿצוואַנדערן אין פֿרילינג 1895.

זינט דעם זומער 1894 האָב איך געלעבט אין קאַשגאַר, וועלכֿער איז די הויפּטשטאָט פֿון כֿינעזישן טורקעסטאַן; פֿיר חדשים האָב איך פֿאַרבראַכֿט אויף די קאַנטן פֿון פּאַמיר און צווישן די קירגיזן פֿון מוסטאַג-אַטאַ, אָדער „דעם פֿאָטער פֿון די אייזבערג"— וואָס אויף זײַן זיבנטויזנט אַכֿטהונדערט אַכֿציק-מעטער-הויכֿן רוקן האָב איך מיך פֿיר מאָל געפּרובט אַרויפֿצושטייגן, אָבער אָן ערפֿאָלג. אין אָנהויב מערץ 1895 האָב איך זיך אַריבערגעצויגן

קיין לאַיליק — אַ קליין שמוציק שטעטל ביים יאַרקענט-דאַריאַ, צו מאַכן דאָרט די הכנות פאַר מיין מדבר-וואַנדערונג.

די דאָרטיקע איינוואוינער, ווי אויך די כינעזישע באַאַמטע, האָבן געהאַלטן מיין פּלאַן פאַר אַן אוממעגלאַכע זאַך דורכצופירן, ווייל לויט זייער מיינונג קאָן מען נישט אַדורכוואַנדערן די טאַקלאַ-מאַקאַן; אָבער דוקא די וואונדער-מעשהלעך, מיט וועלכע די כינעזער האָבן געמיינט מיך צו דערשרעקן און אָפּצוהאַלטן פון מיינע נסיעות, האָבן דערוועקט מיין חשק אַדורכצוגיין דעמדאָזיקן מדבר.

מען האָט מיר דערציילט משונהדיקע זאַכן: אינמיטן מדבר, צווישן יאַרקענט-דאַריאַ און כאָטאַם-דאַריאַ, איז אַמאָל געווען אַ גרויסע שטאָט, וועלכע ליגט איצט באַגראָבן אין זאַמד. איר נאָמען איז טאַקלאַ-מאַקאַן, און פון איר האָט דער מדבר באַקומען זיין נאָמען. איצט געפינט זיך דער מדבר אין דער מאַכט פון אַ כשוף. אין די טורעמס, מויערן און הייזער פון דער באַגראָבענער שטאָט געפינען זיך פולע פעסער גאָלד; אָבער ווען עמיצער קומט אַהין מיט אַ קאַראַוואַן און באַלאָדט זיינע קעמלען מיט דידאָזיקע אוצרות, קאָן ער זיך שוין נישט אַרויסרייסן פון דאָרטן, ווייל די רוחות פון מדבר האַלטן אים פעסט. ראַטעווען זיך קאָן מען נאָר דעמאָלט, ווען מען וואַרפט אַראָפּ דאָס גאָלד צוריק.

טייל פויערן האָבן מיך פאַרזיכערט, אַז אין דעמדאָזיקן מדבר זיינען אפילו באַגראָבן גאַנצע טויזנט מיט איין שטאָט. אַן אַלציק-יעריקער זקן, וועלכער האָט געהערט, אַז איך וויל דורכוואַנדערן דעם מדבר, איז עקסטרע געקומען צו מיר און האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט אין דער יוגנט געקענט אַ מענטש, וועלכער האָט זיך פאַרבלאָנדזשעט אין דעם מדבר און דאָרט איז ער אַריינגעקומען אין אַן אַלטער שטאָט, וואו ער האָט געזען אין די הייזער פיל כינעזישע שיך, וועלכע זיינען זיך תיכף צעפאַלן אויף שטויב, ווי נאָר ער האָט זיך צוגערירט צו זיי. אַן אַנדער רייזנדער האָט זיך געלאָזן גיין אין דעם מדבר און האָט זיך אָנגעשטויסן אויף נאָך אַ שטאָט, וואו ער האָט געפו-

גען שטיקער זילבער. ער האָט דערמיט אָנגעפּאַקט אַלע זיינע קעשענעס און זעק; אָבער אַז ער האָט געוואָלט אַוועקגיין, האָבן אים פֿלוצלונג אַרומגערינגלט פֿיל ווילדע קעץ און אים אָנגעקוקט מיט אַזאַ רציחה אין די אויגן, אַז ער האָט דאָס זילבער אַוועקגעוואָרפֿן און געלאָזן זיך לויפֿן אָן אַן אָטעם. שפּעטער אָבער איז ער געקומען צו די כּוחות און האָט ווידער געוואָלט פּרובן זיין גליק, אָבער ער האָט שוין מער די סודותפֿולע שטאָט נישט געפֿונען. דער זאַמד האָט די שטאָט ווידער איינגעשלונגען.

גליקלאַכער איז שוין געווען, פֿאַרציילט די לעגענדע, אַ מאָלאַ פֿון כּאָטאַם. ער האָט געהאַט אויף זיך זייער פֿיל חובות און האָט זיך געשראָקן, אַז מען וועט אים אַריינפּאַקן אין טורמע. איז ער אַנטלאָפֿן אין מדבר אַריין, וואו ער האָט געוואָלט רוהיק שטאַרבן. האָט ער אָבער געפֿונען דאָרט אוצרות גאָלד און זילבער און איצט איז ער אַ זייער רייכער מאַן. אַ סך מענטשן האָבן געוואָלט טאָן דאָס אייגענע, זיינען זיי אויך אַוועק אין מדבר, אָבער זיי זיינען נישט צוריקגעקומען. דער זקן, וואָס האָט מיר דאָס פֿאַרציילט, האָט געזאָגט, אַז קודם מוז מען די רוחות באַשווערן און פֿאַריאָגן, איידער מען לאָזט זיך זוכן די אוצרות מיט ערפֿאָלג. די רוחות פֿאַרדרייען אַלעמען דעם קאָפּ און אָט הויבט מען אָן גיין אין מדבר אַ קאַראַהאָד און מען קומט שטענדיק צוריק אויף דעם אייגענעם אָרט. און אָט אַזוי וואַנדערט מען און מען וואַנדערט, ביז מען פֿאַלט פֿון די פֿיס און מען גייט-אויס פֿון דורשט.

אין לאַליק האָט מען מיך אפֿילו פֿאַרזיכערט, אַז די פֿאַרשוואונדענע שטאָט, וועלכע מען רופֿט דאָ שאַר-אי-קאַטאַק, אָדער קטאַק, ליגט סך הכּל פֿופֿצען קילאָמעטער וויט צום מערב. מיט פֿיל יאָרן צוריק זאָל עמיצער האָבן אַנטדעקט די חורבות פֿון אָט דער שטאָט; אָבער פֿון דעמאָלט אָן האָט מען שוין אומזיסט געזוכט אירע שפּורן. נאָר אַלאַ קאָן אַריינפֿירן דעם וואַנדערער אין דערדאָזיקער שטאָט. מען האָט מיר אויך דערציילט, אַז מיט עטלאַכע טעג פֿריער זיינען צוועלף נפֿשות פֿון יאַרקענט אַרויס-

געפֿאָרן אין מדבר צו זוכן דאָרט גאָלד. די נסיעה האָבן זיי אומישנע געמאַכט פֿרילינגצייט, ווייל זיי האָבן געהאָפֿט, אַז די זאַמדשטורמס וועלן דעמאָלט אָפּדעקן די אוצרות גאָלד. נאָך פֿריער איז עמיץ אַרויסגעפֿאָרן אין מדבר, אָבער צוריק איז ער נישט געקומען.

אין יאַרקענט האָט מען מיר, ענדלאַך, פֿאַרציילט, אַז דער וואַנדערער הערט טיילמאָל שטימען אין מדבר, וועלכע רופֿן אים ביים נאָמען. לאָזט מען זיך גיין אויפֿן רוף, פֿאַרבלאָנדזשעט מען און מען גייט-אויס פֿון דורשט. עטוואָס אַזוינס וועגן אַ מדבר האָט שוין פֿאַרציילט דער באַרימטער רייזנדער פֿון מיטלאַלטער, מאַרקאָ פּאָלאָ פֿון ווענעדיק. ווען די רייזנדער וואַנדערן ביינאַכט און איינער פֿון זיי שטייט אָפּ אין וועג און ווערט איינגעשלאָפֿן, כאַפּט ער זיך אויף אַ צעמישטער און הויבט אָן רופֿן זיינע חברים. הערט ער, ווי עס ריידן רוחות, מיינט ער, אַז דאָס זיינען די חברים זיינע. טיילמאָל רופֿן זיי אים אפֿילו ביים נאָמען און ער ווערט דעריבער אַזוי מבולבל, אַז ער געפֿינט שוין מער נישט זיינע חברים. אויף אַזאַ אופֿן זיינען שוין פֿיל רייזנדער אומגעקומען אין דעם מדבר—פֿאַרזיכערט מאַרקאָ פּאָלאָ.

פֿון די אַלע מעשהלאַך האָב איך אַרויסגעדרונגען נאָר איין זאַך: דאָ, אַרום דעם מדבר, געפֿינען זיך זייער פֿיל טרוימער און גנבים, וועלכע גלויבן, אַז מען ברויך נאָר האָבן הצלחה און מזל, און דערדאָזיקער מזל וועט שוין אַליין ברייגנען אוצרות גאָלד אין שויס אַריין. אַזעלכע גאָלד-זוכער זיינען על-פּי-רוב פּשוטע גנבים, וועלכע באַגנבֿענען און באַרויבן זייערע שכנים. אַ פֿרעמדער מוז זיך זייער היטן פֿאַר זיי.

פֿונוואַנען אָבער שטאַמען אָט די אַלע מעשהלאַך? וויאַזוי דערקלערט מען עס, וואָס די לעגענדע פֿון דער גרויסער פֿאַרציי־טיקער שטאָט טאַקלאַ-מאַקאַן, וועלכע דער זאַמד האָט איינגעשלונגען, איז אַזוי פֿאַרשפּרייט אין כאָטאַם, אין יאַרקענט, אין מאַראַל-באַש און אַקשו, וואו זי איז אַלעמען באַוואוסט? צי האָבן די היגע איינוואוינער טאַקי באמת געזען פֿאַרלאָזענע הייזער אין

מדבר און זייער פאַנטאַזיע האָט דערפון אויסגעוועבט פאַרשידענע בילדער? אָדער אפשר ווילן זיי אימפּאָנירן דעם איראָפּייער דערמיט, וואָס זיי פאַרציילן אים, אַז פאַרצייטן זיינען אין מדבר געווען שטעט און וועלדער מיט אוצרות גאָלד און זילבער?

קיין צופאַל האָט עס געוויס נישט געקאָנט זיין. די דאָזיקע מעשהלעך האָבן מסתם געהאַט אַ געוויסן גרונט און זיי שטאַמען אַלע פון איין מקור. טיף הינטער זיי ליגט מסתמא פאַרבאָרגן אַ שטיק אמת, וואָס איז נאָכדעם געוואָרן דער פונדאַמענט פון די מעשהלאַך. איך האָב זיי על־פּי־רוב זייער אויפמערקזאַם אויסגעהערט און זיי האָבן מיר פאַרשענערט די נסיעה אין מדבר. פאַר די סכנות פון אַזאַ מין נסיעה בין איך אינגאַנצן בלינד געווען. דער מדבר האָט מיך אַרומגענומען מיט אַ כשוף. אפילו די זאַמדשטורמס, וואָס אין זיי ליגט די גאַנצע מדבר־געפאַר, זיינען אין מיינע אויגן געווען שיין און גרויס. איך האָב מיך קוים געקאָנט דערוואַרטן אויף דער שעה, ווען איך וועל שוין אַמאָל אַריינקומען אין דעמדאָזיקן לאַנד פון פאַרכשופטע

מעשה

אויפן שוועל פונם מדבר.

עס זיינען אָבער געווען גרויסע מניעות. ביים יאַרקענט-דאַריאַ האָט מען נישט געקאָנט אויפקויפן קיין קעמלען, און איך האָב געמוזט שיקן אַ שליח-מיוחד קיין קאַשגאַר, ער זאָל מיר דאָרט איינקויפן אַכט גוטע קעמלען. מיין באַגלייטער, אילזאַמבאַי, אַ מאַכמעדאַנער פון אָש, וועלכער האָט נאָך פאַראַיאָרן זיך געשטעלט אין מיין דינסט, איז דערווייל אָפּגעפאָרן קיין יאַרקענט, כדי איינצוקויפן דאָרט אַלע אַנדערע נויטיקע זאַכן פאַר דער נסיעה. דעם 19-טן מערץ 1895 האָב איך זיך אַריבערגעצויגן אין גרויסן דאָרף מערקעט, אויפן רעכטן ברעג פון יאַרקענט-דאַריאַ, ווייל פון דאָרט האָב איך געוואָלט אַרויסטרעטן מיט מיין קאַראַוואַן אין מדבר. מאַכט זיך אָבער דערווייל אַ מעשה: אין מערקעט איז נאָך קיינמאָל נישט געווען קיין אייראָפּייער, און מיין פּערזאָן האָט שטאַרק אויפגערודערט די דאָרטיקע איינוואוינער. שוין אויפן וועג זיינען אַרויס פיל מענטשן מיך צו באַגעגענען. די רייכערע דאָרפישע בעלי-בתים האָבן מיר געבראַכט מתנות—הינער, אייער א. אַז. וו. זיי האָבן אויך געבראַכט מיט זיך פערד צו פאַרלייכטערן מיר דעם וועג אין דאָרף אַריין. מען האָט מיר אויך צוגעגרייט אַ גרויס צימער און אויסגעלייגט עס מיט דיוואַנעס.

אויך דאָ, אין מערקעט, זיינען געווען פיל גאָלד-זוכער. איינער פון זיי האָט מיר פאַרציילט, אַז ער האָט צוואַנציק טעג געוואַנדערט אין מדבר. ער און זיינע חברים האָבן מיטגענומען אויף אייזלען לעבנסמיטלען און וואַסער און זיי זיינען זיבן טעג געגאַנגען צו צפון-מזרח איבער געוואַלטיק גרויסע זאַמד-

בערג. אַזויאַרום זיינען זיי געקומען צו אַ לאַנגן באַרג-רוקן. דאָרט האָבן זיי געגראָבן אין דער ערד צו באַקומען וואַסער. קיין גאָלד האָבן זיי אָבער נישט געפונען, כאָטש זיי האָבן יע-דעס יאָר געזוכט דאָרט גאָלד. דעם מדבר האָבן זיי אויך גע-רופן מיטן נאָמען טאַקלאַ-מאַקאַן.

אין אָוונט איז ביי מיר געווען אַ גרויסער קבלת-פנים. עס איז געקומען דער אָנפירער און דער אָן-באַשי פון אַנגעטליק, טאָג-באַ כאָדזשאַ; יעדערער פון זיי האָט געבראַכט אַ מתנה אַ שעפּס. די אינדוסן האָבן געבראַכט קאַרטאָפל און פּוטער.

דער אָן-באַשי, אַ בראַווער מאַן, האָט מיך אָפּט באַזוכט און שעהנלאַנג געשמועסט פון פאַרשידענע זאַכן. ווען איך האָב מיך אַ ביסל אויפגערעגט, פאַרוואָס כ'האָב נאָך נישט קיין ידיעה פון מיינע קעמלען, האָט ער זיך אָנגערופן צו מיר:

—אין אונזער לאַנד מוז מען תמיד זיין געדולדיק. „קעלאַדי, „קעלאַדי"—האָט ער אויסגערופן, ס'הייסט: „זיי וועלען קומען, זיי וועלען קומען!"

די קעמלען זיינען אָבער נאָך נישט געקומען, און די טייערע צייט איז דערווייל אַוועק אין גאָרנישט. איך האָב געשפּירט, אַז אַזויאַרום פאַרמערן זיך הייסע קוילן אויף אונזער קאָפּ, ווייל דער פרילינג האָט זיך שוין אָנגעהויבן און זומערצייט איז די טאַקלאַ-מאַקאַן ממש אַ גלי-אויוון.

טאָגדאַ כאָדזשאַ האָט מיך דערווייל באַקאַנט מיטן לאַנד און זיי-נע איינוואוינער. ער האָט איינגעפונען, אַז די איינוואוינער פון מערקעט זיינען נישט ענלאַך צו זייערע שכנים: זיי זיינען האַרט און קאַלט און בייז און איבער אַ קליינינקייט קאָנען זיי אַמאָל פירען מחלוקת יאָרנלאַנג.

די געבאָטן פון מאַכמעדאַנישן גלויבן האָבן זיי אָפּגעהיט זייער שטרייננג. אַזוי, למשל, איז דאָרט מיט אַ קורצער צייט פריער פאָרגעקומען אַזאַ פאַל: אַ געוויסער מאַכמעדאַנער האָט אין דער תענית-צייט אָנגעביסן פאַר שקיעת-החמה, האָט מען אים תיכף געכאַפּט און רעכט אַריינגעצימבלט און דאַן האָט מען אים גע-בונדן די הענט אויפן רוקן און געפירט אויף אַ שטריק, ווי אַ

בהמה, דורכן גאַנצן באַזאַר, כדי אַלע זאָלן אים מבזה זיין.

דעם 21-טן מערץ האָב איך באַזוכט דעם באַזאַר. ער איז זייער גרויס. יעדע מלאכה און יעדע סחורה האָט זיך איר גאַס. אָבער געמסחרט ווערט דאָ נאָר איינמאָל אין דער וואָך. דאַן טראָגט מען אַרויס פון די הייזער טישן מיט סחורה און מען שטעלט עס אַ"ס אין באַשטימטע ערטער.

דעם 22-טן מערץ איז לסוף געקומען מיין שליח פון קאַשגאַר. ער האָט מיר געבראַכט זייער פיל בריף, אָבער קיין איין קעמל נישט. אילזאַם-באַי איז שוין געווען מער בריה. ער האָט געקויפט אין יאַרקענט פיר טשעלעקס (בלעכענע כלים צו וואַסער), זעקס טולום (ציגענע לאָגלען צו וואַסער), זעק, לאָפּאַטעס, בייטשן, לייצעס א. אַז. וו., פיל זאַפּאַסן פון ברויט, טאַלכאַן (געברענט מעל), גאָמאַן (מאַקאַראָן) און האָניג, ווי אויך אייל און מאַנקוכן פאַר די קעמלען. ווען אַ קעמל באַקומט טעגלאַך אַ האַלבן ליטער אייל, קאָן ער מאַרשירן אַ גאַנצן חודש צייט גאָר אָן שפייז.

איצט האָט אילזאַם באַי ווידעראַמאָל געוואָלט פאָרן קיין יאַרקענט און ער האָט מיר צוגעזאָגט, אַז ער וועט בשום אופן נישט קומען אָן קעמלען. אין צוויי וואָכן אַרום איז ער באמת געקומען מיט אַכט גוטע קעמלען—זכרים. ער האָט געזוכט אַזעלכע קעמלען, וואָס האָבן זיך אויסגעצייכנט נישט מיט זייער גוט אויסזען און גוטער אויספּאַשונג, נאָר וואָס זיינען שוין געווען געוויינט צו מאַרשירן אין מדבר און האָבן געקאָנט לייכט אַריבערטראָגן היץ, דורשט און הונגער. אַק-טויאַ איז געווען אַ שיינער ווייסער קעמל, אַכט יאָר אַלט און ער האָט עס געפירט דעם קאַראַוואַן. ער האָט געטראָגן אַ גרויסע קופּערנע גלאָק אויפן האַלז מיט אַ שווערן אייזערנעם צינגל דערין. די קעמלען האָבן אין דער צייט געהאַלטן אין טוישן זייער וואָל: זייער געדיכטע, וואַרימע ווינטערוואָל איז זיי אַראָפּגעפאַלן אין גרויסע פּאַטלעס, ביז דאָס גאַנצע פעל איז געבליבן נאַקעט. אויף יעדן קעמל איז געלעגן אַ גרויסער ווייכער זאָטל, אָנגעשטאָפּט מיט

היי און שטרוי. אילזאַם באַי האָט אויך נישט פאַרגעסן צו קויפן אַ היבש ביסל שטריק פון קעמלהאָר, כדי איינצובינדן די פעק אויף די קעמלען, און דריי גרויסע גלאָקן פאַרן קאַראַוואַן.

אויסערדעם, האָט ער אָנגעדונגען צוויי זיכערע מענטשן: דעם 55-יעריקן מוכאַמעד שאַ, וועלכער האָט געדאַרפט, אָן שום מורא, אַרומגיין אַרום די קעמלען. ער האָט איבערגעלאָזן אינדערהיים אַ ווייב און קינדער און האָט, קענטיק, גאָרנישט געטראַכט דערפון, צי ער וועט זיי נאָך אַמאָל זען אָדער נישט.

דער צווייטער איז געווען זיין חבר קאַזים אַכון פון אַק-סו, אַ קאַראַוואַן-אָנפירער פון יאַרקענט, אַ פאַרשוין פון אַכטאונפערציק יאָר, מיט אַ שוואַרצער באָרד, זייער קרעפטיק געבויט. ער איז שטענדיק געווען ערנסט און האָט קיינמאָל נישט געלאַכט, דערביי אָבער שטענדיק פריינדלאַך און גוטמוטיק.

אַ דריטן דינער האָט מיר געגעבן דער אָנפירער פון מערקעט. ער האָט אויך געהייסן קאַזים אַכון און זעקס יאָר צייט האָט ער אַ צען-פערצען טעג געוואַנדערט אין מדבר, צו זוכן דאָרט גאָלד. דאָס איז, אַלזאָ, געווען איינער פון יענע טרוימער, טויגעניכטסן און גנבים, וועגן וועלכע איך האָב שוין פריער דערמאָנט. איינציקע איינוואוינער פון מערקעט האָבן מיר מתרה געווען, איך זאָל מיך היטן פאַר אים, ווייל מען האָט אים שוין עטלאַכע מאָל געהאַט באַשטראָפט פאַר גנבה. אָבער אַזוי ווי ער איז געווען דער איינציקער, וואָס האָט עטוואָס געקענט דעם מדבר, האָב איך גערעכנט, אַז ער קאָן מיר דוקא טויגן, הגם ער איז נישט קיין ערלאַכער מאַן. ווי טייער מיר איז שפעטער אויסגעקומען צו באַצאָלן דערפאַר, וועט מען זען פון מיין ווייטערדיקער דערציילונג. צו אַלע זיינע מעלות איז ער געווען אַ שלעכטער מענטש און האָט בשום אופן נישט געוואָלט זיך אונטערגעבן דעם אָנפירער פון קאַראַוואַן, אילזאַם באַי. ער האָט אויך טעראָריזירט די איבריקע מענטשן פון קאַראַוואַן. צו זיין אייגענעם אומגליק האָט ער צופיל געהאַלטן פון

זיין באַקאַנטשאַפט מיטן מדבר. כדי אים אונטערצושיידן פונם צווייטן קאַזים-אַכון, האָבן מיר אים גערופן יאָלטשי, דאָס הייסט: וועגווייזער.

אויסער די קעמלען און צוויי הינט, יאָלדאַש און האַמראַ, האָבן מיר נאָך געהאַט דריי שעפּסן צום שעכטן, צען הינער און איין האָן, וועלכער פלעגט אונז וועקן אינדערפרי. די הינער האָבן אונז שטאַרק אַנטוישט. אין דער ערשטער צייט האָבן מיר אפילו געפונען אַ פּאָר אייער אין זייער קויש, וואָס איז געהאַנגען אויף דעם קעמלס רוקן; אָבער אַז מיר האָבן געהאַט ווייניקער וואַסער, האָבן זיי אויפגעהערט צו לייגן אייער. דער האָן האָט אונז פאַרשאַפט פריילעכע מינוטן. ער האָט זיך נישט געוואָלט האַלטן אין קויש און פלעגט אַלעמאָל אַרויספליען פון קויש מיט אַ פריילעכן קוקוריקו.

דעם 9-טן אפּריל האָבן מיר געמאַכט אונזערע לעצטע הכנות. מיר האָבן אָנגעפילט עטלעכע זעק מיט ברויט און פיר בלעכענע כלים מיט פרישן טייך-וואַסער. צוזאַמען מיט די ציגן-לאָגלען האָבן זיי געהאַלטן פירהונדערט פינפאונפופציק ליטער—אַ זאַפּאַס אויף פינפאונצוואַנציק טעג און, ביי נישט גינסטיקע באַדינגונגען, נאָך אויף לייגנער. איך האָב באמת געגלייבט צו קאָנען אַדורכוואַנדערן דעם מדבר אין פופצען טעג און קומען צו כאָטאַם-דאַריאַ. לויט די געאָגראַפישע מאַפּעס, וועלכע איך האָב פאַר זיך געהאַט, האָט דער מהלך אויף אַ גלייכער ליניע געהאַלטן סך הכל צווייהונדערט זיבנאונאַכציק קילאָמעטער. ווען מיר זאָלן אַדורכגיין טעגלאַך נאָר צוואַנציק קילאָמעטער, וועלן מיר קומען אַהין אין צוויי וואָכן אַרום. צוואַנציק קילאָמעטער אַ טאָג איז דאָך אָבער לייכט אַדורכצוגיין. בכן איז פאַר מיר געווען זיכער, אַז מיר וועלן האָבן גענוג וואַסער אין וועג.

אויסערדעם, האָב איך דאָך אָבער געהאָפט צו געפינען וואַסער אויך אין מדבר. צווישן דעם יאַרקענט-דאַריאַ און דעם קאַשגאַר-דאַריאַ, נישט ווייט פון מאַראַל-באַשי, און ווייטער צו דרום פון יאַרקענט-דאַריאַ האָט זיך געצויגן אַ באַרג-רוקן מיטן נאָמען

מאַזאַר-טאַג און אַ צווייטער באַרג מיט אַזאַ נאָמען האָט זיך דערהויבן אויפן לינקן ברעג פון לאָטאַם-דאַריאַ. די פריערדיקע געאָגראַפן האָבן דעריבער זיך משער געווען, אַז ביידע בערג זײַנען צווישן זיך פאַרבונדן. דער רוסישער רײַזנדער פּזשעוואַלסקי האָט טאַקי דערפאַר אויף זײַן מאַפּע אָנגעצייכנט אַ באַרג-קייט, וואָס ציט זיך קווער איבערן מדבר. אויך די אָרטיקע אײַנוואוינער זײַנען געווען איבערצייגט, אַז די דאָזיקע השערה איז ריכטיק. כ'האָב דעריבער גערעכנט, אַז מיר וועלן פריער אָדער שפּעטער קומען צו דעם דאָזיקן באַרג און הינטער אים וועלן מיר מסתם געפינען קוואַלן וואַסער און פרישע לאַנקעס פאַר די קעמ'ען, ווײַל דער באַרג פאַרשטעלט דאָך די געגנט פון די גרויסע ווינטן מיט די זאמדן, וואָס זיי טראָגן אָן. צום אומגליק, האָט די דאָזיקע השערה וועגן באַרג קיין שום גרונט נישט געהאַט און אָט דאָס איז געווען טיילווײַז די סיבה, וואָס מײַן מדבר-וואַנדערונג האָט געגעבן אַזוינע שלעכטע רעזולטאַטן.

אין וועג אַריין.

דער 10-טער אַפּריל 1895, איז געווען אַ גרויסער טאָג אין די אַנאַלען (יאָרבּיכער) פונם דאָרף מערקעט. נאָך באַגינען האָט זיך אָנגעהויבן אַ קאָכעדיק לעבן ביי מיר אויפן הויף. מיינע לייט האָבן צורעכט געמאַכט מיינע פּעק און פּראָוויאַנט-קאַסטנס, פאַרבּונדן זיי פעסט מיט שטריק, אויסגעלייגט אין גלייכע שורות, אַזוי, אַז צו יעדער שורה און צו יעדן טייל זאָל מען קאָנען צופירן אַ קעמל, צווינגען אים, ער זאָל זיך אַנידערלייגן, מען זאָל קאָנען אָנלאָדעווען די משא אויף זיין זאָטל. נאָכן אָנלאָדעווען די משא הויבט זיך אויף דער קעמל און לאָזט זיך אין וועג אַריין. מיר האָבן געהאַט אַ היבש ביסל פּעק. פּראָוויאַנט—רייז, ברויט, קאָנסערוון, צוקער, טיי, ירקות, מעל א. אַז. וו.—האָבן מיר געהאַט אָנגעגרייט אויף עטלאַכע חדשים. מיר האָבן אויך געהאַט פיל ווינטערקליידער, פעלצן און דיוואַנעס. איך האָב אויך געהאַט בדעה, נאָכן אַדורכגיין דעם מדבר, צו מאַכן אַ נסיעה אין די בערג פון צפון-טיבעט. דידאָזיקע נסיעה האָב איך טאַקי געמאַכט, אָבער פיל שפּעטער. אויסערדעם, האָב איך נאָך געהאַט מיינע אינסטרומענטן, דריי ביקסן און זעקס רעוואָלווערן מיט פולווער און קוילן, און נאָך זייער פיל אַנדערע זאַכן.

די אָרטיקע איינוואוינער, וועלכע האָבן זיך פאַרזאַמלט ביי מיר אין שטוב, אין הויף און אפילו אויפן גאַס, צו זען, וויאַזוי איך וועל אַרויס אין וועג, האָבן מיט פאַרוואונדערונג און ספקות באַטראַכט מיינע פּעק.

—זיי וועלן קיינמאָל נישט קומען צוריק!—האָבן זיי געשמועסט

צווישן איינאַנדער, — די קעמלען זיינען צו־שווער באַלאָדן און זיי וועלן נישט קאָנען גיין אין טיפן זאַמד.

מיינע קעמלען זיינען געווען איינגעטיילט אין צוויי גרופּעס, יעדע גרופּע איז באַשטאַנען פון פיר קעמלען, געבונדן צווישן איינאַנדער מיט אַ שטריק, וואָס האָט זיך אַדורכגעצויגן דורך די נאָזלעכער פון ערשטן קעמל. דער עק פונם שטריק איז געווען צוגעבונדן צום וויידל פון הינטערשטן קעמל.

דער קעמל, אויף וועלכן איך בין געפאָרן, האָט געטראָגן מיינע ביידע קאַסטנס מיט אינסטרומענטן, ווי אויך אַלץ, וואָס איך האָב געברויכט צו האָבן טאָג־טעגלאַך אין לאַגער און מיין געצעלט. צווישן ביידע הויקערס פון מיין קעמל, איבער די קאַסטנס, זיינען געווען אויסגעלייגט דיוואַנעס, קישנס און פּילצענע קאָלדרעס. אַזויאַרום בין איך מיר געזעסן באַקוועם, ווי אין אַ וויגשטול און וויל מוכאַמעד שאַ האָט שטענדיק גוט אַכטונג געגעבן אויף מיין קעמל, האָב איך מיך גאַנץ רוהיק געקאָנט באַשעפטיקן מיטן זייגער, מיט דער געגנט און מאַכן מיינע מעסטונגען.

שוין עטלאַכע טעג, ווי דער פרילינג האָט זיך אָנגעהויבן. די זון האָט הייס געשיינט, ס'האָבן געבלאָזן לינדע ווינטעלאַך. די פּויערים האָבן געזייט זייערע פעלדער און די פליגן און זומער־פייגלאַך האָבן שוין פריילאַך געזשומעט אין דער לופטן. און אין אָט די הערלאַכע זומערטעג האָבן מיר אָנגעהויבן אונזער נסיעה אין אַ לאַנד, וואָס איז טויזנטער יאָרן געלעגן וויסט און טויט. ס'איז געווען אַ פייערלאַכער מאָמענט, ווען די קעמלען האָבן זיך געלאָזט שפּאַנען דורך די גאַסן פון דאָרף מיט געהויבענע קעפּ און שטאָלץ־רוהיק. דער עולם איז געווען טיף גערירט. שטום האָבן זיי געקוקט אויף אונז און בעת מעשה אונז באַגלייט ווי אויף אַ לויה.

די הייזער פון דאָרף זיינען געלעגן צעוואָרפן צווישן אַלט־גרויע פּאַפּלען (ביימער), צווישן תבואה־פעלדער, גערטנער, קזשאַקעס און קאַנאַלן, און אַ האַלבע שעה לאַנג זיינען מיר געגאַנגען רוהיק איבער אַ גלאַטן באָדן. פּלוצלונג האָבן מיר דערהערט אַ

שרעקלאַכן געפילדער: אונזערע ביידע יונגע קעמלען זיינען אַריינגעפאַלן אין אַ מין ווילדן צושטאַנד. זיי האָבן צעריסן זייערע נאָזשטריק, אַראָפּגעוואָרפן פון זיך די משאות און זיך געלאָזן לויפן איבער די פעלדער, ווי די שדים, אַזוי, אַז ס'האָט זיך אויפגעהויבן אַ געוואַלטיקער שטויב, וואָס האָט זיי איינגעהילט, ווי אין אַ וואָלקן. איינע פון אונזערע וואַסער-כלים האָט באַקומען אַ לאָך. מען האָט אָבער די אַנטלאָפענע באַלד געכאַפּט, צוריק זיי באַלאָדן און איצט האָט מען זיי שוין געפירט איינציקווייז. אַ ווײַלע שפּעטער זיינען ווידעראַמאָל ווילד געוואָרן אַנדערע צוויי קעמלען און ווידעראַמאָל האָט זיך אָפּגעשפּילט דיזעלבע סצענע. עטלעכע פּעק זיינען געשעדיקט געוואָרן. אַזוי האָט זיך דאָס איבערגעחזרט עטלעכע מאָל. מיר האָבן צוריק געמוזט איבערפּאַקן די משאות און בעסער איינטיילן זיי צווישן די קעמלען. מיר זיינען שוין בכלל געווען פאָרזיכטיקער און די כלים מיט וואַסער האָבן מיר אַרויפגעלייגט אויף די רוהיקערע קעמלען.

נאָכדעם, ווי מיר זיינען אַדורכגעפאָרן די גערטנער און פעלדער פון דאָרף, זיינען מיר אַרויס אין אַ גרויסן סטעפּ מיט צעוואָרפן-שטייענדיקע פּאַפּלען, ס'האָט געבלאָזן אַ צפון-מערב-ווינט און הויכע, גרוי-געלע זאַמדזיילן האָבן זיך געטראָגן אין דער מזרח-זייט. דער באָדן איז ערטערווייז באַדעקט געווען מיט אַ געדיכטן שטויב, ערטערווייז מיט זאַלץ. דאַן האָבן זיך אָנגעהויבן גלייכע זאַמדבערגלאַך, און באַלד האָבן מיר זיך דערזען אינמיטן מדבר.

אָפּגעשטעלט האָבן מיר זיך צום ערשטן מאָל ביים ברעג פון אַן אויסגעטריקנטן טייכל, זעקס מעטער ברייט און אָנדערטאַלבן מעטער טיף. דער באָדן איז געווען טרוקן, אָבער ווען מיר האָבן אָנגעהויבן צו גראָבן, איז די ערד פייכט געווען און אין אַ טיפקייט פון הונדערט און אַכט סאַנטימעטער האָט אַ שפּראָץ געטאָן וואַסער, וואָס איז אָבער געווען ביטערלאַך און נישט געשמאַק. די הינט און די שעפסן האָבן עס דורשטיק געטרונקען און מיר האָבן עס געברויכט צו קאָכן אייער און צו

אַרומוואַשן זיך. אַ האַלבע שעה שפּעטער זיינען שוין די קעמלען געווען אָנגעלאָדן און צוזאַמענגעבונדן אין קרייז אַזוי, אַז זיי זאָלן זיך נישט קאָנען אַנידערלייגן, ווייל דעמאָלט ווערן זיי שטייף אויף די פיס און ס׳געדויערט זייער לאַנג, איידער זיי גייען ווידער גוט. איך האָב דאָ צום ערשטן מאָל גענעכטיקט אין מיין געצעלט, וואָס איז אויפגעשטעלט געוואָרן נעבן אַ פּאַפּלע. מיינע מענטשן האָבן געמאַכט פייער און אויפגעקאָכט זיך וועטשערע: רייז מיט אייער. די שעפּסן האָבן זיך געפּיטערט אויפן גראָז. די הינט און די הינער האָבן אויך באַקומען צום עסן.

דער טאָג איז געווען אַ וואַרימער, אָבער גלייך נאָכן זונאונטערגאַנג איז געווען קיל. יאָלטשי, דער וועגווייזער, האָט מיר שוין לאַנג פאַרציילט פון זיין באַקאַנטשאַפט מיטן מדבר און האָט מיר שטאַרק געראָטן צו האַלטן זיך עטלעכע טעג אין וועג נאָנט פון רעכטן ברעג פון יאַרקענט-דאַריאַ. אַזוי אַרום—האָט ער דערקלערט—וועלן מיר קומען צו אַ באַרג טשאַקמאַק און אַ גרויסער אָזערע, וואָס איז פאַרבונדן מיט אַ טייך. במשך פון אַכצען טעג גאַנג וועלן מיר קומען צו אָט דעם טייך און פון דאָרט וועלן מיר אין אַ טאָג אַרום קומען צום גרויסן באַרג מאַזאַר-טאָג. וועלכער איז דער העכסטער באַרג אינעם מדבר.

די ערשטע מאַרשטעג.

אויף צומאָרגנס האָט מיך אויפגעוועקט אַ שטאַרקער צפון-מזרח-ווינט, וואָס האָט אָנגעפּילט די לופט מיט שטויב. דאָס צוגרייטן פרישטיק און באַלאָדעווען די קעמלען האָט געדויערט העכער צוויי שעה. די קעמלען האָבן זיך דערווייל גוט אויפגעפירט אין וועג. דער באָדן איז שוין אָבער געווען אַ סך שווערער. מיר זיינען אַריינגעקומען אין אַ כאַאָס פון זאַמדבערגלאַך, וואָס האָבן זיך געצויגן פון צפון קיין דרום. מיר האָבן אפילו געזען אויסצומיידן די בערגלאַך, אָבער עטלאַכע פון זיי האָבן מיר דאָך געמוזט אַריבערגיין און טרעטן אין זייער ווייכן זאַמדרוקן. די קעמלען מיט די וואַסער-כלים זיינען בעת מעשה געפאַלן, צום גליק, בלויז אויף די פאָדערשטע פיס. אויפשטיין אָבער האָבן זיי געקאָנט ערשט דעמאָלט, ווען מען האָט אַראָפּגענומען פון זיי די משאות. צו מיטאָג-צייט האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ היבשן אומוועג, כדי אויסצומיידן די בערגלאַך.

דער צפון-ווינט האָט געבלאָזן דעם גאַנצן טאָג. דער הימל איז געווען גרוי און פאַרוואָלקנט און אונז האָט עטוואָס געשוידערט פון קעלט. דעם לאַגער האָבן מיר אויפגעשטעלט צווישן צוויי אַלטע בערגלאַך, וואו מיר האָבן געגראָבן אַ ברונים, וועלכער האָט אונז געגעבן וואַסער שוין אויף אַ טיפקייט פון צוויי-און-זעכציק מעטער. דאָס וואַסער איז אָבער ווידער געווען געזאַלצן און ביטער.

דעם 12-טן אַפּריל זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען כמעט פינף-און-צוואַנציק מעטער, ליינגאויס דעם ברעג פון „גרויסן זאַמד", וואָס זיין רוקן האָט זיך געצויגן צו צפון. די געגנט איז נאָך אַלץ

נישט געווען קיין עבֿט מדבריותדיקע, ווייל דאָ און דאָרט האָבן זיך נאָך געצויגן פאַסן פון סטעפּעס מיט פאַרטריקנטע צמחים. האָט מען זיך צוגערירט צו דידאָזיקע צמחים, זיינען זיי זיך באַלד צעפאַלן מיט אַ קנאַקעריי, ווי זיי וואָלטן, אַ שטייגער, געווען פון גלאָז. אויף אַ האַרטן, גלאַטן זאַמדבאָדן מאַרשירט זיך זייער גוט; אָפט איז אָבער דער זאַמד געווען באַדעקט מיט אַ הויכֿן פאַך שטויב, וואָס איז געווען אַזוי ווייך, ווי וואַטע און אין טייל ערטער אַזוי טיף, אַז די קעמלען האָבן דערין געזונקען בֿיז די קני. אין פֿיל ערטער איז דער באָדן געווען באַדעקט מיט זאַלץ, וועלכֿער האָט געקנאַקט אונטער די פיס פון די קעמלען.

שוין אין לאַגער נומער דריי האָבן מיר זיך אָפּגעזאָגט צו גראָבן אַ ברונען, ווייל מיר האָבן בֿיז הונדערט זיבנאונאַכֿציק מעטער טיף נישט געפונען קיין וואַסער. אַ פּאָר שעה שפּעטער איז דאָרט אָנגעקומען קלאָר און גוט וואַסער, אָבער מיר האָבן דאָך געמוזט אַזויאַרום שפּאָרן אונזערע וואַסער-זאַפּאַסן. די קעמלען האָבן זיך געמוזט צופרידנשטעלן מיטן קייַע אַיר, וואָס איז דאָרט געוואַקסן; די הינט האָבן באַקומען ברויט, די הינער-גערשטן און שאָלעכֿץ פון אייער. אויפן צווייטן טאָג האָט זיך אָנגעזאַמלט וואַסער אין אַ ברונען, וואָס איז געווען בלויז צאַכֿצן סאַנטימעטער טיף. אין דעם טאָג זיינען מיר אַדורכֿגעגאַנגען כמעט איינאונדרייסיק קילאָמעטער און כמעט שטענדיק געוואַנדערט איבער די רוקנס פון בערגלאַך.

פּאַפּלען האָבן מיר איצט געזען זייער פֿיל. מאַנכֿע זיינען געווען באַדעקט מיט בליונג און די קעמלען האָבן געשמאַק געקייט זייערע גרינע בלעטער-קעפּלאַך. אַרום די פּאַפּלען האָבן זיך געצויגן זאַמדבערגלאַך און קיילעכֿדיקע כוואַליעס. צווישן די בערגלאַך האָבן זיך געוואַלגערט דאַרע צווייגן און פאַרדאַרטע קאָרע. בייטאָג איז געווען גוט הייס. די הינט האָבן אין שאָטן פון די פּאַפּלען אָפּגעקראַצט דעם זאַמד און זיך געלייגט אויף דעם אונטערשטן, קילערן זאַמדפּאַך.

צווישן יאָלשטין און אילזאַם באַיען האָט זיך שוין אָנגעהויבן אַ

ביז לעבן: אילזאַם האָט געריטן אויפן ערשטן קעמל און דערפאַר האָט ער בעסער געזען פאַר זיך די געגנט, איידער דער וועגווייזער יאָלטשי, וועלכער איז געגאַנגען צופוס. אילזאַם האָט פיל מאָל אָנגענומען אַן אַנדער ריכטונג, ווי די, וואָס יאָלטשי האָט געוואָלט. אַ פּאָר מאָל האָט יאָלטשי זיך געוואָרפן אויפן זאַמד און דערקלערט, אַז פון איצט אָן זאָל שוין אילזאַם אַליין פירן דעם קאַראַוואַן, און ער וועט זיך שוין מער נישט מישן.

אין אָוונט איז דער געראַנגל צווישן ביידע געוואָרן אַזוי העפטיק, אַז יאָלטשי איז אַרייַנגעקומען צו מיר אין געצעלט און געבעטן איך זאָל אים לאָזן גיין צוריק אַהיים, ווייל אילזאַם קאַרגט אים ברויט און וואַסער און פּאָלגט אים נישט. איך האָב אים דערקלערט, אַז ער קאָן זיך גיין אַהיים, נאָר זאָל ער מיר פריער אויסצאָלן די הונדערט טענגע, וואָס ער האָט גענומען ביי מיר שכירות פאַר אַ חודש פאָרויס. האָט ער זיך דערשראָקן און געבעטן, איך זאָל אים איבערלאָזן אויף זיין שטעלע. פון איצט אָן וועט ער שוין געהאָרכן מיין קאַראַוואַן-פירער. אָבער זיין שנאה צו אילזאַם באַי איז זיך אַלץ געוואַקסן. ער פלעגט שטענדיק גיין אַליין און האָט צו קיינעם קיין וואָרט נישט גערעדט. צום לאַגער-פייער פלעגט ער קומען ערשט דעמאָלט, ווען אַלע פלעגן זיך לייגן שלאָפן, און אפילו שלאָפן פלעגט ער אויך ערגעץ-וואו אָן דער זייט פון אַלעמען. מיינע איבעריקע לייט האָבן אים שוין דעמאָלט חושד געווען, אַז ער פירט אונז בכיוון פאַלש, כדי מיר זאָלן אומקומען אין וועג... אָבער אויב דאָס איז אַזוי, וועט ער אַליין אַרייַנפאַלן אין יענעם גרוב, וואָס ער וויל אויסגראָבן פאַר אונז!

אַ גן־עדן ביים מאַזאַר־טאַג.

דעם 14-טן אַפּריל זיינען מיר אַדורכגעגאַנגען אַכצען מיט אַ האַלבן קילאָמעטער. פֿון אַ בערגלרוקן האָבן מיר דערזען אַ פֿעלד פֿון אַאיר מיט אַ סטאַדע חיות, וואָס האָט זיך געפּאַשעט דערויף. צוליב דער ווייטקייט האָבן מיר נישט געקאָנט אונטער-שיידן, צי דאָס זיינען אַנטילאָפּן, אָדער פֿערד. יאָלטשי האָט פֿאַרזיכערט, אַז אינם דאָזיקן טייל פֿון מדבר לעבן ווילדע פֿערד, און מיר האָבן באמת געזען שפּורן פֿון פֿערד און קעמלען.

אונזערע הינט זיינען אויפֿן היינטיקן מאַרש געווען שטאַרק אומ-רוהיק. זיי זיינען אַוועקגעלאָפֿן פֿון קאַראַוואַן ווייט-ווייט, און זיינען צוריקגעקומען אינגאַנצן נאַס; זיי האָבן קענטיק, געפֿונען וואַסער, און אויך מיר האָבן לסוף זיך אָנגעשטויסן אויף אַ קוואַל פֿון קריסטאָל-ריינעם, זיסן וואַסער.

מיר האָבן דעריבער דאָ אויפֿגעשלאָגן אונזער געצעלט און אויס-גערוט זיך אַ טאָג צייט. מען האָט אָנגעפֿילט די כלים מיט וואַ-סער, אויסגעבעסערט די זאָטלען, די לייצעס און אויסגעוואַשן אונזער וועש. דער זאַמד איז געווען אָנגעברענט כמעט ביז פֿינפֿאונפֿערציק גראַד, דערפֿאַר אָבער האָבן מיר געקאָנט טרינ-קען וואַסער, וויפֿיל מיר האָבן נאָר געוואָלט, און מיר האָבן געזען, ווי די קעמלען און הינט האָבן גאָר אויפֿגעלעבט, בשעת זיי האָבן זיך אָנגעטרונקען צו זאַט. אפֿילו די הינער האָבן גע-טרונקען פֿיל וואַסער און אַלס דאַנק דערפֿאַר האָבן זיי אונז געלייגט אייער.

אין דער נאַכט האָבן די הינט שטאַרק געבילט און זיינען גע-

לאָפֿן אין דער ריכֿטונג, פֿון וואַנען מיר זיינען געקומען. אפֿשר
זיינען די שפּורן ווירקלאַך געווען פֿון ווילדע קעמלען, וועלכֿע
האָבן זיך איצט געלאָזט גיין צום קוואַל, אָבער דערשפּירנדיק
מענטשן, זיינען זיי צוריקגעלאָפֿן.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר אויף אונזער מאַרשרוט שוין געהאַט
פֿאַר זיך נישט קיין זאַמדבערגלאַך, נאָר אַ סטעפּ מיט אויסגע-
דאַרטן אַאיר. דעם 17-טן אַפּריל האָבן מיר אויפֿן צפֿון-האָריזאָנט
דערזען די שאָטנס פֿון אַ הויכֿן באַרג און זיך געלאָזט גיין צו
אים. דאָ האָבן מיר שוין ווידער געהאַט פֿאַר זיך זאַמדבערג-
לאַך פֿון פֿינף מעטער הויך און דער וועג איז אָפּט געווען
זייער שווער. צווישן די בערגלאַך אָבער האָבן זיך געצויגן זאַפּ-
טיקע אַאיר-סטעפּעס, אין וועלכֿע מיר האָבן אָפּט געזען דורכֿ-
לויפֿן אַ האָז. אויך קליינע קוואַלן זיינען דאָ געווען נישט וועלטן,
אָבער זייער וואַסער איז געווען געזאַלצן. קיין צפֿון-מזרח האָט
זיך געשליינגלט אַ פֿערציק-מעטער-ברייטער גרונט פֿון אַן אויס-
געטרוקענטן טייך, וועלכֿער האָט געהאַלטן צוויי מעטער טיף און
איז געווען זאַמדיק. אין מאַנכֿע ערטער האָט זיך נאָך געפֿונען
וואַסער. אין צפֿון האָבן אויפֿן האָריזאָנט זיך געהאַלטן לייכֿטע,
טונקעלע וואָלקנס, ענלאַך צו אַ רויך, וואָס דערהויבט זיך פֿון
ערגעץ צום הימל.

אַ שעה נאָך אַ שעה האָבן מיר געוואַנדערט, אָבער צום באַרג
האָבן מיר זיך אַלץ נישט דערנענט. יאָלטשי האָט געזאָגט, אַז
מיר זעען עס דעם באַרג מאָזאַר-טאַג, און דער אויסגעטריקנטער
טייך איז זומערצייט, בשעת עס שמעלצן די שנייען אויף די
בערג, פֿול מיט וואַסער און ער גיסט זיך אַריין אין יאַרקענט-
דאַריאַ. די וואָלקנס האָט ער געהאַלטן פֿאַר נעפּלען, וואָס
שטייגן אַרויס פֿונם דאָזיקן טייך.

אַ שעה לאַנג האָבן מיר געוואַנדערט צווישן צוויי פּאַראַלעלע
בערגרוקנס; דאַן זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען דאָס בערגל, וואָס
איז געלעגן רעכֿטס און אַריינגעקומען אין אַ טאָל צווישן אַנדע-
רע בערגלאַך. נאָכֿדעם האָבן מיר דורכֿגעמאַרשירט אַכֿטאונצוואַנ-
ציק מיט א האַלבן קילאָמעטער און אויפֿגעשלאָגן אונזער גע-

צעלט אונטער שטאָנדיקע פֿאַלען. דאָס איז געווען אונזער לאַגער נומער זיבן. קיין צפֿון האָט זיך געצויגן אַ געדיכטער פּאַפּלען-וואַלד. דעם 18-טן אַפּריל זיינען מיר אויף אונזער וואַנדערונג אַריינגעדרונגען טיפֿער אין וואַלד. דער באָדן איז דאָ געווען באַדעקט מיט טרוקענע בלעטער און פֿונם מדבר האָט מען שוין נישט געזען קיין שפּור.

מיר זיינען געקומען צו אַ גרויסן, מיט אַאיר געדיכט פֿאַרוואַקסענעם זומפּ, וואו מיר האָבן, צו אונזער איבעראַשונג, דערזען שפּורן פֿון מענטשן און פֿערד, און שפּורן פֿון אַש און קוילן פֿון אַ פֿאַרלאָשענעם פֿייער—משמעות, אַז דידאָזיקע געגנט פֿלעגט באַזוכט ווערן פֿון די איינוואוינער אין די אַרומיקע לענדער. זומערצייט פֿלעגן זיי דאָ פּיטערן זייערע טשערעדעס און זאַמלען האָלץ אויף דער ווינטערצייט.

דער זומפּ האָט זיך ענדלאַך פֿאַרוואַנדלט אין אַ לאַנגער אָזערע, וואָס האָט זיך געצויגן צום צפֿון. מיר זיינען געגאַנגען ביים ברעג פֿון דער אָזערע. אָפּט איז דאָ דער וואַלד געווען אַזוי געדיכט, אַז מיר האָבן געמוזט אויסגעפֿינען עפּיס אַן אַנדער וועג. די אָזערע האָט דאָ געהאַלטן עטלאַכע קילאָמעטער ברייט, דאָס איז, וואַרשיינלאַך, געווען די התחלה פֿון יאַרקענט-דאַריאַ.

ווען מיר האָבן זיך געלאָזט רעכטס פֿון דער אָזערע, זיינען מיר ווידער אַריין אין אַ וואַלד, וואָס איז געווען אַזוי געדיכט, אַז איך האָב געמוזט גיין צופֿוס. דאָ האָבן מיר אויפֿגעשטעלט אונזער לאַגער און געמאַכט אַ גרויס פֿייער. אויב דאָ האָבן זיך באמת געפֿונען מענטשן, האָבן זיי אונז זיכער באַמערקט. אָבער קיינער האָט זיך נישט באַוויזן.

אויף צומאָרגנס האָט עס אויסגעוויזן, אַז מיר קומען שוין צו נענטער צום באַרג. זיינע קאָנטורן האָבן זיך דייטלאַכער געצייכנט אויפֿן הימל. אין צפֿונזייט האָבן מיר, צווישן בערגלאַך, באַמערקט עטלאַכע קליינע אָזערעס מיט זיס וואַסער. צווישן די דאָזיקע אָזערעס, אונטערן שאָטן פֿון געדיכטע פּאַפּלען האָבן מיר אויפֿגעשלאָגן אונזער געצעלט. דאָ האָבן מיר געשאָכטן אונזער צווייטע שעפּס, און די הינט, וועלכע האָבן לאַנג געפֿאַסט און

געמוזט בלויז אָפּקומען מיט ברויט, האָבן איצט באַקומען אַ רייכן מיטאָג פון בלוט מיט איינגעווייד.

דאָס איז געווען אַזאַ הימלאַכע ליבע געגנט, אַז מיר האָבן באַשלאָסן זיך אויסצורוען אַ צווייטן טאָג. די היץ איז געווען זייער גרויס. יעדע שעה האָט מען געמוזט טרינקען אַ פּאָר מאָל. כּדי צו דערהאַלטן פריש דאָס וואַסער אין די אייזערנע כּלים, האָבן מיר זיי אַרומגעוויקלט מיט פייכטע טיכער און זיי אויפגעהאָנגען אויפן ווינט, אין שאָטן פון די ביימער.

אילזאַם באַי האָט אויף דער אָזערע דערשאָסן אַ פּאָר ווילדע גענז, אָבער ער האָט זיי נישט געקאָנט באַקומען. איך האָב געוואַנדערט באַרג-אַרויף, אָבער ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז דער באַרג איז איזאָלירט פון אַלע זייטן. אין צפון האָט זיך דערהויבן די בערגקייט מאַזאַר-אַלדי. צווישן אָט דעם באַרג און אונזער לאַגער האָט זיך געצויגן אַ פייכטע, גרייז-גרינע סטעפּ, פול מיט קליינע, בלישטשענדיקע קוואַלן און זומפּן. אויך אין מזרח האָט זיך געזען אַ באַרגרוקן און אין דרום—אַ געמיש פון קליינע באַרגשפּיצן, התחלות פון די באַרגקייטן, אונטער וועלכע מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער.

בשעת איך בין געשטאַנען אויפן באַרג, אין דער קילער לופט פון פאַרנאַכט, האָט זיך געזעצט די זון. דער ווינט האָט זיך געלייגט און די סטעפּעס און אָזערעס האָבן זיך איינגעהילט אין אַ לייכטן נעפּל. שטיל, שטיל איז געווען אַרום; נאָר די מאָסקיטעס און מיקן האָבן לייכט געזשומעט; טיילמאָל האָט אַ פראָש געקוואַקעט אין זומפּ, אַ גאַנז האָט אַ געשריי געטאָן אין דערווייטן, אָדער ס'האָט זיך דערטראָגן דער קלאַנג פון אַ קעמלגלאָק אין אונזער לאַגער. ווען איך דערמאָן זיך אָן די ווייטערדיקע צוויי וואָכן, שטייט מיר אויף אין דמיון דער אָוונט, ווי אַ זיסע גן-עדן-מינוט

נישט פאַרזיכטיק.

ווען איך בין צוריקגעקומען אין לאַגער, האָבן אַלע נאָך געשלאָפן; נאָר אילזאַם באַי איז געווען פאַרנומען מיטן צוגרייטן וועטשערע: אַ זופּ פון שעפּסנפלייש, געבראָטענע קאַרטאָפל און טיי. ס'איז געווען צוואַנציק גראַד היץ; אין דער נאַכט אָבער איז די טעמפּעראַטור אויף צען גראַד געפאַלן און אונז האָט זיך געדאַכט, אַז ס'איז זייער קאַלט.

מענטשנשפּורן האָבן מיר אויך דאָ אַרום געפונען. ביים ברעג אָזערע איז אפילו געשטאַנען אַ פאַרלאָזן הייזל, און ווען מיר זיינען דעם 19-טן אַפּריל ווידער אַרויס אין וועג, האָבן מיר פון דאָסניי געפונען צווישן די זאַמד-בערגלאַך אַ וועג מיט אויסגעפאָרענע שפּורן, וועלכע האָבן זיך געצויגן אין וואַלד אַריין. זייער פאַרוואונדערט איבער דערדאָזיקער אַנטדעקונג, זיינען מיר געגאַנגען לויט די שפּורן: מיר האָבן געוואָלט זען, וואוהין זיי וועלן פירן; באַלד אָבער זיינען די שפּורן פאַרשוואונדן: דער וואַלד האָט זיך געענדיקט און מיט אים אויך דער וועג.

מיר זיינען געגאַנגען ווייטער קיין דרום-מזרח. דאָ איז געלעגן אַ גלאַטע, האַרטע, קאַרג באַוואַקסענע סטעפּ, איבער וועלכער ס'איז זייער באַקוועם געווען צו מאַרשירן. אונטערן באַרג, אין מזרח, האָט זיך ווידער באַוויזן אַ לאַנגע און שמאָלע אָזערע, וואָס אויף איר ברעג האָבן מיר, צו אונזער גרויסער פאַרוואונדערונג, געפונען דריי פערד אויף דער פאַשע. צו וועמען האָבן געהערט דידאָזיקע פערד? צוויי פון מיינע לייט האָבן זיך געלאָזט גיין אין די פרישע שפּורן און זיינען באַלד געקומען צוריק מיט אַ פרעמדן מענטשן.

דער מענטש האָט געשטאַמט, ווי עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, פון מאַראַל-באַשי און, לויט ווי ער האָט ערקלערט, פלעגט ער קומען אַהער צו זאַמלען שטיינזאַלץ, וואָס איז געווען פון זייער אַ גוטן סאָרט און וואָס מען האָט דאָ, אין די בערג, געקאָנט געפינען מאַסנווייז. דאָס זאַלץ פלעגט ער פאַרקויפן אויפן באַזאַר פון מאַראַל-באַשי און פלעגט דערביי מאַכן גוטע געשעפטן. פון דאַנען קיין מאַראַל-באַשי נעדויערט אינגאַנצן צוויי טעג. דער באַרג, וואָס מיר האָבן געזען אין דערדאָזיקער ריכטונג, איז טאַקי געווען אַ צווייג פונם באַרגקייט מאַזאַר-אַלדי. וואָס איז אָבער געווען ווייטער צום דרום-מזרח און ווי ווייט מיר זיינען געווען אַ שטייגער פון כאָטאַן-דאַריאַ,—דאָס האָט ער אונז נישט געקאָנט זאָגן. געהערט האָט ער, אַז דאָרט ציט זיך נאָר אַ זאַמדיקער מדבר אָן אַ טראָפן וואַסער, און דער מדבר הייסט טאַקלאַ-מאַקאַן.

מיר האָבן זיך אָפּגעזעגנט מיטן פרעמדן און זיך געלאָזט גיין ווייטער צום דרום-מזרח איבערן האַרטן שטח. דער באַרג רעכטס האָט זיך ביסלאַכווייז אַראָפּגעלאָזט אין טאָל אַריין. דער באָדן איז דאָ באַשטאַנען פון האַרטן, טיף-געשפּאָלטענעם ליים. קענטיק, אַז זומער איז דער ליים דאָ רעגלמעסיק פאַרפלייצט פון וואַסער. די אָזערע איז דאָ געוואָרן שמעלער און האָט זיך ביסלאַכווייז פאַרוואַנדלט אין אַ גרויסן זומפּ, וואָס ביז מיר זיינען געקומען צו זיין מזרח-ברעג, האָבן מיר געמוזט מאַכן אַ גרויסן אומוועג.

מיר האָבן גערעכנט, אַז דאָס איז דער לעצטער פונקט, וואו מיר וועלן באַקומען פריש וואַסער און מיר האָבן דעם 22-טן אַפּריל באַשטימט פאַר אַ רום-טאָג. די קעמלען און אונזער לעצטע שעפּס האָבן זיך געפיטערט אין פעטן גראָז ביים ברעג פון דער אָזערע און איך בין אַרויף אויפן באַרגרוקן, צו אָריענטירן זיך אין דער אַרומיקער געגנט.

דער באַרג האָט זיך אַריינגעשניטן אין מדבר אַריין, ווי אין אַ ים. ווייטער אין דער דרום-מזרח-ריכטונג האָט זיך ווידער געהויבן אַ הויכע פעלזנמאַסע. אויסערדעם, האָב איך שוין מער

קיין שפור נישט געזען פון בערג. אַזוי ווייט, ווי דאָס אויג האָט נאָר געקאָנט דערגרייכן, איז אין דרום, דרום-מזרח און דרום-מערב געלעגן בלויז דער מדבר און ביים האָריזאָנט האָט דער הימל זיך געקושט מיטן זאַמד און קיין שום הפסק צווישן ביידן האָט זיך נישט געזען. אַז ווייטער צו דרום זאָל זיך ווי-דער אויפהויבן דער המשך פון באַרג מאַזאַר-טאַג, אָדער אַן אָפּגעזונדערטער טייל פון אים, האָב איך נישט באַמערקט, און דאָס איז אויך נישט געווען וואַרשיינלאַך.

במשך פונם טאָג האָבן מיר אָפּגעהאַלטן אַ באַראַטונג וועגן דעם ווייטערדיקן מאַרש. יאָלטשי האָט פאַרזיכערט, אַז דער טייך כאָ-טאַם-דאַריאַ געפינט זיך אין מזרח און ער איז ווייט פון אונז העכסטנס פיר טעג גאַנג. די בעסטע רוסישע מאַפּעס, וועלכע איך האָב געהאַט ביי זיך, האָבן אָנגעוויזן, אַז פון דאַנען ביזן דאָזיקן טייך ליגט אַ מהלך פון הונדערט און דרייסיק קילאָמע-טער; ווען מיר זאָלן, צלוזאָ, גיין צוואַנציק קילאָמעטער אַ טאָג, מוזן מיר אין זעקס טעג אַרום זיין ביים טייך און שוין צוויי טעג פריער וועלן מיר האָבן ברונעמוואַסער. אויף יעדן פאַל האָב איך באַפוילן מיינע לייט, אָנצוגרייטן וואַסער אויף צען טעג. אַזויאַרום האָט מען אָנגעפילט די כלים ביז דער העלפט. די משא איז דעריבער געוואָרן לייכטער, און מיינע קעמלען האָבן נישט באַדאַרפט זינקען אין טיפן זאַמד אויף יעדן טריט און שריט. אפילו ווען מען זאָל געבן די קעמלען וואַסער צו טרינ-קען צוויי מאָל טעגלאַך, וועט אונז קלעקן וואַסער אויף זעקס טעג.

די אויפגאַבע אָנצוגיסן וואַסער אין די כלים האָבן מיר איבער-געגעבן יאָלטשין און קאַזימען. די־דאָזיקע אַרבעט האָבן זיי גע-טאָן ביינאַכט און איך ווייס נאָך גענוי,—איך האָב אַליין גע-הערט, ווי די טייערע פליסיקייט האָט זיך געגאָסן אין די כלים אַריין. מיינע חשבונות זיינען געווען אַזוי קלאָר און איינפאַך און מיינע באַפעלן אַזוי דייטלאַך, אַז ס'האָט זיך מיר אפילו

נישט געחלומט, אַז איך זאָל מוזן אין לעצטן אויגנבליק גיין קאָנטראָלירן, צי מען האָט זיי ריכטיק דערפילט.
אָט דער צוטרוי צו מיינע לייט, וואָס איז געווען אַ ביסל צו-שטאַרק, האָט מיר געבראַכט שרעקלאַכע אומגליקן. איך בין געווען צו-אומפאָרזיכטיק...

ביי די לעצטע טאַמאַריסקעס.

דעם 23-טן אַפּריל איז אפילו געווען שרעקלאַך הייס, דאָן זיינען מיינע קעמלען אַדורכגעגאַנגען זיבנאונצוואַנציק מיט אַ האַלבן קילאָמעטער, ווייל זיי זיינען געווען גוט אויסגערוט. תחילת זיינען מיר געגאַנגען איבער אַ מאָגער באַוואַקסענער סטעפּ. שפּעטער זיינען מיר אַרויף אויף אַ זייער וויסטן באָדן. דער זאַמד איז דאָ געווען אָנגעטריבן אין קליינע בערגלאַך און צען מינוט שפּעטער האָבן מיר שוין געשטעקט אין אַ געדיכטער נעץ פון זאַמדבערגלאַך, וועלכע האָבן זיך געצויגן קווער איבער אונזער וועג פון צפון-מזרח צו דרום-מערב, ווי דער ווינט האָט זיי אָנגעטראָגן. זיי האָבן געהאַלטן זעקס-זיבן מעטער הויך און אָפט איז געווען זייער שווער זיי אַריבערצוגיין, באַזונדערס דעמאָלט, ווען זיי האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט משופּעדיק צו דרום-מערב אָדער צו מערב. דאָ און דאָרט האָבן די זאַמדבערגלאַך אַדורכגעשניטן איינע די אַנדערע און אַזויאַרום איז דאָרט געוואָרן אַ פּיראַמידע פון זאַמד. דאָס האָט געשטאַמט דערפון, וואָס דער ווינט האָט דאָ געביטן די ריכטונג, אָדער ער האָט זיך געדרייט אַרום איין פּונקט, ווי דאָס קומט פאָר בשעת אַ שטורם. אַזעלכע פּיראַמידן, אָדער צווייפאַכע זאַמדבערגלאַך, זיינען שוין געווען דאָפּעלט הויך, ווי דאָס קומט פאָר אויך אויפן ים, ווען איין כוואַליע וואַרפט זיך אויף דער אַנדערער.

די קעמלען האָבן מיט אַ וואונדערלאַכער זיכערקייט געקלעטערט אויף דער שפּיץ פון די בערגלאַך, דאָרט, וואו מיר, מענטשן, האָבן נאָר מיט דער גרעסטער אָנשטריינגונג געקאָנט אַרויפקומען, ווייל ביי יעדן טריט פאָרויס האָבן אונזערע פיס זיך אויס-

געגליטשט מיטן זאַמד, וואָס האָט זיך צעראָפּגעקייקלט פֿון באַרג.

די זאַמדבערגלאַך האָבן זיך* פֿאַנאַנדערגעשפּרייט ווייט-ווייט צו מזרח און דער מדבר האָט דאָ אויסגעזען, ווי אַ גרויסער ים מיט טונקל-געלע כוואַליעס. אַזאַ מין לאַנדשאַפֿט האָט געמאַכט אויף מיר זייער אַ שווערן רושם, ווייל איך האָב פֿאַרויסגעזען, וואָס פֿאַר אַ אימהדיקע שוועריקייטן מיינע קעמלען און מענטשן וועלן דאָ האָבן דורכצומאַכן אין וועג. איין טרייסט האָב איך נאָר געהאַט: איך האָב פֿעסט געגלויבט אין מיין הצלחה און בין שטאַרק געווען מיט מיין רצון צו גיין פֿאָרויס. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז אפֿילו דער ווינט אינם מדבר רוימט מיר איין: „גיי פֿאָרויס!", און דער גלאָק פֿון קאַראַוואַן זינגט מיר: „גיי פֿאָרויס!" „פֿאָרויס! פֿאָרויס!" איז געווען מיין לאָזונג, און ממילא איז קיין אָרט נישט געבליבן פֿאַר ספקות און מורא.

די זאַמדבערגלאַך האָבן אָנגעהויבן געשווינד צו וואַקסן אין דערהויך. אָט האַלט עס שוין ביי צוואַנציק, פֿינפֿאונצוואַנציק און דרייסיק-מעטער-הויכע בערגלאַך. ווען דער קאַראַוואַן קומט אַרויף אויף אַזאַ הויך, זעט ער אויס פֿון דערנידער פֿיל קלענער. מיר האַלטן זיך מיט אַלע כּחות אויף דידאָזיקע בערגלאַך. אין די טאָלן, צווישן זיי, איז ערגער. דערפֿאַר קומט אונז אויס צו גיין זיגזאַגיש און ממילא רוקן מיר זיך פֿאָרויס זייער לאַנגזאַם. אויב מיר קאָנען שוין ווייטער נישט גיין אַזוי און מען מוז אַראָפּגיין פֿון בערגל, כאַפּן אונזערע קעמלען תּחילת אַ שוידער, דערנאָך אָבער הויבן זיי אָן אַראָפּצוגיין אינם ווייכן זאַמד. זיי מאַכן דאָס זייער געשיקט; נאָר דער קעמל, וואָס האָט געטראָגן די כּלים מיט וואַסער, איז דערביי צעבידערגעפֿאַלן און האָט נישט געקאָנט אויפֿשטיין, ביז מען האָט אים באַפֿרייט פֿון זיין משא. טיילמאָל אָבער האָבן אונז גלייכע שטייענדיקע זאַמדבערג פֿאַרשפּאַרט דעם וועג. אין אַזאַ פֿאַל פֿלעגן מיר זיך נעמען פֿאַר דער לאָפּאַטע און אַדורכגראָבן אַ וועג פֿאַר די קעמלען.

די ערטער, וואו דער באָדן איז באַשטאַנען פֿון האַרטן ליים, ווי מיר האָבן עס געזען אין די פֿריערדיקע טעג, זיינען איצט

אינגאַנצן פֿאַרשוואונדן. דאָ האָבן מיר געהאַט פֿאַר זיך, ווייט-ווייט ביזן הימל, נאָר מעל-דינעם געלן זאַמד און קיין שום גרעזעלע, קיין שום בלעטעלע האָט נישט דערפֿרייט דאָס אויג. נאָר וואו-נישט-וואו פֿלעגט זיך באַווייזן אַ פֿאַראיינצלטע טאַמאַריסקע (אַ מין בוים), וועלכע האָט זיך ווייניק-וואָס געקימערט וועגן דעם הייסן אָטעם פֿונם מדבר און זיין טרוקענעם באָדן. קיין פֿויגל האָט די לופֿט נישט באַלעבט, קיין שפּור פֿון אַן אינדיק, אָדער אַ הירש האָט מען נישט געזען אויפֿן זאַמד. כ'האָב געקוקט אין מיין שפּאַקטיוו—זאַמד און זאַמד, בערג פֿון זאַמד אויף אַלע זייטן, ביז צום הימל אַרויף און מער גאָרנישט.

די אָרימע הינט האָבן שטאַרק געליטן פֿון דער היץ אין זייער דיקן פֿעלץ. באַזונדער יאָמערלאַך האָט געהוילן און געבילט מיין הונט, האַמראַ, וועלכער איז צו ווילע אָפּגעשטאַנען אין וועג. העכער אַ שעה האָבן מיר געזוכט אַן אָרט, וואו אויפֿצושלאָגן דעם לאַגער. פֿאַרנאַכט האָבן מיר געפֿונען אַ גאַנץ קליינעם טאָל, וואו דער באָדן איז געווען פֿון האַרטן ליים און וואו ס'האָבן געוואַקסן די לעצטע צוויי טאַמאַריסקעס. די קעמלען האָבן תּיכּף זיך אַ לאָז געטאָן צו דיביימער און אַרומגעביסן דאָס שאָלאַכץ פֿון זייערע צווייגן. ווייטער האָבן זיי געמוזט זיך צופֿרידנשטעלן מיט דער מאָרציע אייל. מיר האָבן דאָ געפּרובט גראָבן אַ ברונים, אָבער אַז מיר האָבן נאָך אַלץ געהאַט טרוקענעם זאַמד אין אַ טיפֿקייט פֿון פֿופֿציק סאַנטימעטער, האָבן מיר אויפֿגעהערט צו גראָבן.

פּלוצלונג האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז דער הונט האַמראַ פֿעלט. האָבן מיר גענומען פֿייפֿן און רופֿן, אָבער אַ נעכטיקער טאָג. מיינע לייט האָבן גערעכנט, אַז ער האָט באַקומען אַ היץ-שלאָג פֿון דער זון. אָבער דאָס הינטל האָט שוין אויפֿן וועג געקראַצט פֿאַר זיך אַן אָרט אין זאַמד נעבן יעדער טאַמאַריסקע. משמעות, ס'האָט דערשמעקט, אַז ווייטער ליגט בלויז אַ גרויס מדבר און האָט זיך מישב געווען צו גיין צוריק—צו די ביימער און צום וואַסער. זיין חבר, יאָלדאַש, איז געבליבן אונדז געטריי און איז געגאַנגען ווייטער. דאָס האָט אים אָבער געקאָסט דאָס לעבן.

ווען מיר האָבן צום ערשטן מאָל אויפגעשטעלט אונזער לאַגער אינמיטן דעם שרעקלאַכסטן מדבר, האָט אונז אַלעמען באַהערשט עפּיס אַן אויסטערלישע שטימונג. מיר האָבן זיך קוים דערוועגט צו ריידן צו אייננאַנדער און אַרום דעם קליינעם פּייערל, וואָס מיר האָבן געמאַכט פון די וואָרצלען פון די לעצטע טאַמאַריסקעס, האָט געהערשט אַן אומגעוויינלאַכע טויטע שטילקייט. די קעמלען האָבן מיר געבונדן נישט ווייט פון אונז, כּדי עס זאָל זיי נישט איינפאַלן צו לאָזן זיך מאַרשירן צוריק צו דער פּאַשע און צום וואַסער. און אָט איז אפילו זייער גלאָק אַנטשוויגן געוואָרן און מען האָט געהערט דאָס שווערע לאַנגע אָטעמען פון די אומבאַוועגלאַכע באַשעפעניש. אַרום מיין ליכט אין געצעלט האָבן נאָך געפלאַטערט עטלאַכע פאַרבלאָנזשעטע נאַכט-שמעטערלינגען. משמעות, אַז זיי זיינען פאַרשלעפט געוואָרן אַהער טאַקי דורך אונזער קאַראַוואַן.

אַ שרעקלאַכע אַנטדעקונג

אויף צומאָרגנס האָט מיך אויפגעוועקט אַ הוראַגאַן-שטורם, וואָס האָט זיך געטראָגן פון מערב-זייט און האָט כמעט צעריסן די שטריק פון מיין געצעלט, און געהויבן און געטראָגן גרויסע וואָלקנס זאַמד. דער שטורמווינט האָט זיך געוואָרפן אויף אונז פון אַלע זייטן, ווייל מיר זיינען געלעגן אין אַ גרוב צווישן צוויי כמעט פּאַראַלעלע זאַמדבערגלאַך, וועלכע האָבן זיך געהויבן צו מזרח און צפון.

דער ווינט האָט אונז אַ ביסל אָפּגעפרישט, כאָטש די זאַמדוואָלקנס האָבן אונז איינגעהילט אינגאַנצן. דידאָזיקע זאַמדוואָלקנס זיינען געווען נישט קיין הויכע און דעריבער איז דער הימל איבער אונז געווען קלאָר און די זון האָט געברענט מיט אַ נישט-פאַרקלענערטער קראַפט. נאָר ווייט-ווייט, אויפן האָריזאָנט איז געלעגן דער געל-רויטער שלייער פון דידאָזיגע זאַמדוואָלקנס.

דער זאַמד האָט זיך פאַרקליבן צו אונז אין מויל, נאָז און אויער און איז אַריינגעדרונגען אפילו דורך די קליידער, אַזוי, אַז מען האָט געשפּירט אַ פּיקעניש אויפן גאַנצן לייב. פאַר אונז וואָלט שוין גלייכער געווען, אַז דער זעניט זאָל זיין טריב און דער האָריזאָנט זאָל זיין קלאָר, ווייל אַזויאַרום וואָלט פאַר אונז לייכט געווען צו באַשטימען אונזער מאַרשרוט. אויפן אויבערשטן שפּיץ פון זאַמדבערגל איז געשטאַנען דער אָנגעטראָגענער זאַמד, ווי אַ פלאַטערדיקע פעדער, וועלכע דרייט זיך לויטן בלאָזן פון ווינט. און אַז מיר האָבן זיך אויפגעשטעלט, האָט אונז געפייפט און געקלונגען אין די אויערן. מיין זאַפּאַס פון שניי-שפּאַקולן איז אונז דאָ צונוץ געקומען זייער גוט, כאָטש דער דינער זאַמד

איז אַדורכגעדרונגען אויך דורך די שאַטקעס פון די שפּאַקולן.
אַ קליינע פאַרלייכטערונג האָט אָבער אונז געבראַכט דער שטורם, ווען ער האָט זיך געטראָגן פון מערב-זייט: ער האָט פאַרשאָטן און אויסגעגלייכט דעם שפּוע פון די בערגלאַך און האָט אויך פאַרגלייכט דער אַראָפּגאַנג צו מזרח. דאָס איז געווען אַ ריזיקע אַרבעט און, פאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַ שטורמווינט איז זי געווען בכּח אויסצופירן.

אונזער האָפנונג, אַז פאַרנאַכט וועלן מיר דערזען נידעריקע בערגלאַך, אָדער מיר וועלן זיך אָנשטויסן אויף ברענהאָלץ, איז נישט מקוים געוואָרן. מיר האָבן נאָך אַלץ אַרומגעבלאָנקעט אין טיפן זאַמד. אילזאַם באַי איז איצט געווען אונזער לאָצמאַן און, אַלס אַזעלכער, האָט ער צו זיך קיין גלייכן נישט געהאַט. מיט אַ לייכטן טריט איז ער זיך געגאַנגען פאָרויס מיטן קאָמפּאַס אין דער האַנט. מיר זיינען געגאַנגען גלייך צו מזרח, ווייל אין אָט דער ריכטונג האָט געדאַרפט זיין דער קירצסטער מהלך צום טייך כאָטאַם-דאַריאַ. דער קאַראַוואַן איז געגאַנגען לאַנגזאַם און זיגזאַגיש לויט אילזאַם באַיס שפּורן. יעדעס מאָל, ווען ער האָט זיך אין דערווייטן אָפּגעשטעלט, האָט עס געמאַכט אויף אונז אַן איינדרוק פון פּחד: ער פלעגט אַרויפקלעטערן אויף אַ זאַמד-פּיראַמידע און, מיט דער האַנט איבער די אויגן, פלעגט ער לאַנג קוקן צו מזרח, אויסצוגעפינען עפּיס אַ דורכגאַנג צום צווייטן באַרגרוקן. אַזויאַרום האָבן מיר שוין געוואוסט, אַז דער וועג שמעקט מיט צרות און אַז מיר וועלן ווידער מוזן זיך אַ קער טאָן אָן דער זייט,—אָדער צום צפון, אָדער צום דרום.

מיינע לייט האָבן אַלע מאַרשירט צופוס, שטום און מיד, באַטויבט פון דער היץ. אָפּט זיינען זיי געבליבן שטיין, כּדי צו טרינקען; אָבער דאָס וואַסער אין אונזערע אייזערנע כּלים האָט געהאַלטן דרייסיק גראַד וואַרימקייט און האָט שלעכט געשטילט דעם דורשט. פונדעסטוועגן האָבן מיר געטרונקען גאָר אָן שיעור, כּדי צו פאַרשטאַרקן די שוויצונג, ווייל אויפן ווינט האָט דאָס לייב זיך שטאַרק אָפּגעקילט דערפון.

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ הויכן בערגל, צו טרינקען ווידעראַמאָל וואַסער און זיך עטוואָס אָריענטירן אין דער לאַגע. אויך דער שעפּס און דער אָרימער יאָלדאַש, וועלכע זײַנען פֿאַרשמאַכט געוואָרן פֿון דורשט, האָבן איצט באַקומען וואַסער צו זאַט. יאָלדאַש איז גאָר ווילד־פֿריילעך געוואָרן, ווען מען האָט זיך גענומען צו די וואַסער־געפֿעס: ער פֿלעגט דער ערשטער צושפּרינגען, דרייען מיטן ווידל, טאַנצן און בילן. דער שעפּס איז געגאַנגען מיט אונז, געטריי ווי אַ הונט און מײַנע לײַט האָבן אים אַזוי ליב באַקומען, אַז זיי האָבן געזאָגט, זיי וועלן בעסער פֿאַרהונגערן, איידער צו שעכטן אים.

ביסלעכווײַז זײַנען אויך די קעמלען מיד געוואָרן און ווען זיי פֿלעגן אַנידערפֿאַלן, פֿלעגן זיי שוין נישט קאָנען אויפֿשטיין אַליין. מיר זײַנען דעריבער קוים אַדורכגעגאַנגען דרײַצען קילאָמעטער, ווען מיר האָבן זיך געמוזט אָפּשטעלן און אויפֿשלאָגן אונזער לאַגער אויף אַ הויכן האַרטן שטח. אַרום איז געווען אַזוי טרוקן, אַז מיר האָבן זיך אפֿילו נישט געפּרובט צו גראָבן אַ ברונען. נאָך דער געענדיקטער לאַגער־אַרבעט, האָבן אַלע מײַנע לײַט זיך אויסגעזעצט אויף דער ערד און ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַ שמועס וועגן דעם פֿאַרגאַנגענעם טאָג און וועגן די האָפֿנונגען אויף מאָרגן. ס'איז געווען אַ פֿרייד צו הערן, ווי איליזאַם באַי האָט זיך באַמיט צו באַרויִקן דעם עולם און צוצוגעבן אים מוט. ער האָט דערציילט וועגן אונזערע פֿריערדיקע נסיעות, וועגן די שניימאַסן און גליטשערס אויפֿן באַרג מוסטאַג־אַטאַ, וועלכע זײַנען געווען פֿיל ערגער, ווי דער זאַמד, וואָס האָט אונז איצט אַרומגעכאַפּט ווי אַ ים.

אויף צומאָרגנס האָב איך געמאַכט אַ שרעקלעכע אַנטדעקונג. מיר איז עפּיס קשה געוואָרן, פֿאַרוואָס דאָס וואַסער אין די כּלים קלאַפּט זיך אַזוי עפּעס אָן די ווענט. האָב איך אַ קוק געטאָן אין די כּלים אַרײַן און האָב דערזען, אַז מיר האָבן וואַסער קוים נאָר אויף צוויי טעג! אין גרויסער אויפֿרעגונג האָב איך געפֿרעגט בײַ מײַנע לײַט, וואָס באַדײַט עס און פֿאַרוואָס האָט מען מיך נישט געפֿאָלגט, ווען איך האָב געהייסן, מען זאָל אָנגיסן

אין די כּלים וואַסער אויף צען טעג. האָט מען מיר געענטפערט, אַז דעם וואַסער-זאַפּאַס האָט יאָלטשי באַשטימט. אַז איך האָב אים אויסגערעדט דעריבער, האָט ער מיך פאַרזיכערט, אַז איך מעג זיך זיין גאַנץ רוהיק, ווייל פון דער לעצטער אָזערע ביז דער געגנט, וואו מיר וועלן האָבן גענוג וואַסער, געדויערט נישט מער ווי פיר טעג. ס'הייסט אַלזאָ, אַז אין צוויי טעג אַרום וועלן מיר זיין ביי אַ וואַסער. די מאַפּעס, וואָס איך האָב ביי מיר געהאַט, האָבן דאָס טאַקי באַשטעטיקט, און ווייל זיינע ביז-אַהעריקע אָנווייזונגען זיינען על-פּי-רוב געווען ריכטיקע, האָב איך זיך באַרוהיקט. איטלאַכער פון אונז איז געווען איבערצייגט, אַז מיר וועלן אין מזרח געפינען וואַסער אויך אַזוי שנעל, ווי אין מערב. קיינער האָט דעריבער נישט גערעדט וועגן דעם, אַז מען מוז גיין צוריק נאָך וואַסער. אַך, וואָס פאַר אַ יסורים און פאַרלוסטן מיר וואָלטן פאַרשפּאָרט, ווען מיר וואָלטן זיך באַשלאָסן צו גיין תיכּף צוריק נאָך וואַסער!

איצט האָבן מיר שוין, נאַטירלאַך, געמוזט אָנהויבן קאַרגן מיטן וואַסער. די קעמלען האָבן מיר קיין וואַסער שוין מער גאָרנישט געגעבן. איך האָב אָנגעזאָגט איליזאַס באַיען, ער זאָל קיין מינוט נישט אַראָפּלאָזן די אויגן פון די כּלים מיט וואַסער.

גענאַרטע צייכֿנס.

ביז איצט האָבן מיר פֿאַר אונזער לאַגער געפֿונען אַ פֿעסטן ליימיק־זאַלציקן באָדן. כאָטש דער ליים איז געווען אַזוי שימער, אַז ער פֿלעגט זיך צעפֿאַלן אויף שטויב, ווי נאָר מען פֿלעגט אַרויפֿטרעטן אויף אים, פֿונדעסטוועגן איז ער געווען האַרטער פֿאַרן זאַמד. דער ליים איז באַשטאַנען פֿון די גרונטרעשטלאַך פֿונם אַזיאַטישן מיטללענדישן ים, וועלכער האָט זיך דאָ באַוועגט מיט טויזנטער יאָר פֿריער. דאָס, וואָס דער באָדן איז דאָ נישט אומעטום גלייך, האָט געשטאַמט דערפֿון, וואָס דער ים איז נישט אומעטום גלייך טיף.

פֿון איצט אָן אָבער האָבן מיר שוין מער אַזאַ באָדן נישט באַגעגנט. אַלץ אַרום איז געווען נאָר זאַמד—סיי אויף דער ערד סיי אין דער ערד. מיר זיינען איצט געווען אינם ערגסטן טייל פֿונם מדבר.

איך בין אַ גאַנצן טאָג געגאַנגען צופֿוס, טיילווייז כּדי צו שאַנעווען מיין טייערן קעמל, טיילווייז כּדי נישט צו זיין קיין מיוחס קעגן מיינע לייט און צוגעבן זיי מוט. איין קעמל האָט אָנגעהויבן זיך אָפּצושטעלן, כאָטש זיינע פֿירער האָבן אַזוי שטאַרק געצויגן אים פֿאָרויס, אַז די לייצע האָט זיך עטלאַכע מאָל איבערגעריסן. משמעות, אַז ביים קעמל איז שוין געווען פֿאַראַליזירט די נאָז, אין וועלכער ס'איז געווען אַדורכגעצויגן די רינג מיט דער לייצע, און ער האָט גאָרנישט געשפּירט דעם ווייטאָג פֿון דעם, וואָס מען שלעפּט אים. לסוף האָט דער קעמל זיך גאָר אַנידערגעלייגט און איז אויפֿגעשטאַנען ערשט דאַן, ווען מיר האָבן די משא אַראָפּגענומען פֿון אים און פֿאַנאַנדערגעלייגט

זי אויף די איבעריקע קעמלען. אָבער אויך איצט האָט ער זיך ווײַלעוויייז אָפּגעשטעלט און איז שטענדיק אָפּגעשטאַנען פון קאַ-ראַוואַן. און דער ערשטער „מדבּרשיף“ איז קאַליע געוואָרען...

מיר האָבן אומגעדולדיק אויסגעשפּירט די געגנט צו מזרח. אומ-זיסט! בערגלאַך זאַמד, ווי ווייט עס כאַפּט דאָס אויג. פּלוצלונג האָט אונזער האָפענונג אויפגעלעבט: צווישן די קעמלען האָט אָנ-געהויבן זשומען אַ פליג און אָט האָבן מיר געגלויבט, אַז זי איז געקומען צו אונז פון אַ נאָענטער לאָנקע, אָדער אפשר איז די פליג געלעגן ערגעץ-וואו אין פעלץ פון אַ קעמל און איז געקומען מיט אונז צוזאַמען?...

מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אויף אַ שעה צייט, דער שוואַכער קעמל זאָל זיך קאָנען אויסרוען. מיר האָבן אים געגעבן אַ לי-טער וואַסער און אַ היפּש ביסל היי פון זיין זאָטל. דער קעמל האָט געפרעסן מיטן גרעסטן חשק. ווען מיר האָבן אים אַראָפּגענו-מען זיין זאָטל, האָבן מיר דערזען אויפן רוקן אַ שרעקלאַכע וואונד; ס'האָט זיך אַרויסגעזען אַ שטיק רוי פלייש און דער זאָטל האָט עס שטענדיק געריבן. וואָס פאַר אַ יסורים האָט ער געמוזט אויסשטיין, בשעת ער האָט געטראָגן זיין משא אויף אַזאַ וואונד! איצט האָבן די פיס אונטער אים געציטערט, די צונג איז ביי אים ווייס געווען און ווען מיר האָבן אים איבערגעלאָזן מיט מולאַמעד שאַ און דער קאַראַוואַן איז זיך אַוועקגעגאַנגען ווייטער, האָבן מיר נאָך לאַנג געהערט זיין ברילן.

די העכסטע זאַמדבערג האָבן איצט געהאַלטן פופציק—זעכציק מע-טער אין דערהויך, די נידעריקע—ביז דרייסיק—פינפאונדרייסיק מעטער. אונזער האָפנונג האָט זיך ווידער צעפלאַקערט: אויף איין זאַמדבאַרג האָבן מיר דערזען אַ שוואַרצן ראָב. ער האָט זיך אויפגעהויבן און האָט זיך געדרייט איבער דעם קאַראַוואַן. פאַרשטייט זיך, אַז נישט פון פאַרגעניגן וועגן איז ער פאַר-פלויגן גאַנץ ווייט אין מדבר אַריין,—מסתם איז נישט ווייט גע-ווען אַ לאָנקע אָדער אַ טייך.

ווען מיר זיינען דורכגעגאַנגען צוואַנציק קילאָמעטער ווייטער,

האָט אַ צווייטער קעמל זיך אָפּגעזאָגט צו גיין ווייטער. האָבן מיר געמוזט אויפשלאָגן אונזער לאַגער. נאָכדעם האָבן מיר די קעמלען אויסגעטיילט די פּאָרציעס היי און שטרוי. מיין מיטאָג איז אויך געווען זייער איינפאַך: איך האָב געמוזט זיך צופרידנשטעלן מיט טיי, ברויט און קאָנסערוון, מיינע לייט האָבן באַקומען טיי, ברויט און געברענט מעל. אונזער קליינער זאַפּאַס ברענהאָלץ האָט זיך שוין געהאַט געענדיקט, מיר האָבן דעריבער געמוזט צעהאַקן איינעם פון אונזערע הילצערנע קאַסטנס.

אין אָונט האָב איך אין מיין געצעלט ווידער געהאַט געסט — צוויי לוסטיקע פֿליגן. צי האָט זיי דער ווינט פון נאָנטן וואַלד געבראַכט אַהער, אָדער אויך זיי זיינען מיט אונז געקומען? העכער פון אַ דרייטאָגיקער נסיעה קאָנען מיר בשום אופן נישט זיין ווייט פון טייך, אָבער פֿאַרן טייך וועלן דאָך מסתם זיין פּאַפּלען, אָדער אפשר גאָר אַ גאַנצער וואַלד. ביי דערדאָזיקער מיינונג האָבן זיך געהאַלטן אַלע מיינע לייט.
ווען דער קאַראַוואַן איז אויף צומאָרגנס אַרויסגעטראָטן אין וועג אַריין, בין איך אַליין אַוועק צופוס אין דער מזרח-ריכטונג, כדי צו זוכן אַ גוטן דורכגאַנג. פון דעמאָלט אָן בין איך שוין שטענדיק געגאַנגען צופוס און, כדי צו מעסטן די ווייטקייט, האָב איך געציילט מיינע טריט. דאָס האָט מיך אָבער אָנגעשטרענגט, ווייל דאָס האָט געפאָדערט אַ קאָנצענטרירטע אויפמערקזאַמקייט.

אונזער לאַגער איז באַלד פֿאַרשוואונדן הינטער מיר, איך בין געווען אַבסאָלוט איינזאַם און אַליין אין גרויסן מדבר. נאָר איין פֿליג האָט מיך באַגלייט און איך האָב זי יעדעס מאָל אָנגעקוקט מיט זייער פריינדלאַכע אויגן. די זאַמדבערגלאַך האָבן מיר אויסגעוויזן עטוואָס נידריקער, ווי די פריערדיקע. איך האָב מיך געפּרובט צו האַלטן אויף דערזעלבער הויכקייט, כדי די קעמלען זאָלן פֿאַרשפּאָרן צו קלעטערן אויף די בערג און דערנאָך זיך אַרונטערצולאָזן אין טאָל אַריין. באַלד אָבער האָבן די בערגלאַך זיך ווידער אויפגעהויבן ביז פערציק—פופציק מעטער הויך, און ווען

איך בין געשטאַנען אויף אַזאַ באַרג, איז פאַר מיר געלעגן זייער אַ טיפער טאָל. די משופעדיקע זייטן האָבן זיך געצויגן צו מזרח און צו דרום-מזרח,—אַ באַווייז, אַז אין די לעצטע טעג האָט דאָ געבלאָזן אַ ווינט פון צפון-מערב. אויך איצט האָט זיך אויפגעהויבן אַ פריש ווינטל און האָט אונז עפּעס אָנגעטראָגן קלייגע, ווייסע שטיקלאַך פוך פון עפּיס אַ פלאַנצונג. אויף איין שפּוע פון אַ באַרג האָבן מיר אפילו דערזען אַ בינטל דערנער, אָבער אָט די שוואַכע סמנים פון אָרגאַנישן לעבן האָט אָנגעטראָגן דער צפון-מערב-ווינט—אַלזאָ פון יענע געגנטן, פון וועלכע מיר זייַנען געקומען!

אַרום מיטאָגצייט בין איך פון מידקייט און דורשט כמעט געפאַלן פון די פיס. און די פליג האָט ווידער אַרום מיר געזשומט, און מיר האָט זיך געדאַכט, אַז זי זינגט מיר: „פּרוב נאָר, פּרוב נאָכאַמאָל! גיי ביזן נאָענטן באַרג, גיי נאָך אַ טויזנט טריט און דו וועסט שוין זיין ביים טייך כאָטאַם-דאַריאַ און וועסט זיך דערקוויקן מיט זיינע וואַסערן!"

איך בין טויזנט טריט דורכגעגאַנגען און בין אַ טויט-מידער אַנידערגעפאַלן אויפן רוקן פון באַרג. דרייצן קילאָמעטער האָב איך אָפּגעמאַרשירט פאָרויס. מיט מיין ווייסן היטל איבערן קאָפּ האָב איך זיך אַנידערגעלייגט אויפן רוקן און בין אַנטדרעמלט געוואָרן. וואונדערלאַכע חלומות האָבן זיך דורכגעטראָגן אין מיין מוח. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז איך ליג אויפן פרישן גראָז אין שאָטן פון אַ זילבערפּאַפּעל מיט זיין דיקער קאָרע. דער ווינט בלאָזט צווישן זיינע דינע בלעטער און זיי שעפּטשען און דערציילן עפּיס וואונדערלאַכע סודות. אין דערווייטן האָב איך געהערט, ווי דאָס וואַסער פּאַטשט דעם ברעג, האַרט ביי מיין בוים. אויבן, אין דערהויך, צווישן די צווייגן זיצט זיך אַ פויגל און פייפט מיר עפּיס אַ וואונדערשיין לידל.

אַ פאַרשטיקטער קלאַנג האָט מיך פלוצלונג אויפגעוועקט פון מייַנע חלומות און איך האָב מיך דערשראָקן אַרומגעקוקט: אַך, דאָס איז געווען דער קלאַנג פון מיין קעמל-גלאָק, וועלכער האָט מיר דערמאָנט די טרויעריקע ווירקלאַכקייט. מיין קאָפּ איז געווען

שווער, ווי בּליי און מיינע אויגן זיינען ווי פאַרבלענדט געוואָרן פונם אייבּיק-געלן זאַמד.

די קעמלען זיינען געגאַנגען הינקענדיק. זייערע אויגן זיינען געווען אויסגעלאָשן און זיי האָבּן אפילו פאַרלאָרן דעם חשק צו זוכן עפּיס פּאַשע. זיי האָבּן שווער געאָטעמט און געטראָגן מיט די בּייכער. געווען זיינען אין קאַראַוואַן נאָר זעקס קעמלען. די איבּריקע צוויי זיינען אָפּגעשטאַנען אין וועג און האָבּן בּאַדאַרפט קומען ערשט שפּעטער.

צווישן די בּערגלאַך האָבּן זיך איצט געצויגן טיילן, בּאַדעקט מיט זייער אַ דינעם שטויבּ, אין וועלכן מיר זיינען געזונקען, ווי אין אַ שיטערער בּלאָטע. מיר האָבּן דעריבּער געמוזט זיך האַלטן ווייטער פון אַזעלכע ערטער. מיר האָבּן געמאַכט אַן אומגעריכטע אַנטדעקונג: מיר האָבּן געפונען אַ סקעלעט פון אַן אייזל אָדער, ווי מיינע לייט האָבּן געגלויבּט—פון אַ ווילדן פערד. די בּיינער זיינען געווען ווייס, ווי קרייד און אַזוי מירבּיק, אַז בּיי דער ערשטער בּאַרירונג האָבּן זיי זיך צעשאָטן ווי אַש. ווי לאַנג איז דאָ געלעגן דער אייזל, אָדער דאָס פערד? אפשר טויזנט יאָר, ווייל דער טרוקענער זאַמד האָט געהאַט די אייגנשאַפט צו קאָנסערווירן אָרגאַניזמען. ווי עס שיינט, האָט דאָ דער ווינט אַראָפּגעטראָגן אַ בּאַרג זאַמד און האָט אַזויאַרום אָפּגעדעקט דער בּאַהאַלטענעם סקעלעט.

פון מידקייט און דורשט זיינען מיר אַלע אַזוי שטאַרק אָפּגעשוואַכט געוואָרן, אַז מיר האָבּן ווייטער געקאָנט אַדורכגיין נאָר צוויי מיט אַ האַלבּן קילאָמעטער. ענדלאַך האָבּן מיר אויפגעזוכט אַ קליין שטהל מיט אַ האַרטן ליימיקן בּאָדן און דאָ האָבּן מיר זיך אָפּגעשטעלט. אויך דאָ האָבּן מיר געמאַכט אַן אויסטערלישע אַנטדעקונג: קליינע, ווייסע, מירבּיקע הייזלאַך פון שנעקן, עטלאַכע קיילעכדיקע שטיינדלאַך, גלאַט, ווי געשליפן, עטלאַכע מושלען און אַ מאַסע פערלמוטערנע שאַלעכעלאַך. ס'איז קיין ספק נישט, אַז דאָ איז פאַר פיל טויזנטער יאָרן געווען אַ ים, ווייל נאָר דאָס וואַסער האָט געקאָנט אַזוי גוט אויסשלייפן די שטיינדלאַך און די מושלען

ווען מיר האָבן דורך דער שפּאַקטיוו באַטראַכט די געגנט, האָבן מיר באַמערקט, אַז אויף אונזער מאַרשרוט איז דער זאַמד געוואָרן נידריקער. פון אונזער לאַגער, נישט ווייט, האָבן זיך נאָך געזען בערגלאַך פון צען—פופצן מעטער הויך. אפשר וועלן מיר מאָרגן שוין האָבן דעם הויכן זאַמד *הינטער* אונז און די וועלדער פון כאָטאַם-דאַריאַ *פאַר* אונז? די דאָזיקע האָפנונג האָט אונז אויפגעמונטערט און ווען מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער געצעלט, זיינען מיר געווען זייער באַוועגלאַך און פריילאַך.

פאַרנאַכט זיינען געקומען אין לאַגער אַריין אויך מוכאַמעד שאַ און יאָלטשי. זיי זיינען געווען מיד און דורשטיק. די קעמלען האָבן זיי איבערגעלאָזט אין מדבר, ווייל יענע האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין מיט זיי. שפּעט אין אָוונט האָב איך געשיקט נאָך זיי אַ מענטשן. אין דער קילער לופט פון אָוונט זיינען די קעמלען געקומען צו כוחות און אַרום האַלבער נאַכט האָט מען זיי געבראַכט אין לאַגער. אין דעם אָוונט איז אונזער קאַראַוואַן צום לעצטן מאָל געווען „אינגאַנצן מיט אַלעמען“.

מיר גראָבן אַ ברונען.

אויפֿצושטעלן מײַן געצעלט האָבן מיר דעם אַנדערן טאָג שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט און דעריבער האָבן מיר זיך אויסגעלייגט אונטערן פֿרײַען הימל. אַרום זעקס אין אָוונט איז מיר פֿלוצלונג אײַנגעפֿאַלן צו מאַכן אַ פּראָבע און גראָבן אַ ברונען. אילזאַם באַי און קאַזים האָבן תּיכּף גענומען זיך פֿאַר דער אַרבעט. קאַזים האָט פֿאַרקאַטשעט די אַרבל, אַ שפּײַ געטאָן אין די הענט אַרײַן און מיט געזאַנג אָנגעהויבן גראָבן דעם טרוקענעם ליים. באַלד האָבן זיך גענומען צו דער אַרבעט אויך מוכאַמעד שאַ און יאָלטשי. דער לעצטער האָט דעם גאַנצן טאָג קיין וואָרט נישט גערעדט און איך האָב פּראָסט נישט געקאָנט קוקן אין זײַנע גנבֿהשע אויגן. איצט האָט ער חוזק געמאַכט פֿון אונזער אומזיסטער אַרבעט. וואַסער איז געוויס פֿאַראַן אין דער ערד, אָבער בײַ אַ טיפֿקייט פֿון דרײַסיק קלאַפֿטער. ווען מען האָט זיך אָבער אײַנגעגראָבן איין מעטער טיף אין דער ערד און דער זאַמד, געמישט מיט ליים, איז פֿײַכטער געוואָרן, האָט זיך יאָלטשי פֿאַרשעמט.

נאָכן עסן האָבן מיר אַלץ געגראָבן דעם ברונען. ער איז שוין געווען אַזוי טיף, אַז די גרעבער זײַנען שוין אינגאַנצן געשטאַנען אין אים און האָבן מער נישט געקאָנט אַרויסוואַרפֿן דעם אויסגעגראָבענעם זאַמד. מיר האָבן דעריבער זיך גענומען אַרויסשלעפּן דעם זאַמד מיט אַן עמער. אַרום ברונען איז שוין געוואָרן אַ היבש בערגל. איך האָב אים פֿאַנאַנדערגעוואָרפֿן, כּדי צו קאָנען אָנלייגן פֿרישן זאַמד פֿון ברונען.

די היץ האָט געהאַלטן כּמעט בײַנאַונצוואַנציק גראַד. בײַ אַ מע-

טער טיף אין דער ערד, איז געווען נאָר זעכֿצען גראַד היץ, אָנדערטהאַלבן מעטער טיף—נאָר צוועלף גראַד. ס׳איז געווען אַ בחת אויסצוציען זיך אויפֿן אָנגעוואָרפֿענעם קאַלטן זאַמד. דאָס וואַסער אין אונזער לעצטער כּלי האָט געהאַלטן נײַנאונצוואַנציק גראַד וואַרימקייט. מיר האָבן די כּלי אַרייַנגעשטעלט אין זאַמד, און דאָס וואַסער האָט זיך אָפּגעקילט.

דער זאַמד איז לאַנגזאַם געוואָרן פֿייכֿטער. בײַ אַ טיפֿקייט פֿון אַ צוויי מעטער איז ער געווען אַזוי פֿייכֿט, אַז מען האָט אים געקאָנט קנעטן מיט די הענט און מיר האָבן מיט פֿאַרגעניגן צוגעלייגט אים צום הייסן שטערן

אַזוי האָבן מיר אַ פּאָר שעה לאַנג געאַרבעט. די אַרבעטער זייַנען מיד געוואָרן. דער שווייס איז גערונען בײַ אַלעמען פֿון פּנים אויפֿן האַלז. מען האָט אַלץ אָפֿטער געמוזט אָפּשטעלן די אַרבעט און מיר האָבן געטרונקען פֿון אונזער כּלי זייער פֿיל, גאָר אָן זאָרג, אין דער האָפֿנונג, אַז דער ברונעם וועט אונז באַלד געבן וואַסער. ווען ס׳איז שוין געוואָרן פֿינסטער, האָבן מיר אָנגעצונדן אין ברונעם ליכֿט. דער אינסטינקט האָט אויך די קעמלען צוגעטריבן צו אונזער ברונעם. מיט אַן אויסגעצויגענעם האַלז האָבן די קעמלען באַשמעקט דעם קאַלטן, פֿייכֿטן זאַמד, אויף וועלכן דאָס הינטל יאָלדאַש האָט זיך געקייקלט מיט פֿאַרגעניגן, מיט אויסגעשטרעקטע פֿיס און אַ פֿאַרריסענעם וויידל. אפֿילו די הינער זייַנען זיך צונויפֿגעלאָפֿן און געגלאָצט מיט די אויגן אויף אונזער אַרבעט.

נישט געקוקט אויף אונזער מידקייט, האָט קיינער פֿון אונז נישט געטראַכט זיך אויסצורוען. מיר האָבן פֿאַרצווייפֿלט געאַרבעט ווייטער. בײַ אונז איז שוין רעכֿט געווען אַ גאַנצן טאָג דאָ צו בלייבן. מיר מוזן האָבן וואַסער! מיר זייַנען געשטאַנען אין אַ קרייז אַרום ברונעם. קאַזים האָט אונטן געגראָבן שטייענדיק גאָר נאַקעט און שוואַך באַלויכֿטן פֿונם ליכֿטל. ס׳איז געווען אַ גאַנץ פֿאַנטאַסטיש בילד. פּלוצלונג האָט קאַזים אַ וואָרף געטאָן די לאָפּאַטע און האָט אויפֿגעהערט צו גראָבן. ער האָט צעדראָכֿט

אַ פאַרצווייפלט געשריי און מיר זיינען געבליבן שטיין אַרום, ווי פאַראַליזירט.

—וואָס איז געשען? וואָס איז דאָרטן?—האָבן מיר אין שרעק גע-פרעגט.

—דער זאַמד איז שוין ווידער טרוקן, ווי ביין.—האָט קאַזים גע-ענטפערט פון גרוב אַרויס.

מיר האָבן ווידער געפרובט גראָבן און אָט האָבן מיר זיך אי-בערצייגט, אַז ביי אַ טיפקייט פון דרייהונדערט און דרייצען סאַנטימעטער איז דער זאַמד געוואָרן אַזוי טרוקן, ווי די אוי-בערפלאַך פון מדבר. די פריערדיקע פייכטקייט האָט, וואַרשיינ-לאַך, געשטאַמט פונם ווינטערדיקן שניי, וואָס איז פאַרבליבן אונטערן זאַמד און האָט זיך נאָך נישט אינגאַנצן אויסגעדאַמפט.

דריי שעה האָבן מיר אַלזאָ אומזיסט פאַרשווענדט אונזערע כוחות! ערשט איצט האָבן מיר זיך געכאַפט, ווי מיד מיר זיינען. שלאָף און אָן ווילן זיינען מיר צוגעפאַלן צום זאַמד אין אַ ביטערער פאַרצווייפלונג. אָבער מיר האָבן זיך געהיט צו קוקן איינער דעם אַנדערן אין די אויגן אַריין. יעדערער האָט נאָר געטראַכט זיך אויסצושלאָפן נאָך דער שווערער אַרבעט.

פאַרן שלאָף האָב איך מיט אילזאַם באַיען אַרומגערעדט וועגן אונזער פאַרצווייפלטער לאַגע. לויט די מאַפעס, האָבן מיר גע-האַלטן נישט ווייט פון טייך כאָטאַם-דאַריאַ, אָבער מיר האָבן זיך געמוזט ריכטן אויף דאָס ערגסטע. וואַסער האָבן מיר געהאַט נאָר אויף איין טאָג, האָט מען עס געמוזט איינטיילן אַזוי, אַז עס זאָל קלעקן אויף דריי טעג. פאַר יעדערן איז אויסגעקומען צוויי גלאָז וואַסער אַ טאָג. די קעמלען האָבן שוין געמוזט זיך צופרידנשטעלן גאָר אָן וואַסער.

דאַן האָבן מיר זיך אויך געלייגט שלאָפן, בשעת די קעמלען זיינען, ווי עלנטע קרבנות, געשטאַנען אַרום אונזער „ברונעם", וואַרטנדיק אויף וואַסער...

די ערשטע קרבנות.

אלץ, אָן וואָס מיר האָבן נאָר געקאָנט אויסקומען, האָבן מיר איבערגעלאָזט דעם טאָג (27 אַפּריל) אין לאַגער. די קעמלען האָבן מיר געגעבן צו פרעסן היי און שטרוי פון אַ זאָטל און, ווען זיי האָבן נאָכן פרעסן זיך דורשטיק אַרומגעקוקט נאָך אַ ביסל וואַסער, האָבן מיר זיי באַפּייכט די ליפּן מיט אַ פּאָר טראָפּנס.

נאָכדעם, ווי איך האָב אויסגעטרונקען מיין ביסל טיי, האָב איך זיך געלאָזט גיין צו מזרח. די בערגלאַך זיינען נידריקער געווען, ווי ביז אַהער, סך הכל צען מעטער הויך. באַלד אָבער האָב איך זיך ווידער דערזען צווישן בערג, וואָס האָבן זיך געצויגן פון מזרח צו מערב. קיין שום שפּור פון לעבן, קיין איינציקע טאַמאַריסקע אויפן האָריזאָנט! איך האָב געקוקט אין מיין שפּאַקטיוו ווייט-ווייט צו מזרח, אפשר וועל איך דאָרט דערזען די טונקעלע ליניע פון די וועלדער אַרום טייך—אומזיסט! זאַמד און הימל, מער זע איך גאָרנישט.

ווען איך האָב זיך אַראָפּגעלאָזן פון איין בערגל, האָב איך דערזען עפּיס אַזוינס, וואָס איז געווען ענלאַך צו אַ וואָרצל. איך האָב זיך איינגעבויגן און געוואָלט עס אויפהויבן. פּלוצלונג אָבער איז עס פאַרשוואונדן געוואָרן: דאָס איז געווען אַן עגדיש, פון דערזעלביקער קאָליר, ווי דער זאַמד. דער עגדיש איז פאַרשוואונדן געוואָרן אין אַ קליין לאָך אונטערן בערגל. פון וואָס האָט דער עגדיש דאָ געלעבט? צי האָט ער זיך דען נישט געבויטיקט אין איין טראָפּן וואַסער?

באָך אַ מאַרש פון פיר מיט אַ האַלבער שעה האָט דער קאַראַוואַן

מיך אָנגעיאָגט. די לייט זיינען דעם גאַנצן טאָג גוט געגאַנגען, ווייל די היץ איז היינט געווען נישט גרויס. אויפן הימל זיינען געלעגן לייכטע וואָלקנס. נאָר מוכאַמעד שאַ מיט דיביידע קראַנקע קעמלען איז אָפגעשטאַנען אין וועג.

הויך, הויך איבער אונז זיינען געפלויגן צוויי ווילדע גענז צו צפון-מערב. אַן אויגנבליק האָט אונזער האָפנונג ווידער אויפגעלעבט: אפשר פליען זיי טאַקי פון כאָטאַם-דאַריאַ צו די קליינע אָזערעס, וואָס מיר האָבן פריער פאַרלאָזן צווישן די בערג? באַלד אָבער האָב איך איינגעזען, אַז דאָס איז אַ לעכערלאַכע טרייסט. ווען די גענז פליען הויך, קומען זיי פון גאַנץ ווייט און פליען ווייט. אַ מדבר פון דרייהונדערט קילאָמעטער איז פאַר זיי אַ קלייניקייט: זיי פליען אים אַריבער און שטעלן זיך אין ערגיץ נישט אָפ.

אין דעם טאָג האָבן די זאַמד-בערג דערגרייכט ביז זעכציק מעטער הויך. די הויך פון די בערג האָב איך אַזויאַרום געשאַצט: אויף מיין בלייפעדער האָב איך איינגעשניטן הונדערט גלייכע קאַרבן. שטייענדיק אונטערן באַרג, האָב איך געהאַלטן דעם בלייפעדער פאַרן אויג און אָט האָב איך געזען, אַז די הויך פון אַ קעמל פאַרנעמט אויף מיין בלייפעדער איין קאַרב. דאַן האָב איך געציילט, וויפיל קאַרבן ס׳פאַרנעמט די הויך פון באַרג. אַזויאַרום האָב איך געוואוסט, וויפיל קעמלען מען מוז אויסשטעלן אויף אייגאַנדער, כדי צו באַקומען די הויך פון אַ באַרג. ווען איך האָב איינמאָל פרובירט מעסטן געאָמעטריש, האָב איך געזען, אַז מיין דאָזיקע מעטאָדע איז אַ ריכטיקע.

יאָלדאַש האָט היינט געבילט און געיאָמערט און נישט אָפגעטראָטן פון דער וואַסער-כלי. ער האָט געקראַצט אומאויפהערלאַך דעם זאַמד, געביסן די ערד, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט געזוכט וואַסער. ווען איך האָב זיך אַ ביסל צוגעזעצט, האָט ער זיך אַנידערגעזעצט נעבן מיר און האָט מיר געקוקט שאַרף אין די אויגן אַריין, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט מיך געפרעגט, צי ס׳איז נאָך פאַראַן האָפנונג צו באַקומען וואַסער. איך האָב אים געגלעט אויפן קאָפ און אָנגעוויזן צום מזרח, אַלס צייכן, אַז דאָרט מוז זיין

וואַסער. דאַן האָט ער אָנגעשפּיצט די אויערן און זיך געלאָזט לויפן אַהין. באַלד איז ער אָבער, אַ פאַריאושטער, געקומען צוריק.

אויף אַ באַרגרוקן, וואָס אילזאַם באַי האָט מיט גרויס מי אַרויפגעקלעטערט אויף זיין העכסטן שפּיץ, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט לייגער, כּדי אויסצופאָרשן גוט דעם האָריזאָנט. אָבער אין ערגיץ האָבן מיר גאָרנישט באַמערקט אַזעלכעס, וואָס זאָל דערווייזן, אַז מיר שטייען נאָנט פון אַ וואַלד אָדער פון אַ וואַסער. אומעטום הייבן זיך ריזיקע זאַמדבערג. פונדעסטוועגן האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין דעם טאָג אַזוי לאַנג, ווי נאָר די קעמלען וועלן קאָנען אויסהאַלטן.
אין אָוונט, אַרום זעקס אַ זייגער, האָבן שוין די קעמלען מער נישט געקאָנט גיין. אַז מיר האָבן אויפגעשטעלט אונזער לאַגער נומער פופצען, איז אויך געקומען מוכאַמעד שא, אָבער אָן די קראַנקע קעמלען. ער האָט זיי איבערגעלאָזט אין מדבר, ווייל זיי האָבן זיך נישט געקאָנט רירן מער פון אָרט.
—ווען מיר וועלן אין אָוונט באַקומען וואַסער—האָט ער געזאָגט,— וועלן מיר זיי נאָך קאָנען ראַטעווען.
דידאָזיקע ידיעה האָט געמאַכט אויף מיר אַ געוואַלטיקן איינדרוק. ווען איך וואָלט געווען דערביי, וואָלט איך בעסער די קעמלען דערשאָסן, ווייל איצט וועלן זיי מוזן אומקומען מיט אַ שרעקלאַכן לאַנגזאַמען טויט. דאָס בין איך שולדיק, וואָס אָט די אָרימע באַשעפעניש וועלן מוזן זיך געזעגענען מיטן לעבן אויף אַזאַ מין גרויזאַמען אופן. איך אַליין בין פאַראַנטוואָרטלאַך פאַרן גאַנצן קאַראַוואַן—פאַר די מענטשן, ווי פאַר די קעמלען. בשעת מוכאַמעד האָט פאַרלאָזט די קעמלען, איז איינער פון זיי געלעגן אויף דער ערד, דער צווייטער איז נאָך געשטאַנען, אָבער זיינע פיס האָבן זיך געוואַקלט. בשעת מוכאַמעד שא האָט אים פאַרלאָזן, האָט דער קעמעל טרויעריק געקוקט אין דער ריכטונג, וואו דער קאַראַוואַן האָט זיך געפונען.
איך האָב מיך לאַנג נישט געקאָנט באַפרייען פונם דאָזיקן בילד. ווען דער קעמל האָט מער גאָרנישט געזען פאַר זיך, האָט ער

זיך אַ קער געטאָן צו זיין חבר און זיך אַנידערגעלייגט נעבן אים. דאַן האָבןביידע אויסגעשטרעקט דעם האַלז אויפן זאַמד, האַלב פאַרמאַכט די אויגן און שווער געאָטעמט דורך די פאַרטרוקנטע נאָזלעכער. און ווען די פאַרשמאַכטקייט זייערע איז גרעסער געוואָרן, האָבן זיי זיך אַנידערגעלייגט אויף דער זייט. דאָס בלוט אין די אָדערן האָט ביי זיי געשטראָמט אַלץ לאַנגזאַמער, די גלידער האָבן אָנגעהויבן פאַרגליווערט צו ווערן, די הפסקות צווישן איין אָטעם און דעם אַנדערן זיינען געוואָרן אַלץ לאַנגזאַמער.

און דאַן האָט עס זיך געענדיקט... דער שוואַכערער קעמל איז מסתם פריער געשטאָרבן. ווי לאַנג האָט אָבער געדויערט די גסיסה? נאָך לאַנג האָט מיך געעקבערט דער געדאַנק, אַז ווען זיי וואָלטן נאָך לייגער געלעבט, וואָלטן זיי אויף מאָרגן באַגראָבן געוואָרן לעבעדיקערהייט אין זאַמד בשעתן שטורם...

אין זאַמדשטורם באַגראָבן.

צום אָוונט האָבן זיך אין מערב אויפגעהויבן געדיכטע גרויע וואָלקנס, באַלאָדן מיט רעגן. די וואָלקנס האָבן זיך אויסגע־צויגן איבערן הימל, זיינען געוואָרן געדיכטער און פינסטערער און האָבן אונז גאָר היפּנאָטיזירט מיט זייער בילד. מיר האָבן אויסגעשטעלט אונזערע וואַסער־כּלים אויסגעשפּרייט דעם לייוונט פון געצעלט אויף דער ערד און מיר זיינען אַלע געשטאַנען גרייט אויפצעהויבן די בּרעגעס פון לייוונט, אויפצוזאַמלען דאָס וואַסער, ווי אין אַ רעגן. אָבער די וואָלקנס האָבן זיך לאַנגזאַם געצויגן צו דרום און נישט געשיינקט אונז קיין איינציקן טראָפּן וואַסער.

מוכאַמעד שא האָט פאַרזיכערט, נישט אַנדערש, אַז מיר זיינען פאַרכשופט און אַז מיר וועלן שוין מער נישט אַרויס פונם מדבר. אילזאַם באַי האָט פעסט דערקלערט: „ערשט וועלן די קעמלען אונטערגיין איינער נאָכן אַנדערן און נאָך זיי וועט פאַלן דער גורל אויף אונז. דאָס איז גאַנץ נאַטירלאַך!" יאָלטשי האָט חוזק געמאַכט פון מיין קאָמפּאַס, וועלכער נאַרט אונז אָפּ און פירט אונז אין אַ, קאַראַהאָד. ס'איז דעריבער אַלצאיינס, ווי לאַנג מיר גייען, דאָס בעסטע איז זיך נישט אָנצושטרייגנען, ווייל אין עטלאַכע טעג אַרום וועלן מיר דאָך סיי־ווי־סיי שטאַרבן פון דורשט. איך האָב זיך באַמיט אים איבערצוצייגן, אַז דער קאָמפּאַס באַווייזט ריכטיק, און די גאַנצע צייט גייען מיר צו מזרח. דער גאַנג פון דער זון דערווייזט דאָך עס אַמבעסטן. ער האָט אָבער גאָרנישט געוואָלט הערן וועגן דעם, טענהנדיק, אַז דער נעבל פון שטויב אוד דער כשוף האָבן געבראַכט דערצו,

אַז מען קאָן זיך אַפילו אויף דער זון נישט פאַרלאָזן.
דעם 28-טן אַפּריל האָבן מיר זיך אויפגעכאַפּט פון אַן אומגעווײנלאַך העפטיקן שטורם פון צפון-מזרח, וועלכער האָט געטריבן אויף אונזער לאַגער גערדיכטע וואָלקנס זאַמד. גראָ-געלע זאַמד-זײלן האָבן זיך געטראָגן אין אַ ווילדער יאָגעניש איבער די בערגלאַך, און באַלד דערויף האָבן זײ די בערגלאַך גופא אָנגעהויבן צו טרײבן פון זײער אָרט. די בערגלאַך זײנען ווי לעבעדיק געוואָרן און האָבן זיך געגומען באַוועגן פאַר אונזערע אויגן, דאָ העכער און דאָ קלענער געוואָרן. איך בין געלעגן אונטערן פרײען הימל אײנגעהילט אין מײן פעלץ מיטן באַשליק איבערן קאָפּ און צומאָרגנס בין איך בוכשטעבלאַך אײנגעגראָבן געוואָרן אין זאַמד. דאָס איז געווען דער שווערסטער שטורם, וואָס מיר האָבן אויף אונזער גאַנצער נסיעה געהאַט,—אײנער פון יענער „קאַראַ-בוראַנעס” אָדער שוואַרצע הוראַגאַנעס, וואָס מאַכן פון טאָג נאַכט.

דער מאַרש איז פאַר אונז דעריבער דאָפּלט שווער געוואָרן, ווײל מיר האָבן פאַר זיך גאָר נישט געזען. אַ שטיקל טובה איז אָבער אויך פאַראַן אין שטורם: די לופט ווערט קילער און דער דורשט האָט אונז נישט אַזוי שטאַרק געפּײניקט.
בײ אַזאַ וועטער האָט מען קודם כּל געמוזט געדײנקען אײן זאַך: מען האָט זיך פעסט געמוזט האַלטן אײנער בײם צווײטן. איך האָב שוין מער נישט געטאָרט גײן פאָרויס, ווײל מײנע שפּורן זײנען מאָמענטאַל פאַרשאָטן געוואָרן. און וואָלט מען עמיצן פאַרלאָרן אין וועג, וואָלט מען אים שוין נישט קאָנען געפינען, ווײל אַ פאָר טריט פאַר זיך האָט מען גאָרנישט געזען. רופן עמיצן בײם נאָמען איז אויך געווען אומזיסט, ווײל צוליב דעם רעש פון שטורם וואָלט מען אַפילו דעם שאָס פון אַ ביקס נישט געהערט. דער אָפּגעשטאַנענער וואָלט אַזוי־אַרום פאַרלאָרן געוואָרן. געזען האָט מען נאָר דעם ערשטן קעמל פאַר זיך. דער צווײטער קעמל איז שוין אײנגעהילט געוואָרן אין אַ שוואַרצן שלײער.
די מיליאַרדן זאַמד-קערנער האָבן אינם שטורם, אַדורכגעשניטן די

לופט מיט אַ פייפעריי און קלינגעריי, וועלכע האָט שוין פאַר-
צייטן צוהיצט די פאַנטאַזיע פונם רייזנדער מאַרקאָ פּאָלאָ: „אויך
בייטאָג הערט מען—באַשרייבט ער דעם מדבר—ווי די גייסטער
ריידן און פון צייט צו צייט הערט מען טענער פון צאָלרייכע
מוזיק-כלים און נאָך עפטער דעם קלאַנג פון פויקן. די רייזנדער
מוזן דעריבער זיך האַלטן צוזאַמען און די קעמלען מוזן טראָגן
אַ גלאָק אויפן האַלז. בכדי זיי זאָלן נישט קאָנען ווייט פאַרבלאָנ-
דזשען און מען זאָל זיי לייכט געפינען, בשעת מען וועט זיי זוכן.
אויך דערהאַלט מען אַזוי אַרום די ריכטונג פונם קאַראַוואַן אין
מדבר".

אין מיטן העלן טאָג איז עפטער געוואָרן שטאָק-פינסטער,
אָדער ס'האָט געהערשט אַ טונקעלע, רויט-גראָע רויט-געלע, נישט
זיכערע באַלייכטונג. ווען דער שטורם האָט געשלאָגן גלייך אין
פנים אַריין, האָבן מיר געמוזט זיך אָפּשטעלן, כדי נישט דער-
שטיקט צו ווערן. מיר פלעגן צופאַלן צו דער ערד און פאַר-
באָרגן דאָס געזיכט הינטער די קעמלען. אויך די קעמלען פלעגן
זיך אויסלייגן אויף דער ערד מיטן ווידל צום ווינט און אויס-
שטרעקן דעם האַלז אויפן באָדן.

איינער פון אונזערע יונגע קעמלען האָט אָנגעהויבן גוססן. תחילת
איז ער געגאַנגען, זיך געוואַקלט אויף די פיס און געקוקט מיט
מאַטע, גלעזערנע אויגן. די אונטערשטע ליפּ איז אים אַראָפּגע-
הייגען, די זייטן האָבן זיך שווער באַוועגט. יאָלטשי האָט אים
געפירט ביים צוים.

מיר זיינען געקראָכן איבער אַ באַרג-רוקן, וואו דער שטורם האָט
באַזונדערס שטאַרק געבושעוועט. דער באַרג האָט זיך משופּעדיק
אַראָפּגעלאָזט צום מזרח, וואו דער זאַמד האָט זיך צעשפּרייט
איבער אַ גלייכן שטח. יאָלטשי איז געקומען צו לויפן צו אונז,
כדי אונז נישט צו פאַרלירן פון די אויגן. דער קעמל האָט שוין
נישט געקאָנט אַרויפקלעטערן אויפן באַרג און איז אַנידערגעפאַלן
אין טאָל. יאָלטשי האָט אים בשום אופן נישט געקאָנט אויפהויבן.

איך האָב געשיקט צוויי פון מיינע לייט נאָכן קעמל. זיי זיינען

באַלד פאַרשוואונדן אין זאַמד-נעבל, אָבער זיי זיינען שנעל צו-
ריקגעקומען: פון זיי קאַראַוואַן-שפּורן איז שוין קיין זכר נישט
געבליבן, און זיי האָבן נישט געהאַט דעם מוט זיך צו דערוויי-
טערן פון אונז. אַזוי־אַרום האָבן מיר פאַרלאָרן אונזער דריטן קעמל.

מיר זיינען שוין גלייכגילטיק געוואָרן צו דידאָזיקע פאַרלוסטן:
איצט האָבן מיר נאָר אונזער אייגן לעבן געוואָלט ראַטעווען און
ווען מיר זיינען צומאָרגנס ווידער אַרויס אין וועג, האָט יעדער
פון אונז זיכער געטראַכט: ביי וועמען פון אונז האַלט עס איצט?...

נאָך צוויי גלאָז וואַסער.

נאָכדעם ווי מיר האָבן אין דעם טאָג דורכגעמאַכט כמעט איינאונצוואַנציק קילאָמעטער, האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט און ווידער אַדורכגעקוקט אונזערע משאות, כדי איבערצולאָזן אויפן וועג אַלץ, וואָס אָן דעם וואָלטן מיר זיך געקאָנט באַגיין. אונזער פּראָוויאַנט אויף דריי חדשים ווי אויך די פּעלצן, קאָלדרעס, קישנס, ביכער, קאָך-געפעס, פּאָרצעלאַן-געפעס,—דאָס אַלץ האָבן מיר איינגעפּאַקט אין צוויי קאַסטנס, אַוועקגעשטעלט צווישן צוויי זאַמד-בערג און צוגעדעקט עס מיט די וואַנעס. דערביי האָבן מיר אויפגעשטעלט אַ הויכן שטאַנג, צוגעפעסטיקט צו אים אַ שוועדישע צייטונג, אַלס פאָן און צייכן, כדי צו קאָנען עס געפינען דערנאָך, ווען מיר וועלן געפינען וואַסער און וועלן קאָנען צוריקקומען אַהער. ענלאַכע סימנים האָבן מיר אָנגעגרייט אויסצושטעלן אויך ווייטער. די קאָנסערוון, וואָס האָבן אַ ביסל פייכטקייט—שוואָמען, סאַרדינען און אַז. וו.—האָב איך אויסגעטיילט צווישן מיינע לייט. די אַראַבער האָבן דאָס געשמאַק געגעסן, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיך גוט איבערצייגט, אַז דערין איז נישטאָ קיין חזיר-פלייש.

דעם רעשט וואַסער, קנאַפּע צוויי פלאַש, האָבן מיר איבערגעלאָזט אין די כלים, און וועלכע מיר וועלן זיך נויטיקן שפּעטער, ווען מיר וועלן געפינען וואַסער. די קעמלען האָבן מיר ווידער געגעבן צו פרעסן היי פון די זאָטלען, אָבער זיי האָבן געפרעסן מיט אַ שוואַכן אַפּעטיט, ווייל אין האַלז איז זיי געווען טרוקן, ווי ביין און זיי האָבן זייער שווער געשלונגען. איך האָב היינט צום לעצטן מאָל באַקומען אַ ביסל טיי און אָנשטאָט דעם האָב

איך אַראָפּגעשלונגען פיל פּייכטע קאָנסערוון.

ווען מיר האָבן באַגינען זיך געלאָזט אין וועג אַריין, האָבן מיר דערזען, אַז איין וואַסער-כּלי איז ליידיק! מיר האָבן חושד גע-ווען יאָלטשין, אַז ער האָט עס אויסגעטרונקען בגנבה, ווייל ביי-נאַכט איז ער אַרומגעקראָכן. אָבער דערווייזן האָבן מיר דאָס נישט געקאָנט. אויסערדעם, האָט ער זיך געקלאָגט אויף ברוסט-און בויך-ווייטאָק. מיר האָט זיך געדאַכט, אַז ער מאַכט אַן אָנ-שטעל, דאַן אָבער האָב איך אים אָפּגעגעבן אַ העלפט פון מיין וואַסער-פּאָרציע. דאַן איז ער אַ גאַנצן טאָג פאַרשוואונדן און ערשט אויף צומאָרגנס איז ער ווידער געקומען צום קאַראַוואַן.

די זאַמד-בערגלאַך זיינען שוין געווען נישט אַזוי הויך ווי פריער, אָבער דער שפּוע האָט זיך על-פּי-רוב גענייגט צום מערב. און דעריבער איז דער וועג געוואָרן נאָך שווערער. אין טיפן זאַמד זיינען מיר זייער לאַנגזאַם געגאַנגען פאָרויס, און די גלאָקן האָבן אַלץ טרויעריקער און לאַנגזאַמער געקלונגען. די קעמלען האָבן זייער צרהדיק אויסגעזען. איצט האָבן זיי זיך גענערט בלויז מיט דעם אייגענעם פעטס, און די ריפּן האָבן זיי משונה אַרויסגעשטאַרצט. דאָך איז זייער גאַנג נאָך אַלץ געווען מאַיעסטעטיש-ערנסט.

די לופט איז געווען אַ שטילע און אַ טרוקענע, אָנגעזאַפּט מיט שטויב. ווען דאָס וועטער אין די לעצטע טעג וואָלט נישט אָפּ-געפרישט געוואָרן פון ווינט און די זון וואָלט געברענט, אַזוי ווי היינט, וואָלטן מיר שוין אַלע לאַנג אונטערגעגאַנגען.

אין אַ מאַרש פון דריי און אַ האַלבער שעה זיינען מיר אַדורכ-געגאַנגען זיבנאונצוואַנציק קילאָמעטער. דאַן האָבן מיר זיך אָפּ-געשטעלט. אין מזרח האָט מען נאָך אַלץ קיין אַנדער זאַך נישט געזען, ווי דעם גרויסן זאַמד-מדבר מיטן ים בערגלאַך.

אין דער נאַכט אויפן 30-טן אַפּריל איז די היץ געפאַלן אויף פינף גראַד. צום באַגינען איז געווען גשקשה קאַלט. די לופט איז נאָך אַלץ געווען אָנגעזאַפּט מיט שטויב, אָבער דאָך האָבן מיר שוין געקאָנט זען די זון. די קעמלען האָבן ווידער באַקומען

היי פון די זאָטלען און ס׳האָט אויסגעוויזן, אַז זיי זיינען נאָך פעהיק צו מאַרשירן ווייטער.

איצט איז אונז איבערגעבליבן נאָך צוויי גלאָז וואַסער. בשעת מיר האָבן געהאַלטן אין אָנלאַדעווען די קעמלען, האָט אילזאַם באַי באַמערקט, ווי יאָלטשי האָט זיך צוגעכאַפּט מיטן מויל צו דער וואַסער־כּלי. אויסער זיך פון כּעס, האָבן די מענטשן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף אים, און זיי וואָלטן אים זיכער צעממיתט, ווען איך וואָלט זיך נישט אָנגענומען פאַר אים. געבליבן איז איצט נאָר איין זעקסטל ליטער וואַסער! מיטאָגצייט האָב איך געוואָלט דערמיט אָפּנעצן אַלעמען די ליפּן און דעם רעשט צו־טיילן גלייך צווישן אַלעמען.—ווי לאַנג מיר וועלן איצט אויס־האַלטן אַזוי,—אָט דאָס איז די גרויסע אַנטשיידנדיקע פראַגע!

און אָט קלינגען שוין ווידער די גלעקלאַך, און מיר וואַנדערן צו מזרח. תּחלת האָבן די זאַמדבערגלאַך געהאַלטן אַכט מעטער הויך, באַלד אָבער האָבן מיר ווידער געשטעקט אין טיפסטן זאַמד. אָבער וואָס באַדייט עס? אַ קליין טייך־פייגעלע איז אַריבערגע־פלויגן איבער אונזער קאָפּ. אילזאַם באַי איז אַזוי מבולבל גע־וואָרן, אַז ער האָט באַלד געכאַפּט אַ כּלי און האָט זיך געוואָלט לאָזן לויפן צו מזרח נאָך וואַסער. איך האָב אָבער געזאָגט: ניין, ער מוז זיין מיט אונז. מיר מוזן אַלע זיך האַלטן צוזאַמען.

שוין אין אָנהויב פונם מאַרש האָבן מיר זיך געכאַפּט, אַז יאָלטשי איז נישטאָ. מען האָט געגלויבט, אַז ער קאָן שוין נישט גיין צו־זאַמען מיט אונז, און אַז ער וועט נישט אויסהאַלטן. קיינער האָט אויף אים קיין רחמנות נישט געהאַט, ווייל נאָר ער איז שולדיק געווען אין אונזער אומגליק, און ער האָט אויך די לעצטע טראָפּנס וואַסער אַוועקגעגנבעט. אַלע זיינען געווען איבערצייגט, אַז ער האָט בכּיון אונז פאַרשלעפּט אין אַזאַ צרה, כּדי מיר זאָלן אומקומען און שפּעטער וועט ער קאָנען מיט נאָך אַנדערע גאָלד־זוכער פאַרכאַפּן אונזערע פּעק. צי איז אָט דער חשד געווען אַ ריכטיקער, האָבן מיר קיינמאָל נישט געקאָנט פעסטשטעלן.

ביז איצט האָב איך טעגלאַך געשריבן מיין טאָג-בוך. איצט האָב איך שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט דערצו. די לעצטע שורות שטאַמען פון 30-טן אַפּריל, און אָט וואָס זיי זאָגן:

„מיר האָבן גערוט אויף אַ הויכן זאַמדבאַרג, וואו די קעמלען זיינען אומגעפאַלן. מיטן שפּאַקטיוו האָבן מיר אויסגעפאָרשט דעם מזרח—זאַמדבערג אויף אַלע זייטן, קיין שום גרעזל, קיין לעבעדיקער נפש. פון יאָלטשין איז נאָך ביזן אָוונט קיין שום זכר נישטאָ. מיינע לייט גלויבן, אַז ער איז אַוועק צוריק צו אונזערע פּעק, כּדי צו עסן דאָרט קאָנסערוון און וואַרטן אויף הילף. אילוזאַם אָבער האַלט, אַז ער איז שוין טויט".

„די לעצטע טראָפּנס וואַסער, לערך אַ גלאָז, זיינען איבערגעבליבן נאָך. בייטאָג האָבן אַלע אָפּגענעצט זיך די ליפּן. ווען מיר האָבן אין אָוונט אויסגעטיילט דעם רעשט, האָבן קאַזים און מוכאַמעד, וועלכע האָבן געפירט די קעמלען, עס אויסגעטרונקען. אַלע—מיינע לייט און די קעמלען—זיינען שרעקלאַך שוואַך. גאָט זאָל אונז העלפן!

„וואַסער, וואַסער, רבונו של עולם, גיב אונז וואַסער!“

די נאַכט אויפן ערשטן מאַי איז געווען אַ קאַלטע, סך הכּל צוויי מיט צוויי צענטל גראַד. אַ גרעסערע קעלט האָבן מיר אויף דער גאַנצער וואַנדערונג נישט געהאַט. אָבער די לופט איז געווען ריין, און די שטערן האָבן געפינקלט מיט אַ זעלטן שיינעם גלאַנץ. צום באַגינען איז קיין שום ווינטעלע נישט געווען און באַלד נאָכן זונען-אויפגאַנג איז ווידער הייס געוואָרן.

1 מאַי! וויפיל לעבנסלוסטיקייט און שמחה איז פאַראַן אין דעמדאָזיקן וואָרט! פאַראַיאָרן בין איך אין דעם טאָג געקומען קיין קאַשגאַי און בין דאָרט וואַרים אויפגענומען געוואָרן. איך האָב זיך דאָרט אויסגערוט און געהיילט מיין אויגן-אָנצינדונג. אפשר וועט אויך דער הייאָריקער 1-ער מאַי ברייגנען אַן ענדערונג אין אונזער שיקזאַל? אָ, ס'האָט טאַקי געבראַכט אַן ענדערונג, אָבער וואָס פאַר אַ שרעקלאַכע פאַר אונז!

אינדערפרי איז יאָלטשי געקומען צוריק אין לאַגער. מיר האָבן שוין געהאַלטן, אַז ער איז טויט. ער איז אַ ביסל געקומען צו די כּוחות און האָט געגלויבט, אַז היינט וועלן מיר באַקומען וואַסער. פון מיינע לייט האָט קיינער מיט אים קיין וואָרט נישט גערעדט, שטום און טרויעריק זיינען זיי געזעסן און האָבן געטרונקען דעם לעצטן רעשט אייל, וואָס זיי האָבן אָנגעוואַרימט און צוזאַמענגעמישט מיט אַלט-געבאַקן ברויט.

דעם גאַנצן פאָריקן טאָג האָב איך קיין טראָפּן וואַסער נישט באַקומען, און דער דורשט האָט מיך איצט אַזוי שטאַרק געפּייניקט, אַז איך האָב אויסגעטרונקען אַ גלאָז פונם עקלהאַפטן כינעזישן בראָנפן, וואָס מיר פלעגן געברויכן פאַר אונזער קאָך-אַפּאַ-

ראַט. ער האָט מיר געבערענט אין מויל, ווי שוועבל, אָבער אַ ביסל פֿייכטקייט איז עס דאָך פֿאָרט געווען! דאַן האָב איך מיט עקל אַװעקגעשליידערט דאָס פֿלייש פֿון זיך. מײַנע לײַט האָבן צום גליק אָט דעם בראָנפֿן נישט געטרונקען.

פֿון דער מינוט אָן זײַנען מײַנע כּוחות, ווי געלעמט געוואָרן, און ווען דער קאַראַוואַן האָט זיך געלאָזט גיין לאַנגזאַם צו מזרח, האָבן מײַנע פֿיס זיך אָפּגעזאָגט פֿון דערדאָזיקער אַרבעט. די גלעקלאַך האָבן אין דער שטילער לופֿט געקלונגען הילכיקער ווי געוויינלאַך. איליזאַם באַי איז געגאַנגען פֿאָרויס מיטן קאָמפּאַס אין דער האַנט. מוכאַמעד שאַ און קאַזים האָבן געפֿירט די פֿינף קעמלען. יאָלטשי איז געגאַנגען צום לעצטן און האָט געפֿירט נאָך איין קעמל.

טויט-מיד און געפּייניקט פֿון ברענענדיקן דורשט, בין איך אַנידערפֿאַלן און בין געקראָכן אויף אַלע פֿיר נאָכן קאַראַוואַן, האַלטנדיק זיך אין זײַנע שפּורן. דער קאַראַוואַן איז פֿאַרשוואונדן הינטער אַ זאַמדבאַרג, הינטער אַ צווייטן, אַ דריטן, און האָט זיך ווידער באַוויזן אויף אַ ווײַטן באַרגרוקן. די גלעקלאַך האָבן געקלונגען אַלץ ווײַטער און שוואַכער, ביז דער קלאַנג איז אָפּגעשטאָרבן אין דער ווײַטקייט. איצט איז אַרום מיר געוואָרן טויט-שטיל, אָבער די שפּורן האָב איך נאָך אַלץ געהאַט פֿאַר זיך און איך האָב זיך געשלעפּט. ווײַלעווייז בין איך געפֿאַלן און האָב זיך ווידער אויפֿגעהויבן, אָבער אַפֿילו אין אָט דער שווערער צײַט האָב איך נישט פֿאַרגעסן צו ציילן מײַנע לײַט און פֿאַרצייכענען זיי בײַ מיר אין נאָטיצביכל.

ענדלאַך, האָב איך דערזען דעם קאַראַוואַן אויף אַ באַרגרוקן. די פֿינף קעמלען האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט. דער אַלטער מוכאַמעד שאַ איז געלעגן אויפֿן בויך אין זאַמד, געמורמלט עפּיס אַ תּפֿילה און גערופֿן אַלאַ צו הילף. אויפֿן גאַנצן מאַרש האָט ער הײַנט פֿאַנטאַזירט און גערעדט אַלץ נאָר וועגן וואַסער. קאַזים איז געזעסן אין שאָטן פֿון אַ קעמל. מיט די הענט האָט ער פֿאַרדעקט דאָס פּנים. איליזאַם באַי האָט זיך צו-ווײַט אַרויסגערוקט פֿאָרויס, און מיר האָבן אים גערופֿן

צוריק. ער איז איצט געווען דער שטאַרקסטער צווישן אונז און ער האָט געגלויבט, אַז ער וועט אין דער נאַכט קאָנען אַדורכגיין נאָך פֿופֿציק קילאָמעטער צו מזרח, כּדי צו באַקומען וואַסער. אָבער אַז ער האָט דערזען, אַז איך בין שטאַרק געפֿאַלן בײַ זיך, איז ער געבליבן מיט אונז.

נאָך אַ לײַנגערן אָפּרו האָבן מיר באַשלאָסן צו געפֿינען ערגיץ אַ האַרטן באָדן, כּדי צו גראָבן אַ ברונען מיט די לעצטע כּוחות. מיר האָבן פֿון איין קעמל אַראָפּגענומען די משא און אילזאַם בײַ האָט מיר געהאָלפֿן זיך אַרויפֿצוזעצן אויפֿן קעמל. מוכאַמעד שאַ האָט געוויינט און געלאַכט און געשפּילט מיטן זאַמד, ווי אַ קליין קינד. ער האָט מער נישט געקאָנט מאַכן אַ טריט פֿאָרויס. אָבער מיר האָבן אים נישט געוואָלט פֿאַרלאָזן, מיר זײַנען דעריבער פֿאַרבליבן אויפֿן אָרט, כּדי צו גיין ווייטער אינם קילן אָוונט.

אילזאַם און קאַזים האָבן נאָך איינמאָל אויפֿגעשטעלט דאָס געצעלט, כּדי צו האָבן עפּיס אַ שאָטן פֿאַר דער זון. מען האָט אויסגעשפּרייט די לעצטע קאָלדרע און אַוועקגעלייגט צו קאָפּנס אַ זאַק. איך האָב זיך אויסגעטאָן גאָר נאַקעט און בין אַרײַן אין געצעלט. אילזאַם און קאַזים האָבן אויך דאָס אייגענע געטאָן. יאָלטשי איז געבליבן ליגן אין דרויסן אין שאָטן פֿון געצעלט און מוכאַמעד שאַ—דאָרט, וואו ער איז אַנידערגעפֿאַלן. אָבער די הינער זײַנען נאָך אַרומגעלאָפֿן גאַנץ געמיטלאַך און מיט הנאה געפּיקט פֿון די זאָטלען און פּראָוויאַנט-זעק.

דורכגעגאַנגען זײַנען מיר סך הכּל פֿינף מיט אַ האַלבן קילאָמעטער און ס'איז ערשט געווען האַלב צען אינדערפֿרי. אונז איז, אַלזאָ, אויסגעקומען צו ליגן אַ גאַנצן טאָג, און נאָך קיינמאָל איז מיר אַ טאָג נישט פֿאָרגעקומען אַזוי לאַנג, ווי דאָס מאָל. קיינמאָל האָט נאָך אַ מענטש נישט געוואַרט אַזוי אויפֿן זון-אונטערגאַנג, ווי מיר אין דעם 1-טן מײַ 1895.

פֿון מידקייט האָב איך זיך קוים געקאָנט איבערקערן אויף מײַן געלעגער און פֿאַר מיר איז פֿולקום קלאָר געווען, אַז ס'איז געקומען דער סוף פֿון מײַן לעבן. פֿון מורא און פֿאַרצווייפֿלונג

האָב איך אין דעם מאָמענט נישט געוואוסט. מיין גאַנצער עבר האָט זיך, ווי אין אַ חלום פאַראיבערגעטראָגן פאַר מיר. איך האָב געטראַכט וועגן מיין לעבן ביי מיינע עלטערן אין שטוב און איך האָב געזען, אין וואָס פאַר אַ צער זיי ווערן אַריינפאַלן, ווען זיי וועלן מער נישט דערהאַלטן פון מיר קיין בריוו. אָט זע איך, ווי זיי וואַרטן אַ יאָר נאָך אַ יאָר, אָבער אומזיסט—קיין שום ידיעה קאָן נישט געבן קיין דערקלערונג, וואָס מיט מיר איז געשען. פון קאַשגאַר האָט מען זיכער געשיקט מענטשן, צו זוכן מיך און מיין קאַראַוואַן. אין מערקעט האָט מען זיך דערוואוסט, אַז דעם 10-טן אַפּריל זיינען מיר אַרויסגעטראָטן אין וועג אַריין—און ווייטער האָט זיך פאַרלאָרן יעדע שפּור פון אונז אינם גרויסן זאַמד-מדבר.

און אָט האָבן אָנגעהויבן שוועבן פאַר מיינע אויגן בילדער און סצענעס פון מיינע פריערדיקע נסיעות. אָט זע איך, ווי מיט צען יאָר צוריק האָב איך מיך איבערגעטאָן, ווי אַ דערוויש און האָב אַזוי אַרום אַדורכגעוואַנדערט דאָס גאַנצע מאַכמעדאַנישע אַזיען. און פּערזעפּאָליס (אין פּערסיען) האָב איך באַזוכט די טעמפּעל-היילן פון קסערקס און דאַריוס און האָב דאָרט צווישן די גרויסע סלופּעס געלייענט די אויפשריפט: „דער גורל פון אַלע הער-לאַכקייטן אויף דער ערד איז אומצוקומען (אַ שטייגער: הבל הבלים, הכל הבל). וואָס פאַר אַ תענוג עס איז געווען צו זיצן אין שאָטן אונטער די טייטלפּאַלמען פון באַזראַ! וויפיל וואָלט איך איצט באַצאָלט דעם וואַסער-טראָגער, וועלכער האָט אין די שמאָלע גאַסן פון באַגדאַד אָנגעבאָטן פאַר אַ קופּערנעם דרייער דעם גאַנצן לאָגל פרישן וואַסער, וואָס זיין אייזל האָט אויף זיך געטראָגן!

אָט אַזוי בין איך דעם גאַנצן טאָג געלעגן מיט אָפענע אויגן און האָב געקוקט אויפן ווייסן לייוונט פון מיין געצעלט, נישט געקאָנט אָפּשטעלן מיין אויפמערקזאַמקייט אויף איין פּונקט און אויך נישט געקאָנט איינשלאָפן. מיין אויג האָט געבלאָנדזשעט אין אַ וויסטן תהו-ובהו. אָבער אַ פּאָר מאָל בין איך עפּיס מבולבל געוואָרן און איך בין געבליבן ליגן, ווי באַטויבט. דאַן האָט זיך

מיר ווידער געדאַכֿט, אַז איך ליג אויף אַ פרישער לאָנקע אין שאָטן פון אַ זילבער-פּייפּעל. דערפאַר איז אָבער נאָך ביטערער געווען, ווען איך בין געקומען צו זיך און די ביטערע ווירקלאַכקייט האָט זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר! ווער פון אונז וועט דער ערשטער שטאַרבן?—האָבֿ איך זיך געפרעגט. וועמען וועט טרעפן דער שרעקלאַכער גורל צו פאַרבלייבן דאָ דער לעצטער?—כ׳האָבֿ אָן אַן אויפהער געקוקט אויפן זייגער—יעדע שעה האָט מיר אויסגעוויזן, ווי אַן אייביקייט.

אַרום מיטאָגצייט האָט אָנגעהויבן בלאָזן אַ לייכט ווינטל אין מיין געצעלט אַריין און האָט מיך אַ ביסל אָפּגעקילט. דער ווינט האָט זיך געשטאַרקט און אַרום דריי אַ זייגער איז אַזוי פריש געוואָרן, אַז איך האָבֿ זיך געמוזט צודעקן מיט אַ קאָלדרע. און אָט איז פאָרגעקומען עטוואָס אַזעלכעס, וואָס האָט מיר אויסגעוויזן, ווי אַ וואונדער: וואָס מער די זון האָט זיך געזעצט צו מערב, אַלץ מער האָבֿ איך געפילט, ווי מיינע כּוחות קערן זיך צוריק, און ווען די זון האָט ווי אַ רויט-גליענדיקע קויל זיך אָנגעהויבן אונטערצעטוקן הינטער אַ זאַמדבאַרג, האָבֿ איך דערשפּירט, אַז איך האָבֿ ווידער אַלע מיינע כּוחות צוריק באַקומען. מיין לייב איז ווידעראַמאָל געוואָרן עלאַסטיש, און איך האָבֿ זיך געפילט בכּוח צו גיין ווייטער טעג און נעכט איך האָבֿ שוין איצט געבֿרענט פון אומגעדולד און געוואָלט לאָזן זיך אין וועג אַריין וואָס שנעלער. כ׳האָבֿ שוין מער נישט געוואָלט שטאַרבן, נאָר אָנווענדן מיינע אַלע קרעפטן צו ראַטעווען זיך פון טויט. עס האָט מיך געטריבן צו מזרח, צוקריכן אויף אַלע פיר, ווען איך וועל מער נישט קאָנען גיין.

אויך אילזאַם באַי און קאַזים האָבן אין אָוונט גאָר אויפגעלעבט און זיינען גרייט געווען צו מאַכן מיט מיר דעם לעצטן פּרוב. מוכאַמעד שאַ איז נאָך אַלץ געלעגן דאָרט, וואו ער איז אַני-דערגעפאַלן און האָט פאַנטאַזירט. יאָלטשי האָט אויך גערעדט ווי פון זינען, און מיר האָבן קיין איין וואָרט נישט פאַרשטאַנען פון דעם, וואָס ער רעדט. ערשט אין אָוונט האָט יאָלטשי זיך אָנגעהויבן רירן פון אָרט, און ווען ער איז ענדלאַך געקומען

צו זיך, איז ער אויך ווילד געוואָרן. ער איז צוגעקראָכן צו מיר, געדראָט מיטן פויסט אין פּנים אַריין און געשריען: „וואַסער, וואַסער, גיב אונז וואַסער, האַר!" דאַן האָט ער אָנגעהויבן וויינען, איז געפאַלן פאַר מיר אויף די קני און האָט געבעטן מיט אַ האַרצרייסנדיקער שטימע, צו געבן כאָטש איין טראָפּן וואַסער.

וואָס האָב איך אים געקאָנט ענטפערן? איך האָב אים דערמאָנט, אַז ער האָט דאָך אַוועקגעגנבעט דעם לעצטן טראָפּן און האָט געטרונקען מער פאַר אַלעמען, דעריבער מוז ער אויך לייגער פון אַלעמען אויסהאַלטן. מיט אַ פאַרשטיקטן געיאָמער איז ער אַוועקגעקראָכן פון מיר.
אונז אַלעמען האָט דער דורשט שרעקלאַך געפייניקט. מיינע לייט אָבער האָבן געליטן נאָך מער. איז טאַקי גאָר קיין מיטל נישטאָ צו באַקומען כאָטש אַ טראָפּן וואַסער? מיין בליק איז געפאַלן אויבן האָן, וועלכער האָט זיך געמיטלאַך אַרומשפּאַצירט צווישן די קעמלען. זיין בלוט וואָלט אונז געקאָנט ראַטעווען. איין שניט מיטן מעסער—און דאָס בלוט האָט זיך אים לאַנגזאַם אַ גאָס געטאָן פון האַלז אַרויס.
דאָס איז אָבער געווען צו-ווייניק. מיר האָבן מער געברויכט צו האָבן. דאָס שעפּס האָט נאָך געלעבט. מיינע לייט האָבן זיך לאַנג אָפּגעהאַלטן צו שחטן זייער דאָזיקן געמיטלאַכן וועג-חבר. אָבער ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז ס'האַנדלט זיך וועגן אונזער אייגענער רעטונג, האָט אילזאַם באַי אָפּגעפירט די אָרימע חיה אַ ביסל אין דער זייט, אומגעקערט זי מיטן קאָפּ צו מעקא און איבערגעשניטן איר דעם האַלז. דאָס בלוט האָט זיך אַ גאָס געטאָן אין עמער אַריין און מיר האָבן זיך געוואָרפן טרינקען. ס'האָט געהאַט אַן עקלהאַפטן ריח און דער טעם איז אויך געווען שרעקלאַך. איך האָב דערפון איינגעשלונגען אַ טיי-לעפעלע, מער האָב איך אָבער בשום אופן נישט געקאָנט. אויך מיינע לייט האָט עס נישט געשמעקט און האָבן עס אָפּגעגעבן יאָלדאַשן. אָבער יאָלדאַש האָט נאָר איינמאָל אַ לעק געטאָן און דאַן איז ער אַנטלאָפן. דער קרבן איז געווען אַן אומזיסטער!

אילוזאַם און די איבעריקע לייט זיינען שיר נישט משוגע געוואָרן פון דורשט. אין אַ בלאַכענער כלי האָבן זיי געזאַמלט אורין פון די קעמלען. וועלכער איז געווען שטאַרק קאָנצענטרירט און האָט געהאַט אַ געל-רויטע פאַרב. זיי האָבן דעם אורין געמישט מיט עסיק און צוגעגעבן אַ ביסל צוקער, דאַן האָבן זיי זיך פאַרשטאָפּט די נאָז און האָבן געטרונקען. אויך מיר האָבן זיי אָט די משקה אָנגעבאָטן, אָבער שוין פון דעם עקלהאַפטן ריח אַליין איז מיר נישט-גוט געוואָרן. אויך קאַזים האָט, צו זיין גליק, נישט געטרונקען, און די איבעריקע האָבן באַלד אָנגעהויבן ברעכן מיט דער גרינער גאַל.

יאָלטשי איז געלעגן פאַרן געצעלט און האָט געקייט די פייכטע לונגען פונם שעפּס. די הענט און דאָס פּנים זיינען אים געווען אויסגעשמירט מיט בלוט. ס'איז געווען אַן אימה צוקוקן אויף אים.

מיר וואַרפֿן אונזערע משאות.

אַיך מיט קאַזימען זיינען איצט געווען די איינציקע, וואָס האָבן נאָך עפּיס געקאָנט אונטערנעמען. אילזאַם באַי האָט זיך דערשפּירט עטוואָס שטאַרקער, ווען ער האָט אויסגעבראָכן.

איך האָב מיט קאַזימען דורכגעקוקט אונזערע משאות צום לעצטן מאָל. דאָס רוב פון זיי האָט מען געמוזט איבערלאָזן אין מדבר. דאָס, וואָס איך האָב דורכויס געמוזט האָבן מיט זיך, האָב איך אָפּגעלייגט אָן דער זייט, בעמלאַך, מיינע מאַפּעס, מיינע אייגע-נע אויפצייכנונגען, מינעראַלע זאַמלונגען, אינסטרומענטן, שרייב-געצייג און פּאַפּיר, עטלאַכע קליינינקייטן און, ענדלאַך, מיין ביבל און דאָס געזאַנג-בוך.

אילזאַם האָט גענומען נאָך פּראָוויאַנט אויף דריי טעג—מעל, טיי, צוקער, ברויט און עטלאַכע שאַכטעלאַך קאָנסערוון. איך האָב גע-וואָלט איבערלאָזן אויך מיין גאַנץ כינעזישע זילבערגעלט.—הע-כער פינף טויזנט מאַרק—לערך אַ העלפט משא פון אַ קעמל, ווייל איצט איז דאָך דערעיקרשט געגאַנגען וועגן אונזער לעבן, און, אַז מיר וועלן געפינען וואַסער, קאָנען מיר דאָך צוריקקומען. אָבער אילזאַם האָט געטענהט, אַז דאָס געלט מוז מען מיטנעמען, און שפּעטער האָט זיך טאַקי אַרויסגעוויזן, אַז ער איז גערעכט געווען. ער האָט אויך מיטגענומען אַ פּאָר קעסטלאַך ציגאַרן מיט פּאַפּיראָסן, געפּעס צום קאָכן, לאָמטערנעס, ליכט, עמערס, לאָפּע-טעס שטריק, ווי אויך אַ היבשע ביסל פּאַטראָנען פאַר די ביקסן.

אונטער די איבערגעלאָזענע זאַכן זיינען געווען צוויי שווערע

קאַסטנס אַמוניציע, דאָס געצעלט, אַ בעט, דיוואַנעס, אַלערליי מתנות פאַר די אַרטיקע איינגוואוינער, ביכער, פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן מיט עטלאַכע טויזנט פּלאַטן, צווישן וועלכע ס׳זיינען געווען שוין עטלאַכע הונדערט אויפגנאַמעס, זאָטלען, אַ גאַנצן אַפּטייק, צייכנונגס-מאַטעריאַלן, נישט פאַרשריבענע נאָטיץ-ביכער, אַלע מיינע מלבושים, ווינטער-שטיוול און אַנדערע זאַכן.
די נויטיקסטע זאַכן האָבן מיר אַרויפגעלייגט אויף די קעמלען, אָנשטאָט אַ זאָטל. דאַן האָבן מיר ווידער געעפנט אַ פּאָר שאַכטעלאַך קאָנסערוון. די קאָנסערוון זיינען אַפילו געווען נאָך גאַנץ פייכט, אָבער אין האַלז איז אונז געווען אַזוי טרוקן, אַז מיר האָבן נאָר מיט גרויס שווערקייט אַראָפּגעשלונגען די קאָנסערוון.

די קעמלען זיינען געלעגן אַ גאַנצן טאָג אויף איין אָרט און זייער שווערער אָטעם איז געווען דאָס איינציקע, וואָס האָט געשטערט די אַרומיקע שטילקייט. זיי האָבן אויסגעזען גאַנץ גלייכגילטיק צו זייער שיקזאַל. דער גומען איז ביי זיי געווען בלאָווייס און אויסגעדאַרט, און נאָר מיט גרויס מי איז אונז געלונגען אויפצושטעלן זיי אויף די פיס.

דער אונטערגאַנג פֿון קאַראַוואַן.

אדרום זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָט די גלאָק געקלונגען צום לעצטן מאָל. כדי צו קאַרגן מיינע כּוחות, האָב איך געריטן אַ ווײַלע אויף מיין ווייסן קעמל, וועלכער איז געווען דער שטאַרקסטער פֿון אַלע. אילזאַם באַי האָט לאַנגזאַם געפֿירט דעם קאַראַוואַן צווישן די זאַמד-בערג, קאַזים איז געגאַנגען הינטער אונז און האָט געטריבן די קעמלען.

ווען מיר האָבן פֿאַרלאָזן דעם טויט-לאַגער, איז יאָלטשי אַריינגעקראָכן אין געצעלט און האָט זיך געלייגט אין מיין בעט. ער האָט נאָך אַלץ געקייט די שעפּסן-לונגען, וועלכע זיינען געווען גוט פּייכט.

מוכאַמעד שאַ איז געלעגן אויף זיין פֿריערדיקן אָרט. ווען איך בין צוגעגאַנגען צו אים און אָנגערופֿן אים ביים נאָמען, האָט ער געקוקט אויף מיר מיט ווייט-געעפֿנטע, אַש-גראָע אויגן און אַ צעמישטן בליק. אָבער אויף זיין פּנים איז געלעגן עפּיס אַ רוהיקייט און צופֿרידנקייט, אַ שטייגער ווי ער וואָלט גערעכנט באַלד אַריינצוקומען אין גן-עדן, ווי ער האָט זיך אָנגעלייענט אין קאָראַן. ער איז געווען שרעקלאַך אָפּגעצערט, און אין די פּאָר טעג האָט ער זיך פֿאַרוואַנדלט אין אַ זקן. נאָר די קופּערברוינע פֿאַרב פֿון זיין פּנים האָט אויסגעזען פֿריש.

ער האָט געאָטעמט זייער לאַנגזאַם, צייטנווייז האָט ער געכאָרכלט. איך האָב אים געגלעט זיין טרוקענעם, געקנייטשטן שטערן, צוּרעכט געמאַכט אים בעסער דעם צוקאָפּנס און געזאָגט אַזוי רוהיק, ווי איך האָב נאָר געקאָנט, אַז מיר גייען צום מזרח און מיר וועלן באַלד ברייכגען וואַסער. ער זאָל נאָר רוהיק ליגן, ביז

ער וועט זאַמלען פרישע כוחות און דאַן גיין אין אונזער שפּור, כדי צו פאַרקירצן דעם מרחק צווישן אונז. אָבער איך האָב דייטלאַך געזען, אַז מיר וועלן שוין מער מיט אים קיינמאָל זיך נישט זען און אַז ער וועט אין אַ פּאָר שעה אַרום שטאַרבן. ער האָט עפּיס־וואָס געמורמלט און איך האָב נאָר געקאָנט הערן דייטלאַך דאָס וואָרט „אַלאַ". ער האָט געוואָלט אויפהויבן אַ האַנט, אָבער ער האָט נישט געקאָנט. ער האָט אָנגעהויבן איינשלעפערן. קענטיק, אַז דאָס איז שוין געווען דער אייביקער שלאָף. מיט אַ געבלוטיקטן האַרצן און מיט פאַרוואורפן געגן זיך אַליין, אַז איך בין שולדיק אין זיין טויט, האָב איך פאַרלאָזן דעם גוסס.

אויך מיט יאַלטשין האָב איך מיך צוזעגנט, און האָב אים אָנגעזאָגט, ער זאָל זיך לאָזן גיין אין אונזער שפּור, ווייל נאָר דאָס קאָן אים ראַטעווען.

אַ מאָדנע זאַך: אונזערע זעקס הינער האָבן זיך נאָך אַלץ געמיטלאַך אַרומגעשפּאַצירט אַרום דעם געשאָכטענעם שעפּס און מיט תענוג געפּיקט די קערנער פון זיין איינגעווייד. זיי האָבן זיך נאָך געקאָנט לאַנג לעבן און מיר האָבן דעריבער זיי נישט געשאָכטן, ווייל מיר האָבן גערעכנט, אַז מיר וועלן זיי נאָך געברויכן, ווען מיר וועלן זיך אומקערן מיט וואַסער.

אויפן ערשטן זאַמדבערגל האָב איך זיך ווידער אַרומגעקוקט אויפן פאַרלאָזענעם לאַגער, וואו מיר האָבן איבערגעלאָזט צוויי חברים. דאָס געצעלט איז געשטאַנען, ווי אַ שוואַרצער דריי־קאַנט אויפן העלן מערב־הימל. אָבער ווען מיר זיינען אַראָפּגעשטיגן פונם בערגל און פאַרלאָרן דאָס געצעלט פון די אויגן האָב איך געשפּירט, ווי ס'וואָלט מיר אַראָפּגעפאַלן אַ משא פון האַרצן. מער האָב איך זיך שוין נישט אַרומגעקוקט.

פאַר אונז איז געלעגן די נאַכט מיטן זאַמד־ים. אַלע מיינע כוחות האָבן זיך צוריקגעקערט. כל זמן איך וועל נאָך קאָנען קריכן ווי אַ וואָרים אין זאַמד, וועל איך זיך באַמיען צו לעבן און דערהאַלטן זיך פריש. אין מיר האָט אויפגעפלאַקערט אַ וואונדערלאַכע שטרעבונג צו לעבן. איך בין נאָך געווען צו־יונג, כדי אומצוקו־

ען דאָ אינם עלנדן מדבר. איך האָב צופיל געהאַט צו פאַרלירן און צופיל האָב איך נאָך געהאָפט אויפן לעבן. כ׳וויל נישט אונטערגיין!—אָט דאָס איז געווען דער איינציקער געדאַנק, וואָס האָט מיך אַרומגעכאַפּט און געטריבן פאָרויס.

אָבער פאָרויס זיינען מיר דאָך געגאַנגען שרעקלאַך לאַנגזאַם, פאַרצווייפלט לאַנגזאַם! אויף איין זאַמדבאַרג איז געפאַלן אַ קעמל און האָט תיכּף אויסגעצויגן די פיס און דעם האַלז צום שטאַרבן. ער איז פאַרשוואונדן הינטער אונז אין דער פעך-שוואַרצער נאַכט. די שטערן האָבן אַפילו העל געלויכטן און די לופט איז קלאָר געווען, אָבער פון זייער ליכטיקייט אַליין איז שווער געווען צו זען אַרום זיך. די זאַמדבערג האָבן אונז ווײַלעווייז אָפּגעהאַלטן אין גאַנג.

אויך די איבעריקע פיר קעמלען האָבן עפּטער אָנגעהויבן זיך אָפּצושטעלן. טיילמאָל האָבן מיר באַמערקט ערשט שפּעטער, אַז אַ קעמל פעלט אונז. דאַן האָבן מיר געמוזט זיך אומקערן און אים מיטנעמען.

אויך מיט איליזאַם באַי האָט עס שוין געהאַלטן זייער שמאָל. ער האָט אַלע ווײַלע געבראָכן און ס׳האָט אים אָנגענומען אַ קראַמף. ער האָט זיך געמוזט אָפּשטעלן. פונם קראַמף איז ער זייער אָפּגעשוואַכט געוואָרן, באַזונדערס דערפאַר, וואָס דער מאָגן איז ביי אים געווען ליידיק. אין גרויסע יסורים האָט ער זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער ערד און זיך געדרייט ווי אַ וואָרים.

טאַפּנדיק אַזויאַרום אין דער פינסטער צווישן די בערג, האָבן מיר זיך געדרייט אין אַ הינהערל. כ׳האָב דעריבער אָנגעצונדן די לאַמטערנע און בין געגאַנגען מיט איר פאָרויס, אויפצוזוכן עפּיס אַ בעסערן וועג. דער קאָמפּאַס האָט מיך געפירט צו מזרח און די לאַמטערנע האָט שטאַר באַלויכטן דעם זאַמד. כ׳האָב עפּטער זיך געמוזט אָפּשטעלן. דער קלאַנג פון דער לעצטער גלאָק האָט זיך געהערט אַלץ ווייטער און ווייטער.

אַרום עלף אַ זייגער האָב איך אויפגעהערט צו הערן דעם קלאַנג. כ׳האָב אַנידערגעשטעלט די לאַמטערנע אויפן זאַמד-רוקן און האָב

זיך געלייגט אויסרוען. אַרום האָט געהערשט אַ טויטע שטילקייט. כ׳האָב געהאָרכט מיט די אויערן צום מערב און מיט די אויגן האָב איך געקוקט צו מזרח, אפשר וועל איך ערגעץ דערזען אַ פייערל פון די פּאַסטוכער ביים כאַטאַר-דאַריאַ. אָבער כ׳האָב נישט געזען און כ׳האָב נישט געהערט. ס׳איז געווען אַזוי שטיל, אַז איך האָב דייטלאַך געהערט, ווי עס קלאַפּט מיר דאָס האַרץ. ענדלאַך האָב איך דערהערט אַ קלונג פון אַ גלאָק. די הפסקות צווישן די קלונגען זיינען געוואָרן אַלץ לייבגער, אָבער נענטער. ווען דער קאַראַוואַן איז צוגעקומען צו מיר, איז אילזאַם באַ־אַנידערגעפאַלן און האָט דערקלערט, אַז ווייטער גיין קאָן ער שוין מער נישט. ער וועט בעסער שטאַרבן דאָרט וואו ער ליגט.

ס׳איז אָלזאָ געקומען דער לעצטער אַקט פון אונזער טראַגעדיע. איצט איז מיר איבערגעבליבן נאָר איין זאַך: צו שלעפּן זיך אַליין מיט די לעצטע כּוחות קיין מזרח. כ׳האָב זיך געזעגנט מיט אילזאַמען און אים געראַטן, אַז ווען ער וועט אין אַ פּאָר שעה אַרום זיך אויסרוען, זאָל ער אַלץ איבערלאָזן און זען נאָכצוגיין אין מיין שפּור. ער האָט גאָרנישט געענטפערט. ער איז געלעגן אויפן רוקן מיט אַ ברייט געעפנטן מויל און האָט מיט גלע־זערנע אויגן געקוקט אין פּוסטן חלל אַרום.

בלויז קאַזים איז נאָך געווען בכּוח צו גיין מיט מיר. כ׳האָב מיטגענומעןביידע זייגערס, דעם קאָמפּאַס, אַ מעסער, אַ בלייפע־דער, פּאַפּיר אַ ביסל קאַקאַאָ און—מעכאַניש—אויך אַ צענדליק פּאַ־פּיראָסן. קאַזים האָט געטראָגן אַ לאָפּעטע, אַן עמער מיט שטריק, כּדי צו גראָבן אַ ברונען. אין עמער איז געלעגן אַ שטיק שמאַלץ פונם פעטן שעפּסנוויידל, אַ פּאָר שטיקלאַך ברויט און אַ ביסל פאַרקילט בלוט. דאָס היטל האָט ער אין איילעניש פאַרגעסן מיט־צונעמען און שפּעטער האָב איך געמוזט אים אַרומבינדן דעם קאָפּ מיט מיין נאָז-טיכל, כּדי צו פאַרהיטן אים פון זונשלאָג.

דאָס עסן האָט אונז גאָר נישט געקאָנט העלפן, ווייל אין האַלז איז אונז געווען אַזוי טרוקן, אַז מיר האָבן בשום אופן נישט

געקאָנט שלינגען. מיר האָבן אָבער קיין הונגער נישט געשפירט, צוליב דעם גרויסן דורשט.

ס'איז געווען צוועלף אַ זייגער ביינאַכט, ווען מיר האָבן פאַרלאָזן דעם רעשט פון אונזערע פעקלאַך. אילזאַם באַי איז מיט אונז נישט געגאַנגען. מיר האָבן אים איבערגעלאָזט די לאַמטערנע. אַ קורצע צייט האָבן מיר געקאָנט באַרעכענען לויט דער לאַמטערנע, ווי ווייט מיר זיינען שוין אַוועק און וואוהין מיר מוזן גיין. באַלד אָבער האָבן מיר אויך איר שיין פאַרלאָרן, און אַרום אונז איז געוואָרן חושך-שוואַרץ.

אַ נייע האָפנונג.

מיר האָבן זיך נאָך אַלץ געשלעפּט אין דער פינסטער אין טיפן זאַמד. באַלד אָבער האָבן מיר געמוזט זיך אַנידערלייגן.

די קילקייט פון דער נאַכט האָט אונז אָבער ווידעראַמאָל אויפגעהויבן, ווייל מיר האָבן געטראָגן זייער לייכטע מלבושים. ווי נאָר אָבער ס'איז ווידער וואַרים געוואָרן האָבן מיר דערשפּירט אַ געוואַלטיקע מידיקייט און זיך געמוזט אַנידערלייגן. מיר זיינען תיכף איינגעשלאָפן.

אַרום פיר אַ זייגער האָט אונז אויפגעוועקט די קעלט פון פרימאָרגן און מיר זיינען געשווינד געגאַנגען פינף שעה נאָכאַנאַנד. דאַן האָבן מיר ווידער אויסגערוט אַ שעה לאַנג. אַ פרישער מערבווינט האָט אָפּגעקילט די לופט, און מעגלאַך געמאַכט פאַר אונז צו גיין נאָך ווייטער. אַרום מיטאָגצייט איז אָבער די היץ געוואָרן אַזוי שטאַרק, אַז עס איז אונז שוואַרץ געוואָרן פאַר די אויגן, און מיר זיינען אָן כוחות אַנידערגעפאַלן אויף אַ זאַמדבערגל. דאָ זיינען מיר געבליבן ליגן אַ גאַנצן טאָג אויפן צפוןשפּוע פון אַ בערגל, וואו די זון האָט נישט אַזוי שטאַרק געברענט. קאַזים האָט מיט דער לאָפּעטע אָפּגעגראָבן די אויבערשטע שיכט פון וואַרימען זאַמד, מיר האָבן זיך אַנידערגעלייגט אויפן קילן באָדן מוטער-נאַקעט. די מלבושים האָבן מיר אויסגעהייגגען אויף דער לאָפּעטע, וואָס האָט געשטעקט אין זאַמד און אַזוי־אַרום האָבן מיר געהאַט אַ שאָטן פאַרן קאָפּ, ווען דער זאַמד אונטער אונז האָט זיך דערוואַרימט פון אונזער לייב, האָבן מיר זיך איינגעגראָבן נאָך טיפער און זיך באַשאָטן מיטן קאַלטן זאַמד, אַזוי ווי מיט אַ דוש. שלאָפן האָבן מיר נישט געקאָנט,

אָבער מיר האָבן אויך קיין איינציק וואָרט נישט גערעדט.

אַרום זעקס פאַרנאַכט האָבן מיר ווידער זיך געלאָזט לאַנגזאַם אין וועג אַריין. דאָס טרוקענע זאַמדבאָד האָט אונז פאָרט געשטאַרקט אַ ביסל. מיר זיינען געגאַנגען ווייטער און ווייטער. אַרום איינס נאָך האַלבע נאַכט זיינען מיר טויט-מיד אַנידערגעפאַלן אויף אַ זאַמד-באַרג און תיכף איינגעשלאָפן.

אַרום האַלב פינף זיינען מיר מיט פרישע כוחות ווידער אויפגעשטאַנען. די פרישע באַגינען-לופט האָט אונז געהאָלפן גיין ווייטער אָן הפסקות.

פלוצלונג איז קאַזים געבליבן שטיין. ער האָט מיך אָנגענומען פאַרן אַקסל און אָנגעוויזן אויפן מזרח. כ'האָב אָבער דאָרט גאָר נישט באַמערקט, אויסער זאַמד און בערגלאַך. אָבער קאַזימס שאַרף אויג האָט דאָרט אַנדעקט אַ גרינע טאַמאַריסקע! זי מוז עס ווערן אונזער רעטערין!

מיר האָבן זיך געלאָזט גיין גלייך צו איר. גייענדיק צווישן די בערג פלעגן מיר זי פאַרלירן פון די אויגן. אויפן באַרג-רוקן אָבער האָבן מיר זי ווידער געזען. מיר האָבן זיך אַלץ מער און מער דערנענט צו איר און אָט האָבן מיר זי ענדלאַך איינגאַנצן פאַר די אויגן. זי איזווירקלאַך געווען פריש און מיר האָבן, ווי די חיות געקייט אירע זאַפטיקע נאָדלען. אונטער איר איז געווען בלויז זאַמד. אין ערגיץ האָט מען קיין האַרטן באָדן נישט געזען. אירע וואָרצלען האָבן, אַלזאָ, געמוזט האָבן וואַסער אין דער ערד,—איז דאָך מעגלאַך, אַז מיר האָבן נאָנט וואַסער?

ס'איז געווען אַ גרויסער תענוג צו זען פאַר זיך אַ ביסל גרינס און קאָנען זיך באַהאַלטן אונטער אַ שיטערן שאָטן פון אַ בוים. מיר האַלטן, זעט-אויס, ביי דער גרעניץ פונם מדבר. דאָס איז געווען דער ערשטער פעלז, וועלכער האָט געבראַכט די בשורה פאַר די שיפס-געליטענע, אַז די יבשה איז נאָנט.

מיט פרישן מוט האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין. די זאַמדבערגלאַך זיינען קוים צען מעטער הויך געווען. צווישן אייניקע פון זיי האָבן מיר געפונען צוויי קליינע דינע אייער-ליצקעלאַך, און מיר האָבן זיי געשמאַק צוקייט. אַרום האַלב צען

זיינען מיר געקומען צו אַ צווייטער טאַמאַריסקע און צום מורח-צו האָבן זיך געזען נאָך פיל אַנדערע. אָבער פון דער היץ זיי-נען אונזערע כּוחות אַזוי פּאַראַליזירט געוואָרן, אַז מיר זיינען טויט-מיד אַנידערגעפאַלן אין שאָטן פון אַ טאַמאַריסקע. מיר האָבן ווידער זיך איינגעגראָבן אין זאַמד און געלייגט זיך דערין נאַ-קעט. צען שעה נאָכאַנאַנד זיינען מיר געלעגן ווי טויטע.

זיבן אַ זייגער פאַרנאַכט האָבן מיר זיך געלאָזט גיין ווייטער. די פיס האָבן אונטער אונז זיך געוואַקלט און מיר האָבן זיך קוים-קוים געשלעפּט אַ דריי שעה צייט. פּלוצלונג איז קאָזים געבליבן שטיין און אויסגערופן: „פּאַפּעל!" צווישן צוויי זאַמדבערגלאַך האָט זיך באַוויזן עפּיס אַ טונקעלע זאַך און ווירקלאַך: דאָס זיי-נען געווען דריי פּרעכטיקע פּאַפּלען מיט זאַפטיקע בלעטער. די-דאָזיקע בלעטער זיינען אַזוי ביטער, אַז ס'איז נישט ניחא זיי איינצעבייסן. אָבער פייכט זיינען זיי געווען, און מיר האָבן דע-ריבער זיך גוט איינגעריבן מיט זיי די הענט און די גאַנצע הויט ביז זי איז גאָר פייכט געוואָרן. דאַן זיינען מיר, אינגאַנצן אויסגעמאַטערט און אָפּגעשוואַכט, געבליבן ליגן אַ פּאָר שעה, איי-דער מיר האָבן באַטראַכט גענויער דעם אָרט.

מיר האָבן דאָ געוואָלט גראָבן אַ ברונען, אָבער מיר זיינען אַזוי אָפּגעשוואַכט געווען, אַז די לאָפּאַטע איז אונז פון די הענט אַרויסגעפאַלן. האָבן מיר אָנגעזאַמלט עטלאַכע דאַרע צווייגן און פאַרלייגט אַ שטאַרקן פייער, וואָס זיינע פלאַמען האָבן העל באַ-לויכטן די זאַמד-בערגלאַך. דערמיט האָבן מיר, ערשטנס, געוואָלט געבן אַ צייכן אילזאַס באַיען, אויב ער לעבט נאָך, און, צווייטנס, דערוועקן די אויפמערקזאַמקייט אין דער אַרומיקער געגנט, אויב דאָרט זיינען פאַראַן מענטשן. דאָס פייער האָבן מיר דערהאַלטן צוויי שעה צייט. קאָזים האָט דערין אָפּגעבראָטן אַ שטיקל פּונס שעפּסנפעטס, אָבער נאָר מיט גרויס מי האָט ער עס געקאָנט אַראָפּשלינגען. אונזער איבעריקן פּראָוויאַנט האָבן מיר דאָ אי-בערגעלאָזט, כּדי נישט צו שלעפּן קיין משא מיט זיך. נאָר איין ליידיקע שאַכטל פון קוקאַאָ האָב איך מיטגענומען, עס זאָל אונז קאָנען דינען צו שעפּן וואַסער, ווי מיר וועלן עס געפינען.

געשלאָפן זײַנען מיר ביז דרײַ אַזייגער און נאָכדעם האָבן מיר געמאַרשירט ביז אַרום נײַן.

אָבער נאָך די ערשטע דרײַ פּאַפּלען האָבן מיר קיין נײַע נישט באַגעגנט און די טאַמאַריסקען האָבן מיר באַגעגנט אַזוי זעלטן, אַז מיר האָבן זיי קוים געזען פון איינער צו דער צווייטער. מיר זײַנען אַרײַנגעפאַלן אין גרויס פאַרצווייפלונג. ס'איז געוואָרן קלאָר, אַז מיר האָבן דאָ באַגעגנט בלויז אַ נידריקערן באָדן, אָבער ווײַטער וועט ווידער זיך אָנהויבן דער זאַמד־ים. אַרום נײַן אַזייגער האָבן מיר זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טאַמאַריסקע און זײַנען געבליבן ליגן אונטער איר צען שעה אויף דער גליִענדיקער זון. אײַנצוגראָבן זיך אין זאַמד האָבן מיר שוין מער קיין כּוח נישט געהאַט. ווען עס וואָלט זיך, לפּחות, אויפגעהויבן אַ זאַמד־שטורעם, וואָלטן מיר זיך אַזוי נישט געבראָטן אין די גיהנמדיקע זונשטראַלן! אָבער אומזיסט האָבן מיר מיט די אויגן אויסגעקוקט אויפן האָריזאָנט נאָך אַ שוואַרצן וואָלקן: די זון און דער מדבר האָבן זיך פאַרשוואָרן צו פאַרדאַרבן אונז.

ווען די זון האָט זיך אָנגעהויבן צו זעצן אין מערב, האָב איך מיט אַ פאַרצווייפלטער אָנשטרענגונג זיך אויפגעהויבן, אָפּגעשאָקלט דעם זאַמד פון זיך, אָנגעטאָן די מלבושים און אַ רוף געטאָן קאַזימען, ער זאָל גיין מיט מיר. מײַן לײַב האָט איצט אויסגעזען קופּער־ברוין, ווי פאַרמעט. אַ גאַנצן טאָג האָבן מיר קיין וואָרט נישט אויסגערעדט, ווײַל מיר האָבן בכלל נישט געקאָנט ריידן מער, נאָר שעפּטשען אָדער פּייפן. קאַזים האָט מיר מיט אַן אָפּגעשטאָרבענער שטים געענטפערט, אַז ער קאָן מער נישט גיין. מיט צייכנס פון אַ פאַרצווייפלונג האָט ער מיר געגעבן צו פאַרשטיין, אַז ער האַלט, אַז מיר זײַנען פאַרלאָרן. האָב איך מיך געלאָזט שלעפּן אַליין דורך נאַכט און דורכן זאַמד.

איך אַ פֿאַלשער שפּור.

ערשט איצט בין איך ווירקלאַך געווען אַליין, און נאָר די פינקלדיקע שטערן, וועלכע האָבן, ווי עלעקטרישע לאָמפּן געלויכטן, האָבן מיך באַגלייט. די לופט איז געווען קאַלט און שטיל און דאָס קלענסטע גערויש וואָלט מען געקאָנט הערן אינדערווייטנס. איטליכס מאָל, ווען איך בין אַדורכגעגאַנגען אַ שטיק וועג, האָב איך דאָס אויער צוגעלייגט צו דער ערד און זיך צוגעהאָרכט, אָבער געהערט האָב איך נאָר דעם טיק-טאַק פון מיין זייגערל און דאָס שוואַכע קלאַפּן פון מיין האַרץ.

מיט פאַרגניגן האָב איך דאָ אויסגערויכערט מיין לעצטן פּאַפּיראָס, די איבעריקע האָבן מיר מיט אַ טאָג פריער אויסגערויכערט, כדי צו שטילן די יסורים פון דורשט. איך פלעג רויכערן די ערשטע העלפט פון פּאַפּיראָס, קאַזים די אַנדערע העלפט. ער האָט מיר איינמאָל פאַרזיכערט, אַז פון רויכערן האָט ער זיך גאָר מחיה געווען. דעם אָוונט האָב איך אַליין געמוזט אויסרויכערן דעם גאַנצן פּאַפּיראָס.

לאַנגזאַם האָב איך אינדערפינסטער זיך געשלעפּט, ביז איך בין אַרום האַלב איינס אַנידערגעפאַלן ביי אַ טאַמאַריסקע. כ׳האָב געפּרובט מאַכן אַ פייער, אָבער דאָס איז מיר נישט געלונגען. צולעצט בין איך איינגעשלאָפן.

פלוצלונג האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון אַ גערויש. אין זאַמד האָט עפּיס אַ סקריפּ געטאָן, כ׳האָב געהערט דייטלאַכע שריט, און אַ מענטשלאַכע געשטאַלט האָט זיך באַוויזן אינדערפינסטער.

—דו ביזט עס, קאַזים?—האָב איך געפרעגט

—יאָ, מיין האַר,—האָט ער געענטפערט. אין דער קילער נאַכט האָט ער זיך אַ ביסל דערהאַלטן און איז געגאַנגען אין מיין שפּור.

דאָס גליקלאַכע צוזאַמענטרעפן זיך האָט אונז צוגעגעבן אַ ביסל מוט און מיר זיינען ווייטער געגאַנגען אינדערפינסטער און געקעמפט מיט דער מידיקייט און שלעפעריקייט. אַ מהלך-וועג בין איך אויף אַלע פיר געקראָכן. באַרג-אַרונטער האָב איך זיך געלאָזט אַראָפּקאָלערן אין זאַמד. מער, ווי דאָס לעבן, האָט דאָך מיר די זאַך נישט געקאָנט קאָסטן!
מיר האָבן געוואַנדערט ווייטער און ווייטער, אָבער פּלוצלונג האָבן מיר באַמערקט אַ זאַך, וואָס האָט אונז אַ זעץ געטאָן מיט גרויס שמחה אין האַרצן: מענטשלאַכע שפּורן אין זאַמד! מיר האָבן זיך איינגעבויגן, זיי גוט באַטראַכט—קיין ספק נישט, מענטשן זיינען דאָ געווען. מיר זיינען אַלזאָ נישט ווייט פון אַ טייך! וואָרום ווי אַזוי וועלן וואַנדערער פאַרקריכן אין מדבר אַריין ווייט פון אַ טייך?... מיר האָבן באַלד פאַרלאָרן אונזער שלעפעריקייט.
—אָבער די שפּורן זיינען צפּיס צו-פּריש—האָט קאַזים געזאָגט.

—וואָס איז דער וואונדער!—האָב איך געזאָגט—שוין פיל טעג האָט דאָ קיין ווינטל נישט געבלאָזן. אפשר זיינען עס די טריט פון די פּאָסטוכער, וועס האָבן באַמערקט אונזערע הינער און זיך געלאָזט גיין צו אונז...
מיר האָבן זיך געלאָזט גיין אין די שפּורן, באַלד אָבער איז קאַ-זים אַנידערגעפאַלן אויף דער ערד מיט פאַרצווייפלונג און שטיל אַ זאָג געטאָן:
—דאָס זיינען אונזערע אייגענע שפּורן!
איך האָב זיך איינגעבויגן און דערזען, אַז ער איז גערעכט: דאָס זיינען געווען די שפּורן פון מיינע שטיוול. מען האָט אַפילו אויך געקאָנט זען דייטלאַך די שפּורן פון דער לאָפּאַטע, אויף וועלכער קאַזים האָט זיך אָפּגעשפּאַרט. מען האָט פשוט געקאָנט משוגע ווערן פון פאַרצווייפלונג! מיר האָבן זיך געדרייט אין אַ

קרייז, אין דער שלעפעריקייט האָב איך נישט געקוקט אויפן קאָמ־
פאַס, און מיר האָבן אומזיסט פאַרלאָרן אונזערע לעצטע כּוחות.
איצט איז עס שוין אַ סוף מיט אונז!
נישט גערעדט מער אַ וואָרט, האָבן מיר זיך אַ וואַרף געטאָן אויף
דער ערד און זיינען איינגעשלאָפן

געראַטעוועט פֿון דורשט־טויט!

מיטן באַגינען האָבן מיר זיך אויפֿגעכאַפּט און געשלעפּט זיך ווייטער. ס׳איז געווען צען מינוט אויף פֿינף. אין האַלז האָט אונדז געבערענט פֿון טריקעניש. מיר האָבן געהערט, ווי אונדזערע ביינער האָבן געקנאַקט ביים באַוועגן זיך און האָבן געשפּירט ווי זיי ווערן הייס פֿון רייבן זיך צווישן איינאַנדער. מיר האָבן קוים געקאָנט עפֿענען און פֿאַרמאַכן די אויגן.

קאַזים האָט אויסגעזען שרעקלאַך. זיין צונג איז געווען געשוואָלן, ווייס און טרוקן. די ליפּן זיינען ביי אים געווען בלאָ, די באַקן איינגעפֿאַלן, די אויגן—ווי גלעזערנע, אָן אַ שום גלאַנץ, און ער האָט געליטן פֿון אַ קראַמפּהאַפֿטן שלוקעכצן.

ביי זונאונטערגאַנג האָבן מיר באַמערקט אַ שוואַרצע ליניע אויפֿן האָריזאָנט. מיר זיינען פֿאַרציטערט געוואָרן פֿון פֿרייד, ווען די ליניע איז דייטלאַכער געוואָרן. דאָס איז שוין נישט געווען קיין זיגזאַגן פֿון אומענדלאַכע זאַמדרוקנס, נאָר אַ גלייכע ליניע. דאָס האָט געקאָנט זיין נאָר אַ וואַלד ביים ברעג טייך. די שוואַרצע ליניע האָט זיך אַלץ דייטלאַכער אויסגעשניטן.

אַרום פֿינף אַ זייגער זיינען מיר געקומען צו אַ טאָל אין זאַמד, וואו עס זיינען געוואַקסן פֿיל פּאַלמען. דאָס וואַסער אין באָדן האָט שוין דאָ געמוזט זיין גאַנץ נאָענט. מיר האָבן זיך ווידער געכאַפּט פֿאַר דער לאָפּאַטע, אָבער מיר האָבן נישט געהאַט קיין כּוח צו גראָבן און מיר האָבן זיך אַוועקגעשלעפּט ווייטער.

מיר האָבן געהאַט בלויז דורכצעוואַנדערן אַ שמאָלן פּאַס זאַמד און אַרום האַלב זעקס אַ זייגער זיינען מיר געקומען צו אַ שי-

טערן, אָבער אמתן וואַלד, וואו מיר האָבן געהאַט טונקעלע שאָטנס אונטער בליענדיקע ביימער.
זעלטן האָט זיך פאַר עמיצן געוויזן אַזוי הערלאַך די פּראַכט פון פרילינג, ווי פאַר אונז ביידן דאָ אין וואַלד! מיט דער האַנט אויפן שטערן בין איך געשטאַנען, נאָך פאַרשלאָפן פון אַן אומרוהיקן חלום און האָב קוים צונויפגעזאַמלט די רעיונות. צי האָבן מיר זיך דען נישט געשלעפּט וואָכן-לאַנג אין גליענדיקן-הייסן זאַמד? און איצט האָבן מיר אומעטום קילע שאָטנס און גרינס, וואַלד-בלומען און פייגל-געזאַנג און צווישן די אַלט-גראָע שטאַמען פון די ביימער—שפּורן פון ווילדע חיות: פון טיגערס, וועלף, פוקסן, הירשן, אַנטילאָפּן, דאַמהירשעלאַך און האָזן! פליגן און זומער-פייגעלאַך האָבן פריילאַך געשוועבט אַרום אונז און געזשומעט אַזוי, אַז מיר האָט זיך געדאַכט,—איך הער טענער פון אַן אָרגל. אומעטום פרילינג און לעבן.
דער וואַלד איז געוואָרן געדיכטער. דאָ און דאָרט זיינען די שטאַמען פון די פאַפּלעס אַרומגעפלאָכטן געווען מיט ליאַנען. אָפּגעשטאָרבענע שטאַמען פון ביימער און דערנער אָדער קושאַקעס האָבן אונז עפּטער פאַרשטעלט דעם וועג.
צען מינוט אויף אַכט זיינען מיר אַרויס אויף אַ פרייען וואַלדשטח, וואו מיר האָבן דערזען פערדנמיסט און שפּורן פון מענטשן און פערד. אמת, זייער דייטלאַך זיינען זיי נישט געווען. איין זאַך איז אָבער פאַר אונז קלאָר געווען: מיר זיינען געראַטעוועט.
איך האָב פאָרגעשלאָגן צו גיין ווייטער צו מערב, ווייל דאָרט מוז זיין קירצער דער וועג צום טייך, אָבער כ'האָב זיך געלאָזט איבעררעדן פון קאַזימען זיך צו האַלטן אין די שפּורן פון די פערד, וועלכע האָבן זיך געצויגן קיין דרום.
אַרום ניין אַ זייגער זיינען מיר פון דער געוואַלטיקער היץ אַזוי אויסגעפּייניקט געוואָרן, אַז מיר זיינען אַנידערגעפאַלן אין שאָטן פון אַ בוים. מיט די הענט האָב איך אויפגעקראַצט אַ גרוב צווישן דינע וואָרצלען און בין דערין געלעגן אַ גאַנצן טאָג, נישט קאָנענדיק צומאַכן מיט אַן אויג. קאַזים איז געלעגן אומבאַוועגלאַך

אויפן רוקן, מיט אַן אָפענעם מויל און אָפענע אויגן. ער האָט פאַנטאַזירט און געקרעכצט און געשעפּטשעט. ווען איך האָב געפּרובט ריידן מיט אים, האָט ער נישט געענטפערט. אַפילו ווען איך האָב אים אָנגערירט פאַרן אַקסל, האָט ער זיך נישט אָנגערופן. פאַר מיר איז קיין ספק נישט געווען, אַז דער טייך איז נאָענט, אָבער טאַקי דערפאַר זייגען נאָך שטאַרקער געוואָרן די ענוים וואַרטנדיק אויף דער נאַכט, בשעת דער טאָג האָט אויסגעזען לאַנג ווי אַ יאָר.

ערשט אַרום זיבן אַ זייגער אין אָוונט האָב איך ענדלעך דערשפּירט אַ ביסל כּוח זיך אָנצוטאָן און צו גיין ווייטער. אַז איך האָב גערופן קאַזימען, האָט ער מיטן קאָפּ געשאָקלט, און אַ ווייז געטאָן מיט דער האַנט, אַז איך זאָל אַליין גיין טרינקען און ברייגגען אים וואַסער, אַ נישט, וועט ער בעסער שטאַרבן, וואו ער ליגט.

פון דער לאָפּאַטע האָב איך צורעכט געמאַכט אַ מין פאָן איבער קאַזימען, כּדי איך זאָל אים געפינען שפּעטער, און האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער. אַ פּאָר מאָל בין איך שיר געבליבן שטעקן אין די געדיכטע דערנער. מיינע קליידער האָבן זיך צעריסן, די הענט האָבן זיך באַדעקט מיט שראַמען פון די דערנער. שפּעטער האָב איך מיך אויסגערוט אויף די אומגעפאַלענע ביימער, אויף וועלכע איך בין שיר נישט איינגעשלאָפן.

ס׳איז געוואָרן נאַכט און שטאָק פינסטער. דער וואַלד האָט מיטאַמאָל זיך געענדיקט און אין מזרח האָט זיך געזען אַ גלאַטער שטח. אָבער דער באָדן איז דאָ געווען פון ליים און פעסטן זאַמד. פון זאַמדבערגלאַך איז דאָ קיין שפּור נישט געווען. דערדאָזיקער שטח איז דאָ געלעגן מיט צוויי מעטער נידריקער, ווי אין וואַלד. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז דאָס איז דער גרונט פונם אויסגעטריקנטן טייך כאָטאַם-דאַריאַ!

אָבער דער זאַמד איז נאָך אַלץ געווען אַזוי טרוקן, ווי אין דעם מדבר און דער גרונט פון טייך האָט געוואַרט אויפן זומער, ווען דער שניי וועט אָנהויבן שמעלצן אין די טיבעטער בערג און אַהער וועט אַריינפאַלן אַ גרויסער שטראָם וואַסער. וואַרשיינלעך

האָט דער וואַסערשטראָם זיך איצט געצויגן אין אַ נידעריקערן אָרט ביים רעכטן ברעג. מיר וועט אַלזאָ אויסקומען נאָך ווייט צו גיין. איך וועל אָבער גיין ווייטער. כ׳וועל דאָך נישט שטאַרבן פון דורשט האַרט ביים וואַסער!

כ׳בין געגאַנגען גלייך צו דרום-מזרח. פאַרוואָס עפּיס נישט גלייך צו מזרח, ווי ביז איצט? איך ווייס אַליין נישט. אפשר האָט מיך היפּנאָטיזירט די לבנה, וועלכע האָט מיט איר סערפּ געוואָרפן אַ בלאָלאַכער שיין אויף דער געגנט. מיט פעסטע טריט און אָנגעשפּאַרט אויפן שטעקן, בין איך געגאַנגען גלייך אין דער־דאָזיקער ריכטונג, אַ שטייגער, ווי מיך וואָלט געפירט עפּיס אַ פאַרבאָרגענע האַנט און איך מוז גיין, וואוהין זי פירט מיך. ווען דער שלאָף האָט מיך אָנגעהויבן צו מאַטערן, האָב איך זיך אַ ווײַלע אָפּגעשטעלט און אָנגעווענדט מיין גאַנצע קראַפט פון ווילן, כדי נישט אומצופאַלן און אַנטשלאָפן ווערן, אַזאַ שלאָף וואָלט געוויס געווען דער לעצטער. אין גאַנג האָב איך אַלץ געקוקט אויף דער לבנה און געהאָפּט, אַז איך קאָן יעדע מינוט דערזען, ווי זי שפּיגלט זיך אָפּ אין וואַסער. אָבער קיין זאַך האָט זיך נישט באַוויזן און אין מזרח איז די געגנט פאַרהילט געוואָרן אין אַ קאַלטן נאַכט-נעבל.

צוויי מיט אַ האַלבן קילאָמעטער האָב איך אַזוי געוואַנדערט, ביז איך האָב דערזען די טונקעלע וואַלד-ליניע פון צווייטן ברעג. די ליניע ווערט אַלץ דייטלאַכער. דאָרט שטייט שוין אַ געדיכטער וואַלד פון אייער און קושאַקעס! אַ האַלב אומגעפאַלע פאַפּל ליגט קווער איבער אַ גרוב אינם אויסגעטריקנטן טייך. נאָך אַ פּאָר טריט און איך מוז דערזען דעם צווייטן ברעג. אָבער אָט פליט מיט אַ פּייפנדיקן פליגלפלאַטער אַ דערשראָקענע ווילדע קאַטשקע? איך הער, ווי עס גיסט זיך עפּיס און באַלד שטיי איך ביים ברעג פון אַ קליינער אָזערע, קוים צוואַנציק מעטער לאַנג,—אַן אָזערע מיט פרישן, קאַלטן, הערלאַכן וואַסער!

צוריק צו קאַזימען

אומזיסט וואָלט איך זיך באַמיט צו באַשרייבן די געפילן, וואָס האָבן מיך באַהערשט, און די רעיונות, וואָס זיינען מיך באַפאַלן, איידער כ׳האָב געטרונקען,—זאָל עס זיך פאָרשטעלן דער לייענער אַליין. איך האָב באַטראַכט מיין פולס: ער האָט געקלאַפט סך-הכל ניינאונפערציק מאָל. דאַן האָב איך אַרויסגענומען פון קעשענע דאָס בלעכענע שאַכטל, אָנגעשעפט און געטרונקען, און ווי אַזוי דערדאָזיקער געטראַנק האָט מיר געשמעקט, קאָן זיך גאָר קיינער נישט פאָרשטעלן, ווער ס׳האָט נישט געהאַלטן ביים שטאַרבן פון דורשט. רוהיק, גאַנץ רוהיק האָב איך דעם בעכער צוגעטראָגן צום מויל און געטרונקען, געטרונקען און געטרונקען. במשך פון צען מינוט האָב איך אפשר דריי גרויסע פלעשער וואַסער אויסגעטרונקען. דאָס שאַכטל האָט לערך געהאַלטן אַ געוויינלאַך גלאָז,—איך האָט זי איינאונצוואַנציק מאָל אָנגעשעפט און אויסגעטרונקען. אַז נאָך אַזאַ לאַנגן דורשט איז געפערלאַך אַזוי האַסטיק צו טרינקען, וועגן דעם האָב איך גאָרנישט געטראַכט. איך האָב נאָר געפילט, ווי מיט יעדן טראָפן פונם הערלאַכן וואַסער קומען מיר צו נייע כּוחות, און די פליסיקייט פילט אָן מיינע אברים און געוועבן, וועלכע זיינען פריער גאָר אויסגעטריקנט געוואָרן. אַ פּאָר מינוט שפּעטער האָט מיין פולס שוין געקלאַפט זעקסאונפופציק מאָל. דאָס בלוט, וואָס איז פריער געווען פויל און צוזאַמענגעקלעפּט, האָט אָנגעהויבן צו שטראָמען לייכטער אין די אָדערן. די איינגעשרומפּטע הענט, וועלכע זיינען געווען טרוקן און האַרט, ווי האָלץ, זיינען ווידער אָנגעקוואָלן און עלאַסטיש געוואָרן. די הויט, וואָס איז געווען, ווי אַ טרוקע-

נער פּאַרמיט, איז פון דאָסניי פייכט געוואָרן און פון שטערן האָט באַלד אָנגעהויבן קאַפּען אַ שווייס.

קיינמאָל האָט מיר דאָס לעבן נישט אויסגעוויזן שענער, רייכער און ווערטפולער, ווי אין אָט דער נאַכט אינם געלעגער פון טייך כאָטאַם-דאַריאַ. די צוקונפט האָט אויפגעפלאַמט פאַר מיר, ווי אַ ליכטיקער ים. איך בין אַזוי ווי פאַרכשופט געוואָרן און איך האָב גאָרנישט געצווייפלט. אַז מלאכים האָבן מיך אין דער נאַכט גע־פירט אַהער צו אָט דער אָזערע. ס'דאַט זיך מיר אַפילו געדאַכט, אַז כ'האָב אַליין געהערט דאָס רוישן פון זייערע פליגל. די אָזע־רע איז געלעגן אין אַ טיפן אָרט, אונטער אַ בוים, און נאָר גאַנץ נאָנט האָט מען זי געקאָנט באַמערקן. ווען איך וואָלט געקומען מיט פּופּציק טריט ווייטער, רעכטס אָדער לינקס, וואָלט איך זי קיינמאָל נישט אַנטדעקט, און, ווי כ'האָב שפּעטער זיך דערוואוסט, איז צו אַ צווייטער אָזערע געווען זייער ווייט...

אויפן מזרח־ברעג איז געשטאַנען דאָס געדיכטע און טרוקענע גע־לע גראָז פון פּאַראַיאָרן, און די הייאָריקע יונגע און פרישע פרילינגס־שפּראָצונגען האָבן אָנגעהויבן אַרויסשטאָרצן צווישן די אַלטע, פאַרדאַרטע שטענגלאַך. הינטער זיי האָט זיך דערהויבן אַ געדיכטער וואַלד, און דער זילבערנער לבנה־שיין האָט שוין באַ־גאָסן די שפּיצן פון די דאָרטיקע פּאַפּלען. איך האָב דערהערט עפּיס אַ גערויש אין דער נאָנט. דאָס האָט געקאָנט זיין אַ טיגער, אָבער זינט דאָס לעבן איז מיר ווידער געשאָנקן געוואָרן, האָב איך מיט פאַר קיין זאַך נישט געשראָקן. דער געדאַנק, צו באַ־געגענען דעם פינקלענדיקן בליק פונם טיגער, האָט מיר כמעט מחיה געווען. כ'האָב אים געוואָלט אַריינקוקן שאַרף אין די אויגן אַריין און פרעגן, צי וועט ער זיך דערלויבן צוצונעמען מיר דאָס, לעבן, פאַר וועלכן איך האָב אַזוי טייער באַצאָלט... די טריט האָבן אָבער זיך דערווייטערט. משמעות, די אומבאַקאַנטע חיה, וואָס איז אַהערגעגאַנגען טרינקען וואַסער, האָט עס געהאַלטן פאַר בעסער אַוועקצוגיין ווייטער, כל זמן דער אָרט איז פאַרנו־מען דורך אַ מענטשן.

דאַן אָבער האָב איך זיך דערמאָנט אָן קאַזימען, וועלכער ליגט

היגטן אין וואַלד און קעמפט מיטן טויט. מען מוז אים תּיכּף ברענגען הילף. אָבער מיין בלעכן שאַכטל איז געווען צו-קליין און מיט איין גלאָז וואַסער וואָלט איך אים נישט אָפּגעראַטעוועט פון טויט. וואָס טוט מען?

אָבער אָט איז מיר פּלוצלונג איינגעפאַלן, אַז מיינע שטיוול זייגען פון אַ געדיכטן שטאָף. וואָס קאָן זיין אַ בעסערע כּלי צו טראָגן וואַסער?.. אַלזאָ, אויסגעטאָן די שטיוול און מאַרש מיט זיי אין וואַסער אַריין! איך האָב זיי אָנגעפילט ביזן ברעג און אָנגעהאָנגען זיי מיט די אויערלאַך אויף מיין שטעקן, וועלכן כ׳האָב גענומען אויפן אַקסל, ווי אַ קאָראָמיסלע, און באַלד אַוועק צוריק מיטן וועג, מיט וועלכן איך בין געקומען.

די לבנה האָט בלאַס באַלויכטן דעם טרוקענעם געלעגער פון טייך, און איך האָב דייטלאַך געזען מיינע שפּורן. מיין מדיקייט איז פאַרשוואונדן. איך בין כּמעט געלאָפן צום זינקן ברעג. דאָ איז אָבער געוואָרן שווערער צו גיין: מיינע זאָקן זיינען געווען דין און די דערנער האָבן מיר געשטאָכן די פיס. ערגער פאַר אַלץ איז אָבער געווען דאָס, וואָס אַ נעבל האָט אָנגעהויבן פאַרהילן די לבנה. אין וואַלד איז געוואָרן פינסטער-חושך, און איך האָב פאַרלאָרן די שפּורן. כ׳האָב אָנגעצונדן אַ זאַפּאַלקע און אָנגעהויבן קוקן אויפן קאָמפּאַס. און הויך האָב איך געשריגן: „קאַזים!" „קאַזים!" קיין ענטפער איז אָבער נישט געווען. כ׳בין נאָך אַ ווײַלע געגאַנגען אויף גאָטס באַראָט ווייטער, גערופן און געשריען, ווי הויך ס׳האָבן מיר נאָר דערלויבט מיינע שוואַכע לונגען. אָבער כ׳האָב באַלד איינגעזען, אַז אַזוי־אַרום וועל איך זיך נאָר פאַרבלאָנדזשען אין טיפן, שטילן וואַלד. כ׳האָב מיך דעריבער באַשלאָסן זיך אָפּצושטעלן און וואַרטן ביז באַגינען.

פון טרוקענע צווייגן האָב איך פאַרלייגט אַ פייער. קאַזים וועט דאָס פייער געוויס דערזען, ווייל ווייט פון דאַנען ליגט ער דאָך נישט. דאָס פייער האָט באַלויכטן אַלץ אַרום העל און ליכטיק, אָבער מיין שפּור האָב איך נאָך אַלץ נישט געפונען. כ׳האָב מיך דעריבער אויסגעצויגן אויפן ווייכן זאַמד אויפן בויך און בין געשלאָפן אַ פּאָר שעה רוהיק און גוט ביים פייער, וואָס האָט

מיך געדאַרפט באַשיצן פאַר טיגערס און אַנדערע רויב-חיות.

מיטן באַגינען האָב איך זיך אויפגעכאַפּט. דאָס פייער איז שוואַכער געוואָרן, ווייל די אַרומיקע פרישע און פייכטע ביימער האָבן זיך נישט אָנגעכאַפּט פון פייער. מיינע שטיוול מיטן וואַסער זיינען זיך געשטאַנען נעבן אַ שטאַם פון אַ בוים און אַפילו דער באָדן אונטער זיי האָט זיך נישט באַנעצט. כ׳האָב געשווינד אויסגעטרונקען אַ ביסל וואַסער אָנשטאָט פרישטיק און האָב באַלד אויפגעזוכט מיינע שפורן.

ווען איך בין געקומען צו קאַזימען, איז ער נאָך אַלץ געלעגן אין דער פריערדיקער פּאָזע, ווי איך האָב אים פאַרלאָזט. תחלת האָט ער מיך באַטראַכט מיט ווילדע אויגן. ווען אָבער ער האָט מיך דערקענט, האָט ער צענויפגעזאַמלט דאָס לעצטע ביסל כוחות און איז צוגעקראָכן צו מיר, שעפּטשנדיק: „איך שטאַרב אַוועק:״

—צי ווילסטו טרינקען וואַסער?—האָב איך אים רוהיק אַ פרעג געטאָן.

ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און איז ווידער אומגעפאַלן. ער האָט דאָך נישט געקאָנט וויסן, וואָס איך האָב פאַר אים אין מיינע שטיוול...

אָבער אָט האָב איך איין שטיוול גענומען און צוגעטראָגן אים צום מויל מיט דער כאָלעווע אַרויף:

—טרינק!

ער איז אַ פאַרציטערטער געוואָרן און אַ שטים האָט זיך ביי אים אַרויסגעריסן, וואָס איז גאָר נישט ענלאַך געווען צו אַ מענטשלאַכער. און אַז איך האָב האַרטער צוגערוקט די כאָלעווע צו זיינע ליפּן, האָט ער אָנגעהויבן טרינקען. ער האָט דעם גרויסן שטיוול וואַסער אויסגעטרונקען מיט איין אָטעם. האָב איך אים צוגעטראָגן דעם צווייטן: האָט ער אויך דעם צווייטן באַלד אויסגעטרונקען.

און אָט איז מיט קאַזימען פאָרגעקומען דיזעלבע ענדערונג, וואָס נעכטן ביינאַכט מיט מיר: ער האָט זיך געשטעלט אויף די פיס,

איז פֿון טויט לעבֿעדיק געוואָרן, און איצט האָבן מיר באַשלאָסן צו גיין ווידעראַמאָל צו דער אָזערע, טרינקען דאָרט נאָך וואַסער און זיך אַרומוואַשן, ווייל אָט דעם לוקסוס האָבן מיר זיך שוין נישט דערלויבט אַ פּאָר וואָכן. קאַזים איז אָבער נאָך געווען צו־שוואַך צו קאָנען גיין גלייך מיט מיר. האָט ער זיך געוואַקלט, ווי אַ שכּורער און האָט ווײַלעווייז געמוזט קומען צו די כּוחות. מיינע שפּורן צום וואַסער האָבן זיך דייטלאַך געצייכנט. איך האָבֿ אים דעריבער געלאָזט זיך אויסרוען און אַליין בין איך ווידער אַוועק צום וואַסער, וואו איך האָבֿ זיך ווידער גוט אָנגעטרונקען און זיך אויסגעבאָדן. אָבֿער קאַזים איז נאָך אַלץ נישט געקומען.

מיך האָט דערווייל אָנגעהויבן פּייניקן דער הונגער און איך האָבֿ געמוזט תּיכּף גיין זוכן מענטשן, כּדי צו באַקומען עפּיס וואָס צו עסן. דאַן האָבֿ איך מיט זייער הילף געוואָלט גיין אויפֿזוכן אילזאַם באַיען, אפשר וועל איך אים נאָך אויך קאָנען אָפּראַטעווען. קאַזימען האָבֿ איך דערווייל פֿאַרלאָזן, ווייל איך בין געווען זיכער, אַז ער וועט שוין געפֿינען דעם וועג צום וואַסער. אַליין האָבֿ איך זיך געלאָזט וואַנדערן צום רעכטן ברעג, לייגנאויס דעם אויסגעטריקנטן טייך אַרויף צום דרום. מיינע שטיוול זיינען נאָך אַזוי נאַס געווען, אַז איך האָבֿ זיי נישט געקאָנט אָנטאָן און איך בין דעריבער געגאַנגען באָרוועס.

איך זוך מענטשן.

אַרום ביין אַ זייגער האָט זיך אויפגעהויבן אַ העפטיקער מערב-שטורם, וועלכער האָט אָנגעטריבן וואָלקנס פון שטויב און זאַמד אינם אויסגעטריקנטן געלעגער פון טייך. פון דעם שטויב איז די זון אַזוי פאַרטונקלט געוואָרן, אַז איך האָב שוין געליטן ווייניקער פון דער היץ אָבער כ'האָב אויך נישט געקאָנט זען דעם וואַלד נישט רעכטס און נישט לינקס. דער זאַמד האָט מיך שיר נישט דערשטיקט, און נאָכדעם, ווי איך בין דריי שעה געגאַנגען, האָט דער דורשט מיך ווידער אָנגעהויבן שרעקלאַך צו פּייניקן. איך בין דעריבער אַריין אין וואַלד, און דאָרט זיך באַהאַלטן אין די געדיכטע קושאַקעס. ביז אַ נאָענטער אָזערע איז נאָך געווען אפשר אַ טאָג גאַנג. צי איז עס נישט געווען אַ שגעון צו פאַרלאָזן די אָזערע, וואָס האָט מיך אויף אַזאַ וואונדערלאַכן אופן געראַטעוועט פון טויט? צי וועט אפשר נישט זיין גלייכער ווידער אַמאָל זיך צו טרעפן מיט קאַזימען?

נאָך אַ קורצן ישוב-הדעת האָב איך זיך געלאָזט גיין צוריק. אַ האַלב שעה שפּעטער האָב איך דערזען אַ קליינע קאַלושע מיט טריבן, עטוואָס געזאַלצענעם וואַסער. איך האָב פיל געטרונקען, אָבער איצט בין איך שרעקלאַך מיד געוואָרן. און ווידער בין איך אַריינגעפאַלן אין אַ ספק: וואָס טוט מען? וואַסער האָב איך דאָ און קאַזים קאָן מיר ווייניק-וואָס העלפן. אויך איך אים קאָן אויך נישט העלפן. גיין נאָך ווייטער בין איך צו-שוואַך. אפשר איז אַ סברה צו וואַרטן טאַקי דאָ אויף מענטשן? דער שטורם וועט דאָך אַמאָל אויפהערן, וועל איך דאַן געבן אַ צייכן די פאַראיבערגייענדיקע מענטשן!

אין דער נאָנט זיינען געשטאַנען געדיכטע קושאַקעס, און אָט האָב איך זיך דאָרט אַנידערגעלייגט און בין תיכף אַריינגעפאַלן אין אַ טיפן שלאָף. פון אַזאַ שלאָף האָב איך שוין נישט געוואוסט פון 1-טן מאַי אָן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט, איז שוין געווען נאַכט, דער שטורם האָט נאָך אַלץ געבושעוועט אין וואַלד. נאָכדעם ווי איך האָב זיך ווידער גוט אָנגעטרונקען, האָב איך פאַרלייגט אַ פייער, זיך אַנידערגעזעצט פאַר אים און געקוקט אין די פלאַמען.

דער הונגער האָט מיך איצט מוראדיק געפייניקט! איך האָב אויפגעזוכט אַ ביסל פרישע אייער-גראָז און לאַנגזאַם עס געקייט. כ'האָב אויך געפּאַקט עטלאַכע יונגע זשאַבעס און האָב זיי אויפגעגעסן, הגם זיי זיינען געווען זייער ביטער. נאָך דערדאָזיקער „וועטשערע" האָב איך ווידער אָנגעקליבן טרוקענע צווייגן, צוגעוואָרפן זיי צום פייער און זיך אַנידערגעלייגט.

וואָלט איך, לפּחות, געהאַט מיין הונט מיט זיך! צי לעבט ער גאָר? ווער ווייס! אפשר איז ער אויך מיטגעקומען לויט מיינע שפּורן צו דער אָזערע? כ'האָב אָנגעהויבן הויך פייפן,—קיינער האָט זיך נישט אָפּגערופן. דאַן בין איך ווידער איינגעשלאָפן.

ווען איך האָב זיך אויפגעכאַפּט אינדערפרי, האָט שוין דער שטורם זיך געהאַט געלייגט, אָבער די לופט איז נאָך געווען אָנגעזאַפּט מיט שטויב. דאָס איז געווען דער ערשטער שטורם נאָכן אונטערגאַנג פון מיין קאַראַוואַן. מעגלאַך, אַז ער האָט שוין באַגראָבן אין מדבר מיינע לייט מיט די קעמלען. ער האָט זיכער אויך פאַרשאָטן אַלע שפּורן אויפן וועג צו זיי! אויב אילזאַם לעבט נאָך, וועט ער אונז שוין נישט געפינען, אַפילו ווען ער זאָל גיין מיטן קאָמפּאַס. און ווען איך זאָל אַפילו טרעפן מענטשן, וואָס וועלן זיך לאָזן גיין מיט מיר אין מדבר אַריין, טאָ ווי אַזוי געפינט מען דאָס אַלץ, וואָס איך האָב דאָרט איבערגעלאָזט.

דערווייל אָבער האָט זיך נאָך אַלץ נישט געזען קיין זכר פון מענטשלאַכע שפּורן. וואַרטן דאָ אויף פאַרבייוואַנדערער האָט

אויך נישט געהאַט קיין זין. ווען איך האָב דעם לעצטן מאָל באַטראַכט מיין מאַפּע, האָב איך זיך איבערצייגט, אַז פון טייך ביז דער שטאָט כאָטאַם איז, לפּחות, צווייהונדערטפופציק ווי־אָרסט. ווען איך זאָל געשווינד גיין, קאָן איך קומען אַהין אין זעקסטן.

אָבער אויב אַזוי, טאָר מען קיין מינוט נישט פאַרלירן. כ׳האָב מיך דעריבער תּיכּף געלאָזט גיין. ס׳איז געווען האַלב פינף אין דערפרי. כ׳האָב אָנגענומען וואַסער אין מיינע שטיוול און גע־גאַנגען געשווינד מיטן גרעגער פון טייך, וועלכער איז ערטער־ווייז געווען ברייט אַ ווי־אָרסט, ערטערווייז—דריי ווי־אָרסט. נאָך אַ מאַרש פון פיל שעה זיינען מיר געשוואָלן געוואָרן די פיס. איך האָב דעריבער אָפּגעריסן פאַסן לייוונט פון מיין העמד און איינ־געוויקלט די פיס.
כ׳האָב ווידער דערזען פון אָזערע. דאָ איז שוין געווען זיס וואַ־סער האָב איך אויסגעגאָסן דאָס געזאַלצענע וואַסער פון מיינע שטיוול און אָנגעפילט זיי מיט זיס־וואַסער. דאַן האָב איך זיך געלאָזט גיין מיטן לינקן ברעג פון טייך און אָט האָב איך פּלוצ־לונג דערזען אַ הייזל פון פאַסטוכער. ווען איך האָב דאָס הייזל גענויער באַטראַכט, האָב איך באַמערקט, אַז שטאַרק פרייען זיך איז נישטאָ מיט וואָס: קענטיק, אַז אינם הייזל האָט מען שוין אַ לאַנגע צייט נישט געוואוינט.
די היץ און די מידיקייט האָבן מיך אַריינגעטריבן אין וואַלד. דאָרט האָב איך אָנגעזאַמלט יונגע קעפּלאַך פון בלעטער, גראָז, דאָס אַלץ פאַרמישט מיט וואַסער און געגעסן. נאָכן דאָזיקן „פרישטיק" האָב איך ווידער געוואַנדערט ביז אַכט אין אָוונט, דאַן האָב איך פאַרלייגט אַ פייער און זיך אַנידערגעלייגט.
אויפגעשטאַנען בין איך פאַר באַגינען און האָב זיך געלאָזט גיין ווייטער. מערקווירדיק! פאַרוואָס באַגעגן איך נישט קיין שפּור פון מענטשן? אפשר גייט דער וועג דורכן וואַלד גאָר? כ׳האָב זיך געפּרובט גיין אַ ווי־אָרסט ווייט אין וואַלד, דאָ אָבער האָט ער זיך געענדיקט, און פאַר מיר האָט זיך ווידער געעפנט דער זאַמד־ים, אַן אימה האָט מיך אַרומגעכאַפּט און איך האָב זיך ווי־

דער געלאָזט גיין צוריק. אַ שעה-גאַנג ווייטער האָב איך דערזען, אַז די זאַמד-בערגלאַך ציען זיך אַזש ביזן געלעגער פון טייך און אַפילו די פּאַפּלען וואַקסן דאָרט זייער שיטער. אין שאָטן פון איין פּאַפּל בין איך אַנידערגעפאַלן טויט-מיד פון היץ. אויף מיין היינטיקער וואַנדערשאַפט האָב איך באַגעגנט אַכט קליינע אָזערעס, אָבער דאָס וואַסער איז כמעט אין אַלע געווען געזאַלצן.

אָפּגערוט אַ שעה האָב איך זיך געלאָזט גיין ווייטער, אויב דאָ איז נאָר געווען אַ וועג, האָב איך אים איצט געמוזט טרעפן, ווייל דורך די זאַמדבערגלאַך וועט דאָך קיינער נישט גיין, בשעת דער טייך קאָן דינען פאַר אַ ריכטונג? כ'מוז דעריבער זען אַדורכ-צוגיין דעם וואַלד רעכטס פון טייך.

צוויי קילאָמעטער בין איך געגאַנגען אין וואַלד רעכטס פון טייך, — אָבער אומזיסט, מען זעט נישט קיין שפּור פון אַ וועג!

איך האָב זיך געלאָזט וואַנדערן ווייטער. אַדורכגייענדיק דריי-הונדערט מעטער, האָב איך דערזען צוויי אינזלען פון ביימער אין מיטן געלעגער פון טייך. קורץ פאַרן זונאונטערגאַנג האָב איך צווישן די אינזלען אינם געלעגער פון טייך, אַנטדעקט שפּורן פון מענטשלאַכע טריט אין דער באַגלייטונג פון פיר אייזלען.

אַלזאָ, קיין בן-יחיד בין איך שוין דאָ נישט געווען. די שפּורן זיינען אַלט געווען העכסטנס איין טאָג. די שפּורן האָבן זיך אָבער געצויגן נישט פון מיר, נאָר צו מיר, טאָ ווי אַזוי האָב איך נישט באַגעגנט די מענטשן? אפשר האָבן זיי ביי טאָג גערוט און ביינאַכט זיינען זיי אַוועקגעגאַנגען ווייטער?

פון וואַנען זיינען זיי געגאַנגען און וואוהין? וואו האָבן זיי זיך דאָ אָפּגעשטעלט? אפשר איז דאָ פאַראַן אַ הייזל? אפשר ליגן זיי ביי אַן אָזערע? גיין צוריק אין זייערע שפּורן, וועט מיר נישט ברענגען קיין נוצן, סיי-ווי-סיי וועל איך זיי דאָך נישט אָניאָגן, ווייל זיי זיינען דאָך זיכער פאַרבייגעגאַנגען מיט אַ טאָג פריער. איך בין דעריבער געגאַנגען ווייטער און זיך אַלץ געהאַלטן ביים רעכטן ברעג פון כאַטאַם-דאַריאַ, צום דרום.

ביי די פאַסטוכעס פון כאַטאַם־דאַריאַ.

JEWISH PUBLIC

דער בין השמשות האָט זיך שוין געהאַט אַראָפּגעלאָזט אויף דער שטילער געגנט, ווען איך האָב דערהערט עפּיס אַ מאָד־נע שטים. כ׳בין געבליבן שטיין און האָב זיך צוגעהערט. שוין פריער האָב איך מיך עטלאַכע מאָל אָפּגעשטעלט, הערנדיק דאָס פּייפן פון אַ פייגל. דאַן איז אָבער ווידער געוואָרן שטיל און רוהיק. אויך דאָס מאָל איז ווידער גאָר שטיל געוואָרן, כ׳האָב שוין גע־וואָלט גיין ווייטער, ווען כ׳האָב אָבער דייטלאַך דערהערט, ווי מען רופט עמיצן און דאַן האָב איך דערהערט דאָס ברומען פון אַ קו. דידאָזיקע שטימען האָבן מיר געקלונגען, ווי אַ הימלישע מוזיק.

כ׳האָב האַסטיק אָנגעטאָן מיינע נאַסע שטיוול און האָב זיך גע־לאָזט גיין מיט אַ קלאַפּנדיק האַרץ אין דער ריכטונג, פון וואַ־נען ס׳האָבן זיך געהערט די שטימען. כ׳בין דורכגעגאַנגען דורך דערנער און קושאַקעס, געשפּרונגען איבער איינגעפאַלענע ביי־מער, פיל מאָל בין איך אומגעפאַלן, אָבער באַלד האָב איך זיך אויפגעהויבן און בין ווייטער געלאָפן דורכן געדיכטן אַויר און קנאַקעדיקן טרוקענעם גראָז.

וואָס ווייטער—האָב איך געהערט די שטימען אַלץ דייטלאַכער: שעפסן האָבן געמעקעט, מענטשן האָבן גערופן, און אין אַן אָרט אין וואַלד האָב איך ענדלאַך דערזען אַ טשערעדע מיט אַ פּאַס־טוך.

ווען איך האָב מיך פאַר אים אַנטפּלעקט אין מיינע צוריסענע מלבושים מיט די בלאָע שפּאַקולן, איז ער תחלת געבליבן שטיין ווי פּאַראַליזירט פון שרעק, אַ שטייגער, ווי איך וואָלט געווען

דער בייזער וואַלד-גייסט אָדער איינער פון די רוחות פון מדבר. ווען איך האָב אָבער אויסגערופן הויך „שלום עליכם!” (שאַלאָם אַלייקום!) און האָב אָנגעהויבן דערציילן, ווי אַזוי איך קום אַהער, האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו מיר מיטן רוקן און איבערגעלאָזט די שעפּסן אויף הפקר.

אַ ווײַלע שפּעטער אָבער האָב איך דערהערט טריט. דאָס איז ער געקומען צוריק מיט אַן אַלטן פּאַסטוך, וועלכער האָט, משמעות, זיך נישט געשראָקן פאַר רוחות. דער אַלטער איז צוגעגאַנגען צו מיר און איך האָב אויך אים באַגריסט מיט אַ „שאַלאָם אַלייקום”. איך האָב אים דערציילט מיין טרויעריקע געשיכטע, און ווען ער האָט דערהערט, אַז איך האָב שוין אַכט טאָג גאָר נישט געהאַט אין מויל און בעט אַ שטיקל ברויט, האָט ער מיך געפירט צו זיין נידעריק-נידעריק הייזל, אויסגעבויט פון צווייגן.

דאָרט האָב איך זיך געזעצט אויף אַ צוריסענעם וואָילאָק, און דער יונגערער פּאַסטוך האָט מיר דערלאַנגט אַ פרישן שטיק מאַיס-ברויט. כ'האָב אָפּגעבראָכן און געגעסן, אָבער נאָך עטלאַכע ביסנס בין איך שוין זאַט געוואָרן. דאַן האָט מען מיר געבראַכט אין אַ כלי אויסגעצייכנטע שעפּסן-מילך. די פּאַסטוכער זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן, איבערלאָזנדיק נעבן מיר אַ פּאָר גרויסע הינט, וועלכע האָבן אָן אויפהער געבילט אויף מיר.

אַ ווײַלע שפּעטער זיינען זיי צוריקגעקומען מיט אַ דריטן פּאַס-טוך. מען האָט געמאַכט אַ גרויס פייער, און מיר אַלע האָבן זיך אויסגעלייגט אונטערן פרייען הימל נעבן פייער. ערשט איצט בין איך שוין אויף זיכער געראַטעוועט געוואָרן פון הונגער-און דורשט-טויט.

מיטן באַגינען זיינען די פּאַסטוכער מיט זייערע טשערעדעס פאַר-שוואונדן געוואָרן, אָבער אַרום מיטאָגצייט זיינען זיי צוריקגעקו-מען, און איצט האָב איך געהאַט די געלעגנהייט צו באַקאָנען זיך מיט זיי נאָענטער: איינער פון זיי האָט געהייסן יוסוף באַי, דער צווייטער—טאָגדאַ באַי און דער דריטער—פּאַסי אַכון. זיי האָבן געפיטערט 170 שעפּסן און ציגן און זעכציק קי, וועלכע האָבן געהערט אַ געוויסן באַי אין כאָטאַם.

דידאָזיקע פּאַסטוכער לעבן מיט זייערע טשערעדעס סיי ווינטער סיי זומער אין וואַלד און באַקומען פאַר זייער אַרבעט נישט מער ווי צוואַנציק טענגע, אָדער ניין מאַרק אַ חודש און אויסער- דעם, מאַיס-מעל אויף ברויט. ווען די טשערעדע עסט אויף די פּאַשע אויף איין אָרט, וואַנדערן זיי איבער ערגיץ אַנדערש און בויען זיך דאָרט אַ הייזל, אָדער זיי געפינען שוין דאָרט אַ פּאַר- טיק הייזל פון פריער. זיי לעבן נאָר פון מאַיס-ברויט, וואַסער און טיי, וואָס האָט אַ באַגעשמאַק פון פעפער. זייערע מטלטלין זיינען זייער אָרים: די מלבושים, וואָס זיי האָבן אויף זיך—אַ צוריסענעם „טשאַפּאַן", אָדער מאַנטעל, „אַ טעלפער," אָדער שעפּסן- היטל, וואָס זיינע לאַנגע וואָלענע קאָסמעס טרייסלען זיך אויף אַלע זייטן, און אַ „בעלבאַג", אָדער אַ גאַרטל, אין וועלכן זיי האַלטן פאַרוויקלט זייער טיי. אויף די פיס האָבן זיי אַ מין שטיוול פון שעפּסענע לעדער און די קני וויקלען זיי אָרום מיט פּאַסן. דאָס וויכטיקסטע אין זייער באַלעבאַטישקייט איז די „באַלטאַ" אָדער די האַק, וואָס ווערט געברויכט ביים בויען אַ הייזל און אָנצוגרייטן האָלץ צום ברענען. מיטן האַק ברעכן זיי דורך אַ וועג פאַר דער טשערעדע אין די געדיכטע וועלדער. ווינטערצייט האַקן זיי אָן מיט דער האַק די יונגע צווייגלאַך פון די ביימער, מיט וועלכע זיי שפּייזן זייער טשערעדע.

די פּאַסטוכער, ביי וועלכע איך בין געווען צו-גאַסט, האָבן דאָ פאַרבראַכט פינף טעג און האָבן זיך שוין געקליבן איבערצוּוואַנ- דערן. די וואַלד-געגנט האָט ביי זיי געהייסן „בוקסעס", דאָס הייסט: געדיכטער וואַלד. כאָטש זייער לעבן איז געווען שרעק- לאַך איינטאָניק און אָרים האָבן זיי דאָך געשיינט צו זיין מונ- טער און צופרידן. טאַגדאַ באַי איז געווען פאַרהייראַטעט. זיין ווייב האָט ער געהאַט איבערגעלאָזט אין כאַטאַם, ווייל די כינע- זער, וועלכע פלעגן דאָ אַדורכפאָרן, פלעגן, ווי ער האָט דער- ציילט, נישט אַדורכלאָזן און געשענדעט יעדע פרעמדע פרוי. מיין אויסוואַקסן פלוצלונג ווי פון אונטער דער ערד איז פאַר די פּאַסטוכער געווען אַן אמתע געשעעניש. פונדעסטוועגן האָבן זיי נאָך אַלץ געקוקט אויף מיר מיט אַ חשד און מיט מורא. דער

אומשטאַנד, וואָס איך האָב גוט געקענט זייער שפּראַך, האָט זיי ביסלאַכוויז באַרוהיקט און אונזער שמועס האָט זיך געצויגן גע־מיטלאַך ווייטער.

ווי איך האָב זיך פון זיי דערוואוסט, זיינען אויףביידע זייטן טייך געווען פיל פאַסטוכער, באַזונדערס אַרויף מיטן טייך. אָבער נעבן כאָטאַם איז קיין פאַשע נישט געווען און די אייגנטימער פון די טשערעדעס האָבן דערינבער אַ גאַנץ יאָר איבערגעלאָזט זייערע טשערעדעס אין די וועלדער פון כאָטאַם-דאַריאַ. אין פרי־לינג און אָנהויב זומער, ווען דער טייך איז אויסגעטריקנט, איז זיין געלעגער דער איינציקער וועג. ווען אָבער דער געלעגער פון טייך פילט זיך אָן מיט וואַסער, פאָרט מען דורכן וואַלד. איך מיט קאַזימען וואָלטן מוזן וואַרטן אין וואַלד חדשים לאַנג, איידער מיר וואָלטן דאָרט עמיצן באַגעגנט.

אילזאַם באַי.

נאָכמיטאָגצייט זיינען די פּאַסטוכער ווידער פאַרשוואונדן געוואָרן מיט זייערע טשערעדעס, און איך בין געבליבן אַליין. אין אָט דער צייט האָט זיך פּלוצלונג באַוויזן אַ קאַראַוואַן מיט הונדערט אייזלען, וואָס האָט געפירט רייז פון כאָטאַם קיין אַקסו. דער קאַראַוואַן־פירער האָט מיר תחלת נישט באַמערקט. פּלוצלונג האָב איך דערהערט שטימען, וואָס דערנעענטערן זיך צו מיר. כ׳האָב דערזען דריי מענטשן אויף שיינע פערד, וועלכע לויפן שנעל צו מיין הייזל. פאַר מיין הייזל זיינען זיי אַראָפּ פון די פערד און האָבן מיך באַגריסט אַזוי פריינטלאַך, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן געוואוסט, אַז איך געפין זיך דאָ און זיי האָבן מיך געזוכט. אַזוי איז עס טאַקי געווען: פּאַסי אַכון האָט מיט זיי גערעדט און דערציילט זיי פון מיין אונטערנעמונג, און זיי האָבן זיך געאיילט, מיר צו ברייגען אַ ידיעה, וואָס האָט מיך שטאַרק דערפרייט. אין וועג האָבן זיי געזען, אויפן לינקן ברעג פון טייך, אַ ווייסן קעמל, וואָס האָט זיך געפּאַשעט ביים ברעג וואַלד און דערביי איז געלעגן אַ מאַן, מער טויט, ווי לעבעדיק. זיי האָבן אויף אים רחמנות געהאַט און ווען זיי האָבן דערהערט, ווי ער שעפּטשעט „סו!“ „סו!“ (וואַסער! וואַסער!), האָבן זיי תיכף געשיקט אַ רייטער מיט אַ קענדל צו דער נאָנטער אָזערע. דער מאַן האָט אויסגעטרונקען דאָס קענדל מיט איין אָטעם. דאַן האָט מען אים געגעבן צו עסן ניס, ראָזינקעס און ברויט און ער איז לאַנגזאַם געקומען צו די כוחות און האָט דערציילט ווער ער איז און ווי אַזוי ער איז געקומען אַהער. און דאָס איז געווען נישט קיין אַנדערער, ווי מיין געטרייער

דינער אילזאַם באַי. ער האָט געבעטן זיינע רעטער, דריי סוחרים, פון כאַטאַם, זיי זאָלן מיך אויפזוכן, ווייל ער האָט שוין עטלאַכע טעג אינגאַנצן פאַרלאָרן מיין שפור. אויב זיי וועלן מיך געפינען, זאָלן זיי מיר בּאָרגן אַ פערד, כּדי איך זאָל קומען קיין כאַטאַם און קאָנען דאָרט קומען צו די כּוחות. זיי האָבן זיך תּיכּף אַוועקגעלאָזט נאָך מיר, און אָט האָבן זיי מיך געפונען.
זיי האָבן מיר טאַקי פאָרגעלייגט אַ פערד, אָבער איך האָב בעסער געוואָלט בלייבן דאָ און וואַרטן אויף אילזאַמען. צוליב דעם, וואָס אים איז געלונגען צו ראַטעווען אַ קעמל פון אונזער קאַראַוואַן און צו ברייַנגען אים צו אַ וואַסער, איז אים אפשר אויך געלונגען צו ראַטעווען עפּיס פון מיין פאַרמעגן, באַזונדערס מייַנע טאָג-ביכער און מאַפּעס. אויב אַזוי וואָלטן מיר זיך דאָ אַ ביסל צוגעפּאַשעט און נאָכדעם וואָלטן מיר זיך געלאָזט צוריק אין מדבר אַריין, צו נעמען דאָרט מיין געצעלט מיט די איבעריקע פּעק.
איך האָב דעריבער געלאָזט די סוחרים גיין זייער וועג, נאָכדעם ווי זיי האָבן מיר געשאָנקען אַ גרויסן ווייצן-ברויטל און נאָך אויסגעבאָרגט אויך אַכצן זילבער-טענגע מיט אַ זעלטענער גרויסמוטיקייט. אין כאַטאַם—האָב איך זיי פאַרזיכערט,—וועלן מיר זיך באַגעגענען און דאָרט וועל איך זיי באַצאָלן דעם חוב.
אויף צומאָרגנס האָט אַ שטאַרקער צפון-שטורם אָנגעפילט די לופט מיט שטויב און זאַמד, און איך בין אַ גאַנצן טאָג געלעגן אין מיין הייזל און האָב געשלאָפן. די מידיקייט פון די לעצטע טעג האָט זיך איצט אָפּגערופן, און איך האָב זיך געפילט, ווי איינער, וואָס איז אויפגעשטאַנען פון אַ יאָרן-לאַנגער קרענק.
פאַרנאַכט האָט מיך אויפגעוועקט אַ גערויש. כ'האָב געמיינט, אַז איך זע אַ חלום. אָבער באַלד האָב איך דייטלאַך דערהערט אין דרויסן דאָס ברומען פון אַ קעמל. בין איך אַרויס פון הייזל און האָב דערזען פאַסי אַכון, וועלכער האָט געפירט מיין ווייסן קעמל פאַרן צוים! הינטער אים זיינען געגאַנגען אילזאַם און קאַזים!

אויסער זיך פאַר פרייד, האָט אילזאַם זיך געוואָרפן מיר צו די

פּיס און האָט זיך צעווײנט אויפן קול. כ'האָב אים אויפגעהויבן און געפּרובט באַרוהיקן. איך קאָן פאַרשפּאָרן צו דערציילן וועגן דעם, ווי גרויס ס'איז געווען אונזער פרייד, נאָכדעם ווי מיר האָבן שוין גאָר געהאַט פאַרלאָרן אונזער האָפנונג צו באַגעגענען זיך אַמאָל.

דער ווייסער קעמל איז געווען באַלאָדן מיט צוויי פּעק.—דאָס רוב פון מײנע אינסטרומענטן, אויסער מײן אינסטרומענט צו מעסטן די הויך פון די שטערן, מײנע אויפצײכנונגען אין מאַר-שרוטן, פּאַפּיר און פעדערן, ווי אויך אונזער כינעזיש זילבער-געלט, די לאַמטערנעס, אַ טיי-קענדל, פּאַפּיראָסן און אַנדערע זאַכן, אויסערדעם זײנען דאָ אויך געווען בײדע ביקסן און אַ קאָלדרע.

ווען אילזאַם האָט זיך באַרוהיקט און האָט אויפגעגעסן אַ שטיק ברויט, האָט ער דערציילט פאָלגענדיקעס:

נאָכדעם, ווי מיר האָבן אים, אין דער נאַכט אויפן 2-טן מאַי פאַרלאָזן, איז ער געבליבן ליגן נאָך אַ פּאָר שעה, דאַן האָט ער זיך געלאָזט גיין אין אונזערע שפּורן מיט פיר קעמלען. דעם 3-טן מאַי, שפּעט אין אָוונט, האָט ער דערזען אונזער פײער בײ די דרײ פּאַפּלען. דערדאָזיקער אָנבליק האָט אים צוגעגעבן נײע קרעפטן און אים איבערצײגט, אַז מיר לעבן נאָך און אַז מיר זײנען שוין מסתּמא אין וואַלד. עס קאָן נאָך זײן, אַז מיר האָבן שוין וואַסער אויך.

אויף צומאָרגנס איז ער געקומען צו די דרײ פּאַפּלען. אין אײ-נער פון זײ האָט ער מיט דער האַק געמאַכט אַ טיפן שפּאַלט און באַקומען פון דאָרט אַ בעכער זאַפט, וועלכער האָט אים גאָר מחיה געווען. איבערלאָזנדיק די משא פון אײן קעמל, איז ער דעם 5־טן מאַי ווײטער געגאַנגען אין אונזערע שפּורן און אַזוי אַרום איז ער געקומען אינם אויסגעטריקנטן געלעגער פון טײך. דאָ איז אײן קעמל אַנטלאָפן צו מזרח און דער הונט האָט אויך געמאַכט פּליטה. דעם 7-טן מאַי איז געפאַלן טויט מײן רײט-קעמל און אַ ווײלע שפּעטער—אויך אַ צווייטער קעמל, וועלכער האָט געטראָגן אינסטרומענטן, פּאַפּיראָסן, טיי, צוקער, ליכט און

באַקאַראָנעס. אָבער דער ווייסער קעמל האָט זיך געהאַלטן און מיט אים איז אילזאַם געקומען צום ברעג פֿון כאָטאַם־דאַריאַ. ווייל אָבער דער טייך איז געווען אויסגעטריקנט און ער האָט ווייטער נישט געקאָנט גיין, איז ער אין פֿאַרצווייפֿלונג אַנידערגעפֿאַלן און האָט געוואַרט אויפֿן טויט.

דאָס איז געווען דעם 8־טן מאַי אין דערפֿרי. דעמזעלבן טאָג אַרום מיטאָגצייט האָבן אים די דריי סוחרים געפֿינען און אָפּגעראַטעוועט אים פֿון טויט. באַלד נאָכדעם האָט ער אָנגעטראָפֿן קאַזימען, וואָס האָט אים דערציילט, אַז איך לעב און בין געזונט. קאַזים האָט גערעכנט, אַז איך בין אַוועק צו צפֿון, קיין אַק־סו. אילזאַם אָבער האָט געגלויבט, אַז איך בין אַוועק מיטן וועג קיין כאָטאַם. און אָט האָבן זיי ביידע געוואַנדערט צום דרום און באַלד האָבן זיי אָנגעטראָפֿן פֿאַסי אַכון, וועלכער האָט זיי דערציילט, וואו איך געפֿין זיך.

אילזאַם באַי האָט, אַלזאָ, אַרויסגעוויזן זייער אַ גרויסע העלדישקייט. בשעת איך מיט קאַזימען האָבן געזאָרגט נאָר פֿאַר אונזער אייגענעם חומר, האָט ער, זיך ראַנגלענדיק מיטן טויט, נישט פֿאַרגעסן צו באַזאָרגן אויך די אונז נויטיקע זאַכן, וועלכע ער האָט ביסלאַכווייז איבערגעלייגט אויפֿן ווייסן קעמל, ווייל ער איז געווען שטאַרקער. פֿאַר מיר איז דאָס געווען אַ גרויס גליק, ווייל אָנשטאָט דעם, וואָס איך האָב שוין גערעכנט, אַז מיין היאָריקע וויסנשאַפֿטלאַכע אַרבעט איז אינגאַנצן פֿאַרלאָרן געוואָרן, האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז איך קאָן זי פֿירן ווייטער, נאָכדעם ווי אילזאַם האָט מיינע אַלע פּאַפּירן דערהאַלטן גאַנץ.

דעם אָוונט האָבן מיר געגעסן וועטשערע אַלע דריי צוזאַמען ביים פֿייער אין מיין אָרים הייזעלע. נאָך פֿיל אונטערהאַנדלונגען איז אונז געלונגען אָפּצוקויפֿן ביי פֿאַסי אַכון אַ שעפּס פֿאַר צווייאונדרייסיק טענגע. דאָס שעפּס האָבן מיר תיכף געשאָכטן און באַלד אָפּגעבראָטן אַ שטיק שעפּסנפֿלייש אין אונזער טאָפּ. נאָכן עסן האָט זיך מיין פּולס שוין אויפֿגעהויבן ביז זעכציק קלעפּ. אָבער ס'האָט נאָך געדויערט דריי טעג, ביז ער האָט ווידער

געמאַלט זיינע צווייאונאַכֿציק קלעפּ
אילוזמם באַי, קאַזים און איך זיינען, אַלזאָ, געראַטעוועט געוואָרן.
וועגן יאָלטשי און מוכאַמעד שאַ האָבן מיר מער קיינמאָל גאָר
נישט געהערט. זיי שלאָפן דעם טויזנטיעריקן שלאָף אין דער
וויסטעניש אונטער די באַוועגלאַכע זאַמדבערג.

צום טויט־לאַגער.

צוליב דעם, וואָס די פּאַשע איז שוין אויפֿגעפרעסן געוואָרן אין דערדאָזיקער געגנט, האָבן די פּאַסטוכער דעם 11-טן מאַי זיך אַריבערגעצויגן מיט זייערע טשערעדעס אין אַן אַנדער אָרט, צען קילאָמעטער ווייט אַראָפּ טייך, אויף זיין רעכטן ברעג. מיר האָבן געוואַנדערט צוזאַמען מיט די פּאַסטוכער. אויף אַ קליינעם פּלאַץ, אַרומגערינגלט מיט קושאַקעס, אַאיר און אַלטע פּאַפּלען, האָבן מיר אויפֿגעשטעלט אונזער געצעלט. מיר האָבן זיך אויסגעבויט אַ הייזעלע פֿון צווייגן און בלעטער. דעם באָדן האָבן מיר באַצויגן מיט אַ וואָילאָק־קאָלדרע און דערויף האָבן מיר געמאַכט געלעגערס צום שלאָפֿן. אַלס טיש, האָט אונז געדינט מיין קאַסטן מיט פּאַפּיראָסן. אין אונזער לאַגע האָב איך זיך בעסער גאָר נישט געקאָנט ווינטשן און איך האָב זיך דאָ געשפּירט אַזוי באַקוועם, ווי אין מיין שטודיום-צימער אין שטאָקהאָלם. די פּאַסטוכער האָבן זיך אויסגעלייגט אַרום אונזער הייזל אין אַאיר. פּאַסי אַכון האָט מיך טעגלאַך באַזאָרגט מיט מילך, שמעטענע און פרישן מאַיס-ברויט, און ווייל אונזער טאַבאַק האָט נאָך געקלעקט אויף וואָכן לאַנג, האָב איך זיך געשפּירט אינם דאָזיקן ראָבינזאָן-לעבן, אין וואַלד ביים כאָטאַם-דאַריאַ, גאָר ווי אין אַ גן עדן.

ביי פֿאַרבייגעפֿאָרענע סוחרים פֿון כאָטאַם, האָב איך זיך געקויפֿט דריי אויסגעצייכנטע פֿערד, דריי פּאַק-זאָטלען און צוימען, אַ זעקל מאַיס און אַ זעקק ווייצן-מעל, אַ פּאָר שטיוול פֿאַר אילזאַמען, וועלכער איז פֿון טויט-לאַגער געגאַנגען באָרוועס, אַ ביסל טיי, אַ קענדל און אַ ביסל פּאָרצעלאַ-געפֿעס. מיר ברויכן דעריבער נישט צו איילן זיך קיין כאָטאַם, נאָר מיר קאָנען תיכּף מאַכן אַ פּראָ-

בע צו גיין אין מדבר אריין מיט אונזערע דריי פערד און מיטן ווייסן קעמל, כדי, לפחות צו ראטעווען די משאות פון די לעצטנס געפאלענע קעמלען.

אין אָוונט דעמזעלבן טאָג האָבן אונז באזוכט צוויי יונגע יעגער מיט לאַנגע ביקסן אויף די אַקסלען. זיי האָבן גוט געקענט די געגנט, און איך האָב געפועלט ביי זיי, אַז זיי זאָלן גיין מיט אילזאם באַי און קאַזימען אין מדבר צום טויט-לאַגער. אויך דער פאָטער פוןביידע יעגער, אַכמעד מערגען (מערגען הייסט: יעגער),—אַ פּרעכטיקע געשטאַלט מיט אַן אָדלער-נאָז און אַ פאַרשפּיצטער באָרד, איז באַלד געקומען צו אונז און האָט מיט פרייד זיך אויסגערופן אָנטיילצונעמען אין דער עקספּעדיציע. אויפן יאַגד איז ער שוין אַמאָל אַליין פאַרקראָכן ביז די דריי פאַפלען, וואו איך האָב מיט קאַזימען פאַרלייגט אַ פייער.

דעם 13-טן מאַי, איינס ביינאַכט, האָט די עקספּעדיציע זיך געלאָזט אין וועג אריין מיט די פערד און מיטן קעמל. דערצו האָבן זיי גענומען מיט זיך אַ גרויסן לאָגל וואַסער פון ציגנפעל. איך בין דערווייל געבליבן ביי מיינע פאַסטוכער, ווייל איך בין נאָך געווען גוט שוואַך. כ'האָב אויסגענוצט די צייט צוזאַמענצושטעלן מאַפּעס פון די ערטער, וועלכע איך האָב לעצטנס דורכגעוואַנדערט, ווי אויסצואַרבעטן פיל מאַפּעס פון די זאַמדבערגלאַך. אין דער פּרעכטיקער וואַלדלופט אונטערן ליבלאַכן צפון-מזרחווינטל האָב איך זיך געשווינד געקאָנט ערהאָלן. טאָג-טעגלאַך האָב איך געהאַט וויזיטן פון פאַרבייפאָרנדיקע סוחרים. די ידיעה וועגן אונזער וואונדערבאַרער רעטונג האָט געשווינד זיך פאַרשפּרייט אין אַק-סו און אין כאָטאַם. אויף די באַזאַרן האָט מען זיך דאָרט דערציילט וועגן אונז גאָר נסים ונפלאות און מען האָט מיט אומגעדולד געוואַרט, אַז מיר זאָלן שוין קומען אַהין.

אויך איך האָב איצט שוין געוואָלט קומען גיכער קיין כאָטאַם, וואו איך האָב גערעכנט אויפצושטעלן אַ נייען קאַראַוואַן, כדי צו גיין מיט אים, לויט מיין פריערדיקן פּלאַן, קיין טיבעט. כ'האָב דעריבער מיט אומגעדולד געוואַרט אויף מיינע לייט פון זייער עקספּעדיציע.

מיינע פאַרשוואונדענע פעק.

דעם 21-טן מאַי אין אָוונט איז אילוזאַם מיט זיינע באַגלייטער געקומען צוריק פון דער עקספעדיציע. אָבער די ידיעות, וואָס זיי האָבן געבראַכט זיינען געווען גאָר נישט פריילאַכע.

זיי זיינען פון וואַלד גלייך געגאַנגען צו מערב, אָבער זיי האָבן זיך נישט דערוועגט צו גיין ביזן געצעלט, ווייל די טעג זיינען געוואָרן שרעקלאַך הייסע. דאָס איינציקע, וואָס זיי האָבן געפונען איז געווען דער פגר פון אַ קעמל, וועלכער האָט פאַרעפּושט די לופט אַרום, ווי אויך די משא, וואָס איך האָב געהאַט איבער-געלאָזט נעבן די דריי פּאַפּלען און וועלכע האָט קיין גרויס ווערט נישט געהאַט.

זיי האָבן אויך געפונען דאָס אָרט, וואו אילוזאַם האָט איבערגע-לאָזט אַ שוואַכן קעמל. אילוזאַם האָט דאָרט איבערגעלאָזט הייגען אויף אַ בוים זיין גאַרטל, אַלס סימן. אָבער איצט האָט ער, אָנ-שטאָט דעם גאַרטל געפונען הייגען אַ ווייס שטיקל וואָילאָק! אַרום אויפן זאַמד האָבן זיך געזען די שפּורן פון אַ מענטשן, וועלכער איז געגאַנגען אָנגעטאָן אין שטיוול. אָבער דער קעמל מיט זיין טייערער משא איז פאַרשוואונדן געוואָרן! און וויפיל זיי האָבן אויך געזוכט—קיין שפּור אַפילו האָבן זיי נישט גע-קאָנט געפינען פונם גנב.

ווער האָט געקאָנט זיין דער גנב? אפשר יאַלטשי, וועלכער האָט זיך דערהאַלטן נאָך אונזער אַוועקגאַנג און האָט זיך נאָכגעשלעפּט נאָך אונז? אילוזאַם האָט דאָס געהאַלטן פאַר נישט מעגלאַך, ווייל

אויף זיין לאַנגער וואַנדערשאַפט וואָלט ער געמוזט באַגעגענען יאָלטשין.

איין זאַך איז פאַר אונז קלאָר געווען: דער מאַן, וואָס האָט אָנשטאָט דעם גאַרטל אויפגעהאַנגען דאָס שטיקל וואָילאָק, האָט אָוועקגעפירט דעם קעמל מיט דער טייערער משא. אפשר איז עס געווען גאָר איינער פון די דריי סוחרים, וועלכע האָבן אָפּגעראַטעוועט פון דורשט-טויט אילזאָמען און מיר אויסגעבאָרגט אַכצען טענגע? אָבער זיי זיינען דאָך געגאַנגען מיך אויפזוכן, טאָ וואו האָבן זיי דען געקאָנט איבערלאָזן דעם קעמל מיט די זאַכן?

אַלזאָ: אויב דעם קעמל מיט די זאַכן האָט געפונען אַן ערלאַכער מאַן, וועט ער זיי געוויס אונז אָפּגעבן צוריק, ווען ער וועט זיך נאָר דערוויסן וועגן אונז. אויב אָבער ער איז געווען אַ גנב איז ער זיכער אַוועקגעגאַנגען נאָר קיין אַק-סו, ווייל אויפן וועג קיין כאָטאַם, וואָלטן דאָך אים געזען מיינע פּאַסטוכער.

מיין רייזע קיין טיבעט האָב איך שוין איצט געמוזט אָפּלייגן ווייל כ'האָב נישט געהאַט מיט זיך מיינע אינסטרומענטן: דעם שפּאַקטיוו, די אינסטרומענטן צו מעסטן די הויך פון די שטערן און די הויכקייט פון דעם באָדן. אָן דעם וואָלט מיין רייזע געווען אָן נוצן. כ'האָב אָבער בכלל געהאַט מיט זיך זייער ווייניק זאַכן, וואָס זיינען נויטיק אין אַ ווייטער רייזע. מיר איז דעריבער איבערגעבליבן נאָר צו פאָרן קיין קאַשגאַר און דאָרט אָפּוואַרטן, אפשר וועט זיך געפינען דער גנב, כדי צו קאָנען באַקומען די מיר נויטיקע זאַכן צוריק.

דעם 23-טן מאַי זיינען מיר, אַלזאָ, אַרויסגעפאָרן אין וועג אַריין. מיר איז זייער שווער געווען צו שיידן זיך מיטן פּרעכטיקן אָרט, וואו איך האָב זיך אַזוי גוט דערהאָלן, ווי אויך די גוטע מענטשן, וועלכע איך האָב דאָרט געפונען.

איך האָב די פּאַסטוכער באַשאָנקען מיט דרייסיק טענגע, פאַר וועלכע דאָס איז געווען אַ גאַנצער פאַרמעגן. דאַן האָבן מיר

מיט צוויי קעמלען און דריי פערד זיך געלאָזט אין וועג אַריין. און ווידער האָט געקלונגען אין וועג אונזער גלאָק, אָבער דאָס איז שוין נישט געווען קיין טויט-גאַנג, נאָר אַ האָפנונגס-פולער גאַנג פון מענטשן, וואָס זיינען תחית המתים אויפגעשטאַנען און איילן צו אַ נייען לעבן.

ווידער אין קאַשגאַר.

אין געלעגער פון טייך האָבן מיר זיך צעשיידט: אילזאַם באַי און די יעגער האָבן זיך געלאָזט גיין מיטן לינקן ברעג דורכן וואַלד, כדי אויך דאָ צו פאָרשן נאָך דער שפור פונם פאַרשוואונדענעם קעמל. איך בין מיט אַכמעד מערגען געריטן אין געלעגער פון טייך און קאַזים האָט אונז באַגלייט מיט ביידע קעמלען.

אין אָוונט זיינען מיר געקומען צו דער קליינער אָזערע, וואָס האָט מיר דאָס לעבן געראַטעוועט. איך האָב באַלד ווידער דערקענט דאָס קאַמיש-וועלדל מיט דעם שטאַם פון דער פאַפּל, וואָס איז געלעגן קווער איבער דער אָזערע. דאָ האָבן מיר אַ שעה אויסגערוט, כדי ווידער צו טרינקען פונם פרעכטיקן וואַסער און ערוואַרטן דאָ דעם אָפּגעשטאַנענעם קאַזים. אַכמעד מערגען האָט געזאָגט, אַז די אָזערע הייסט כאָדאַ-ווערדיקעל: אַ פון גאָט געבענטשטע אָזערע. איך האָב מיטן גאַנצן האַרצן אָנדערקענט די ריכטיקייט פון דעמדאָזיקן נאָמען.

דעם 24-טן מאַי האָבן מיר גערוט, כדי צו געבן מיינע לייט די מעגלאַכקייט דורכצוּוואַנדערן דערווייל דעם 6—12 קילאָמעטער ברייטן וואַלד. פונם קעמל האָבן זיי אויך דאָ קיין שפור נישט געפונען, נאָר זיי האָבן אָנגעטראָפן פאַסטוכער מיט פינפהונדערט שעפסן און זעכציק קי. פון אונזער טייך ביזן וואַלד איז געווען צוויי שעה גאַנג. ווען איך וואָלט דעם 6-טן מאַי צו צפון געגאַנגען, וואָלט איך דאָך די פאַסטוכער דאָרט נישט געטראָפן, ווייל זיי זיינען ערשט איצט געקומען אַהינצו. צו אַ צווייטן פאַסטוכער-לאַגער זיינען מיר געקומען ערשט נאָך עטלאַכע טעג ריי-

וע, בײַם אָרט, וואו דער כאָטאַם-דאַריאַ גיסט זיך אַרײַן אין יאַרקענט-דאַריאַ אין דער צײַט פון וואַסערגאַנג. אַזאַ מהלך וואָלט איך אין מײַן פריערדיקער שוואַכקייט, פאַרשטייט זיך, בשום אופן נישט געקאָנט דורכגיין.

דעם 25-טן מאַי איז אַכמעד מערגען אַוועק צוריק צו זיך אין זײַן דאָרף אַרײַן, נעבן כאָטאַם. איינער פון זײַנע זין האָט אונז באַגלייט נאָך איין טאָג, דאַן בין איך מיט אילזאַמען און קאַזימען שוין געגאַנגען ווײַטער אָן אַ וועג-ווײַזער, גייענדיק אַלץ מיטן געלעגער פון כאָטאַם-דאַריאַ, וועלכער האָט אין פיל ערטער זיך געשפּאָלטן, ווײַל זײַן וואַסער גייט אַמאָל מיט איין געלעגער אַמאָל מיט אַ צווייטן.

אַרום זעקס אין אָוונט זײַנען מיר געווען אין רעכטן מיטן געלעגער—אילזאַם איז אַוועקגעריטן פאָרויס, כדי אויפצוזוכן אַ פּלאַץ, וואו אויפצושלאָגן דעם לאַגער. פּלוצלונג האָט אויפן מערב-האָריזאָנט זיך פאַרשפּרייט אַ טונקעלער, געל-גראָער וואָלקן. תחלת האָט דער וואָלקן פאַרנומען דעם ברעג הימל, באַלד אָבער האָט ער זיך אויסגעצויגן ביז איבער אונזערע קעפּ. די זון האָט תחלת באַקומען אַ געלע קאָליר, באַלד אָבער איז זי אינגאַנצן פאַרהילט געוואָרן.

פון ווײַטן טייל פון וואַלד האָט זיך דערהערט אַ גערויש, וואָס איז געשווינד צוגעקומען נאָענטער. מען האָט געהערט אַלץ דײַטלאַכער, ווי ס'ברעכן זיך די צווײַגן פון די ביימער און די סענקן. אין צפון-מערב האָט דער וואַלד זיך אײַנגעהילט אין אַ שלייער און אין זאַמד-געלעגער האָבן זיך אָנגעהויבן טראָגן גאַנצע סלופּעס זאַמד און שטויב, פּונקט ווי קוליסן אין אַ טעאַטער, וועלכע ווערן געפירט דורך פאַרשטעקטע מעכאַניזמען. באַלד איז דער וואַלד פון אונזערע אויגן גאָר פאַרשוואונדן געוואָרן. די ערשטע כוואַליעס פון שוואַרצן בוראַן-שטורעם האָבן צו אונז דערגרייכט. דער שוואַרצער בוראַן האָט מיט זײַנע אומדערגרייכלאַכע וואָלקנס איבער אונזערע קעפּ זיך אַריבערגעטראָגן. ס'האָט זיך געדאַכט, אַז ס'דרייט זיך אַרום אונז די ערד, די לופט און אַלץ, וואָס אויף דער ערד אָדער אין דער לופטן. מיר האָבן דערוואַרט,

אַז אַט—אַט וועט דער שטורם אויף אונז אויפהויבן און אַוועק-שלעפּן. ס'איז געוואָרן פינסטער, ווי אין דער נאַכט. אַ לאַנגע צייט זיינען מיר געבליבן שטיין, וואו מיר זיינען געווען. איל-זאָם באַי האָבן מיר אינגאַנצן פון די אויגן פאַרלוירן, און נאָר אַ גליקלאַכער צופאַל האָט אים געבראַכט צוריק צו אונז. און ווייל דער שטורם האָט גאָר נישט געוואָלט אָפּשטעלן זיך, האָבן מיר פּאַרזיכטיק צוגעשלעפּט זיך צום נאָנטסטן ברעג געלעגער, וואו מיר האָבן אונטער געדיכטע קוּשאַקעס אויפגעשלאָגן אונזער לאַ-גער.

אויף צומאָרגנס האָט דער שטורם נאָך אַלץ נישט געלייגט זיך. מיר זיינען דעריבער געגאַנגען מיטן לינקן ברעג געלעגער אויף גאָטס באַראָט און האָבן צום גליק געפונען ביי איין פּאַפּל אַ וועגווייזער—אַ שטאַנג מיט אַ פערדן-שאַרבן. אין אָוונט זיינען מיר ענדלאַך צוגעקומען צו די פּאַסטוכער, וועלכע האָבן געוואוינט באַקוועם אין וואַלד-הייזלאַך פון דיגע באַלקנס. די פּאַסטוכער האָבן געשטאַמט פון אַק-סו, אָבער זיי האָבן אַ גאַנץ יאָר געלעבט מיט זייערע טשערעדעס אין די וועלדער אויף דער פּאַשע. תּחלת האָבן זיי אונז באַטראַכט מיט אַ געוויסן חשד, אָבער פונדעסט-וועגן האָבן זיי אונז מכבד געווען מיט ברויט, מילך און אייער. זיי האָבן דאָ דערוואַרט אין 25 טעג אַרום די וואַסער-שטראָ-מען פון טייך יאַרקענט-דאַריאַ און דעריבער האָבן זיי זיך אויפ-געהאַלטן אין וואַלד אויף אַ הויכן אָרט. איצט איז דער טייך גע-שטאַנען זייער נידריק, ווי מיר האָבן זיך געקאָנט איבערצייגן אויף צומאָרגנס, ווען מיר זיינען דעם טייך אַדורכגעגאַנגען צו-פוס.

דעם דריטן יוני זיינען מיר ענדלאַך געקומען צו דער מאַכמע-דאַנישער שטאָט אַק-סו, וואו ס'האָט אונז אויפגענומען העכסט פריינטלאַך אין זיין הויז מוכאַמעד עמין, דער אַקסאַקאַל פון די מערב-טורקעסטאַנישע סוחרים. אונזערע פערד און קעמלען האָט מען אַריינגעבראַכט אין אַ נאָענטן הויף.

אַקסאַקאַל (ווייסבאַרד אָדער שעף) דאָס איז אַ מין קאָנסולאַר-אַגענט, וואָס די רוסן האָבן אין אַלע שטעט פון מזרח-טורקעס-

טאַן. מוכאַמעד עמין, אַ פּריילאַכער אַלטיטשקער מיט אַ ווייסן באָרד פון אַ יאָר זעכציק, איז געווען אַן אויסגעצייכנטער קענער פון גאַנצן לאַנד. ער האָט שוין געהאַט געהערט וועגן אונזער שיקזאַל און נאָך איידער איך בין געקומען, האָט ער שוין געפירט די אויספאָרשונג וועגן דער גנבה. קיין ערפאָלג האָט ער אָבער נישט געהאַט.

מער ערפאָלג האָט געהאַט דער רוסישער גענעראַל-קאָנסול פּעטראָווסקי, וועלכער האָט אַרויסגעלייגט אין קאַשגאַר די פליכט אויפן כינעזישן מאַנדאַרין דאַאָ טאַי צו פירן אַ גענויע אויספאָרשונג אין כאָטאַם און אַק-סו. די רוסישע פאָדערונג איז געווען געשטעלט אין אַזאַ דרינגנדער פאָרם, אַז די אויספאָרשונג איז געפירט געוואָרן מיט דער געהעריקער שטרענגקייט. דער רעזולטאַט איז געווען אַ העכסט איבעראַשנדיקער: אין אַ געוויסן טאָג האָט דאַאָ טאַי מיך איינגעלאַדן אויף אַ מיטאָג און, ווען מיר האָבן זיך צום טיש געזעצט, איז נעבן קובערט (טעלער, לעפל, גאָפל און מעסער) געלעגן דער שוועדישער אָפיציר-רעוואָלווער, וועלכער איז געווען צווישן די פאַרשוואונדענע פּעקלאַך! איין פויער פון טאַוועק קעל האָט געזאָגט, אַז ער האָט אים באַקומען פון אַן אומבאַקאַנטן רייטער. מער האָט מען לעת עתה נאָך נישט געקאָנט דערגיין און, ווייל איך בין איצט געווען פאַרנומען מיט נייע רייזע-פּלענער, האָב איך געלאָזט פאַלן דידאָזיקע קרימינאַלגעשיכטע, ביז זי האָט אין אַ יאָר אַרום זיך אַנטוויקלט אויף אַ גאָר אומדערוואַרטעטן אופן.

במשך פון די לעצטע דריי טעג האָט מיין ווייסער קעמל אויפגעהערט צו פרעסן און זינט מיר זיינען אין אַק-סו געקומען, האָט ער יאָמערלאַך געברילט, ווען עמיצער פלעגט צוגיין צו אים. און אין לעצטן טאָג איז ער טויט געלעגן. נאָכדעם ווי ער האָט זיך אַזוי העלדיש דערהאַלטן אין דעם גרויזאַמען מדבר, וואו ער האָט געהאַט נישט צו פרעסן נישט צו טרינקען, איז ער איצט אין דער גרעסטער רחבות, אויף פיל קאָרמע און וואַסער, געשטאָרבן כמעט פּלוצלונג: די איבערגעשטריינגטע מידיקייט האָט געבראָכן דעם שטאַרקן אָרגאַניזם.

נאָך אַ דריי-טאָגיקן פאַרהאַלטן זיך אין אַק-סו האָבן מיר אין דער באַגלייטונג פון מוכאַמעד עמין פאַרלאָזט די שטאָט און דעם 21-טן זיינען מיר ענדלאַך געקומען אין קאַשגאַר, פון וואַנען ס'האָט זיך געזאָלט אָנהויבן מיין רייזע אויפּסניי. דאָ בין איך פאַרבליבן דריי וואָכן, כדי צו צוגרייטן זיך צו דער נייער ריי-זע. דערצו האָב איך געברויכט צו האָבן אַ פולקומען קאָמפּלעט פון מעטעאָראָלאָגישע אינסטרומענטן, אַנעראָידן, קאָך-טערמאָמע-טערן, וועלכע איך האָב געמוזט באַשטעלן פון בערלין. קליידער, פּראָוויאַנט און טאַבאַק האָב איך זיך באַשטעלט פון טאַשקענט טעלעגראַפיש. ביז די באַשטעלטע זאַכן וועלן אָנקומען פון בער-לין, וועל איך מוזן וואַרטן לפּחות דריי מאָנאַטן. דידאָזיקע צייט האָב איך אָבער נישט געוואָלט פאַרברייננגען אין ליידיקגיין אין קאַשגאַר, נאָר באַנוצן אויף אַן עקסקורסיע אויפן פּלאַטאָ פּאַמיר. דאָרט האָב איך געטראָפן רוסישע און איינגלישע באַאַמטע,—מיט-גלידער פון צוויי קאָמיסיעס, וואָס האָבן געהאַט די אויפגאַבע אָדורכצעפירן די גרעניץ אין פּאַמיר צווישן רוסישע און איינג-לישע געביטן אויפן פּאַמיר נישט ווייט פון באַרג הינדו-קוש. מיט אָט די באַאַמטע האָב איך פאַרלעבט הערלאַכע וואָכן פון דערהאָלונג.

דעם 3-טן אָקטאָבער בין איך געקומען צוריק קיין קאַשגאַר. דאָס צו-אָפטע טוישן דעם קלימאַט האָט מיר מיטגעבראַכט אַ העפטיקן פיבער, פון וועלכן איך בין ווידער געזונט געוואָרן ערשט אין מיטן נאָוועמבער. ביזנו לביזנו זיינען אָנגעקומען די זאַכן פון בערלין און טאַשקענט, און איך בין שוין ווידער גע-ווען גוט צוגעגרייט צו דער רייזע, ווי פאַר דריי יאָרן. איצט האָט מיך שוין מער קיין זאַך נישט אָפּגעהאַלטן פון אַ נייער ריי-זע אין דעם מדבר.

אַ פּאַמפּיי אין דעם מדבר.

דעם 14-טן דעצעמבער 1895 האָב איך ווידער פאַרלאָזט קאַשגאַר מיט אַ נייעם קאַראַוואַן פון ניין פערד און דריי מענטשן און האָב זיך געלאָזט וואַנדערן צו דרום. קאַזים איז איבערגעבליבן אַלס שווייצאַר אין רוסישן קאָנסולאַט אין קאַשגאַר. דריי טעג לאַנג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט אין יאַרקענט, די גרעסטע שטאָט אין מזרח-טורקעסטאַן, וועלכע האָט מיט די אַרומיקע דערפער הונדערטפופציקטויזנט איינוואוינער. חגאות האָב איך צוגעבראַכט אין קאַרקאַליק אָדער אין דער „ראָבען-שטאָט”. דאָרט האָט דער, שוין צו שטאַרק העפלאַכער שעף מיך אויפגענומען מיט גרויס פּאַראַד: מען האָט געשאָסן מיט האַרמאַטן ביי מיין אָנקומען און ביי מיין אָפּפאָרן.

פון דאָרט האָבן מיר געוואַנדערט דורך די סטעפּעס און אומפרוכטבאַרע מדבריות פון דאָרף צו דאָרף, פון האַרבעריק צו האַרבעריק און פון איין אָאַזיס צום צווייטן. טיילמאָל האָט דער וועג זיך געצויגן האַרט ביים גרויסן מדבר און אָט האָב איך ווידער דאָס צווייפלהאַפטע פאַרגניגן צו זען די זאַמדבערגלאַך אין דערווייטן. נאָר זעלטן האָבן מיר דאָ רייזנדע באַגעגנט, געווינלאַך, חברותות סוחרים אָדער פּויערן. דעם 5-טן יאַנואַר זיינען מיר געקומען קיין כאָטאַם.

דאָ בין איך ניין טעג פאַרבליבן, און דער כינעזישן אַמבאַן. ליאו דאַרין, האָט מיך אויפגענומען מיט גרויס פריינטשאַפט. דאָס איז געווען אַ הויכגעוויקסיקער זקן פון זיבעציק יאָר, מיט אַן ענערגישן פנים, מיט קלוגע אויגן, אַ ווייסן געשפּיצטן באָרד און אַ זייער דינעם צאָפּ. לויט די אייראָפּייאישע באַגריפן איז עס

געווען אַ גאַנץ איידעלער און גערעכטער מאַן. וועגן מיין פאַר־לוירענעם קעמל מיט די פעק האָט אָבער אויך ער נישט גע־קאָנט געבן מיר קיין שום ידיעה.

פון כאַטאַם בין איך געגאַנגען באַזוכן דאָס דאָרף באַראַסאַן, פינף קילאָמעטער צו מערב פון שטאָט. דאָסדאָזיקע דאָרף איז אין אַרכעאָלאָגישער באַציונג איינס פון די מערקווירדיקסטע ער־טער אין צענטראַל־אַזיען, ווייל דאָ האָט מען אַנטפּלעקט זייער פיל אַלטערטימער: טעראַקאָטן, בודאַ־בילדער פון בראָנז, געמען, מטבעות און אַז. וו.—אַלץ זאַכן פון אַנטיקער אינדישער קונסט.

מיין נייער רייזע־פּלאַן איז געווען קודם כל צו אונטערזוכן גע־נויער דעם באַרג מאַסאַר־טאַג, וועלכן אַנדערע פאָרשער האָבן שוין געהאַט געזען. דאַן לאָזן זיך צו מזרח דורכן מדבר קעריאַ־דאַריאַ, אויפן וועג צו באַזוכן די חורבות פון איינער פון די עלטסטע שטעט, וועגן וועלכער כ׳האָב געהערט פיל דערציילן אין כאַטאַם. דאַן האָב איך גערעכנט צו קומען צוריק קיין כאַ־טאַם, גייענדיק דורכן געלעגער פון טייך קעריאַ־דאַריאַ איבער דער שטאָט קעריאַ. דערדאָזיקער פּלאַן איז געווען אַ גאַנץ איינ־פאַכער, אָבער ער האָט זיך דערנאָך אַנטוויקלט צו אַ פיל גרע־סערן און האָט מיך געפירט צו זייער וויכטיקע אַנטדעקונגען, ווי מען וועט עס זען אין פאָלגנדיקן קאַפּיטל.

דאָ האָב איך ענדלאַך צונויפגעשטעלט אַ קאַראַוואַן בלויז פון פיר מאַן מיט דריי קעמלען. מיינע באַגלייטער זיינען געווען: אילזאַם באַי, זיינס אַ לאַנדסמאַן פון אָש, קערים דשאַן, דיביידע יעגער: אַכמעד מערגען און זיין זון קאַזים אַכון, וועלכע האָבן מיר אַזוי אויסגעצייכנט געדינט דעם פאָריקן יאָר בשעת מיין וואונדערבאַרער רעטונג. כ׳האָב אויך מיטגענומען צוויי אייזלען, כדי צו זען אויף וויפיל מען קאָן זיי באַנוצן אין די אָנגע־שטרייינגטע מאַרשן אין דעם מדבר.

אָנגעלערנט דורך די דערפאַרונגען פון פאַראַיאָרן, האָב איך מיט־גענומען נישט פיל פעק משא, נאָר דאָס נויטיקסטע, און דאָס האָבן די דריי קעמלען געקאָנט טראָגן לייכט. דעם גרעסטן פאַק

און דאָס רוב זילבערגעלט האָב איך איבערגעלאָזט אין כאַטאַם און מיט פּראָוויאַנט האָט מיר זיך באַזאָרגט נאָר אויף פופציק טעג. אין דערווירקלאַכקייט אָבער זיינען מיר געבליבן אויף דער רייזע פיר און אַ האַלבן מאָנאַט און מיר האָבן דעריבער געמוזט לעבן די גאַנצע צייט מיט דעם, וואָס מיר האָבן געקאָנט באַקומען אין לאַנד. ערגער פאַר אַלץ איז אָבער געווען דאָס, וואָס איך האָב מיין כינעזישן פּאַספּאָרט נישט מיטגענומען, ווייל לויט מיין ערשטן פּלאַן האָט מיר זיך גאָר נישט געחלומט אפילו, אַז איך וועל האָבן זיך צו באַגעגענען מיט כינעזישע מאַנדאַרינען.

מיינע פּערזענלאַכע פּעק און די אינסטרומענטן האָבן פאַרנומען נאָר איין קאַסטן, דאָס קאָך-געפעס—אַ צווייטן. געצעלט און אַ בעט האָבן מיר געהאַלטן פאַר אַ לוקסוס זאַך. אָנשטאָט דעם האָבן מיר גענומען פּעלצן, אַ שלאָפזאַק פון ציגנפעל און איך בין, ווי מיינע לייט, געשלאָפן אויף דער גאַנצער רייזע אויף דער נאַקעטער ערד ביי אַ פראָסט, וואָס איז טיילמאָל דערגאַנגען ביז צווייאוןצוואַנציק גראַד.

דעם 14־טן יאַנואַר 1896 זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען אויפן לינקן ברעג פון טייך יורון־קאַש־דאַריאַ, וואָס איז דער מזרחדיקער קוואַל פון טייך כאַטאַם־דאַריאַ. דאַן זיינען מיר געגאַנגען צו צפון. פיר טעג שפּעטער זיינען מיר אַריבערגעגאַנגען דעם טייך אויף זיין שטאַרקן אייז. אין נאַנטן דאָרף טאַוועק־קעל האָבן מיר מיט די קעמלען זיך אויסגערוט איין טאָג. דער בעק, ס׳הייסט דער אָרטיקער סטאַראָסטאַ, האָט מיר אָנגעוויזן אַ וואוינונג, אָבער ער האָט מיך נישט איינגעלאַדן צו זיך אין שטוב אַריין, ווייל ער איז געווען זייער נישט העפלאַך. תּחילת האָב איך דערויף וויניק וואָס אַכטונג געגעבן, אָבער דאָס האָט געהאַט פאַר מיר אַ ווילכטיקע באַדייטונג.

איצט איז געלעגן פאַר אונז אַ זאַמדפּאַס, לערך אַ העלפט אַזוי ברייט, ווי דער וואָס מיר האָבן דורכגעוואַנדערט אין פאָריקן יאָר פון דער לעצטער אָזערע ביזן כאַטאַם־דאַריאַ. אָבער דער מדבר איז דאָ געווען וויניקער געפערלאַך, ווייל דער זאַמד איז

דאָ געווען נידריקער און אומעטום האָט מען באַגעגנט טאַמאַריסקן, פּאַפּלען און וואַסער אין דער ערד נישט גאַנץ טיף. און אָט האָב איך באַשלאָסן קודם כל צו באַקענען זיך גוט מיט אָט דעם מדבר און דעם באַזוך ביים מאַסאַר-טאַג האָב איך לעת עתּה אָפּגעלייגט.

אין באַגלייטונג פון צוויי וועג-ווייזער פון טאַוועל-קעל האָבן מיר דעם 19-טן יאַנואַר זיך געלאָזט ענדלאַך אין מדבר אַריין איבער די זאַמדבערגלאַך. תּחלת זיינען אָט די לעצטע געווען נישט הויך. אויפן דריטן טאָג זיינען זיי שוין געווען 5—10 מעטער הויך און האָבן זיך פאַרשפּרייט ווי אַ נעץ פון מזרח צו מערב און פון צפון צו דרום. כּדי נישט אָנצושטריינגען די קעמלען, האָבן מיר טעגלאַך געוואַנדערט פינף—זעקס שעה און וואו נאָר מיר פלעגן זיך אָפּשטעלן פלעגן מיר די ערשטע זאַך אַ ברונען גראָבן, וואו עס זיינען געוואַקסן טאַמאַריסקן און פּאַפּלען און דער זאַמד איז געווען פייכט, האָט מען געקאָנט זיין זיכער, אַז אין אַ טיפקייט פון צוויי מעטער וועט מען זיס-וואַסער געפינען

ביסלאַכווייז איז דער זאַמד געוואָרן אומפּרוכטבאַרער און די בערגלאַך האָבן זיך אויפגעהויבן ביז 12—15 מעטער הויך. דעם 29־טן יאַנואַר האָבן מיר אין אַ טאָל צווישן די בערגלאַך געפונען אַן אָפּגעשטאָרבן וואַלד (קעטעק) אין גרויסע מאָסן: גראָבע בוימשטאַמען ווי אויך נידריקערע שטאַמען, זיי זיינען געווען גראָ און אַזוי האַרט און ברעכעדיק ווי גלאָז. מיר האָבן דאָ געזען צווייגן, וועלכע זיינען פון דער טרוקעניש צעדרייט געוואָרן, ווי פּראָפּנציער. די וואָרצלען, וואָס האָבן פון דער ערד אַרויסגעשטאַרצט, זיינען אויף דער זון געל-בלאַס געוואָרן. אויפן מזרח-ברעג פון דאָזיקן טויטן וואַלד האָט זיך געדאַרפט געפינען אַן אַלט פאַרשאָטענע שטאָט, וועגן וועלכער כ'האָב געהערט דערציילן אין כאָטאַם, די שטאָט האָט געהאַט דעם נאָמען פון דעם מדבר: קאַקלאַ-מאַקאַן.

אויף צו מאָרגנס האָבן מיר מיט העק און לאָפּאַטעס זיך געלאָזט גיין צו די חורבות פון דער שטאָט, וועלכע האָט געדאַרפט זיין

פון אַלע חורבות-שטעט פון טורקעסטאַן די וויכטיקסטע און מערק־ווירדיקסטע. בשעת דאָ זיינען כמעט אַלע חורבות פון מויערן און טורמס באַשטאַנען פון ציגל, איבערגעבערענטע אָדער בלויז אויף דער זון געטריקנטע, זיינען די הייזער פון טאַקלאַ-מאַקאַן געווען געבויט פון פּאַפּלען-האָלץ און די ווענט זיינען געווען פון טייכגראָז, וואָס איז געווען געבונדן פעסט אין קליינע בינטלאַך צו דינע שטאַנגען. דאָס האָלץ איז געווען מיט אַ שיכטע ליים באַשמירט. פון אויסן און אינעווייניק זיינען דידאָזיקע דינע ווענט געווען ווייס באַפּוצט און פאַרזען מיט אויסגעצייכנטע מאָלערייען, וועלכע האָבן פאָרגעשטעלט לייבט באַקליידטע, קניענדיקע פרויען מיט צוזאַמענגעלייגטע הענט און מיט אין צעפּ פאַרפלאָכטענע האָר, צוזאַמענגעוואַקסענע ברעמען און מיט אַ צייכן איבער דעם וואָרצל פון דער נאָז, ווי דאָס איז נאָך עד היום אַ מנהג ביי די הינדוסן. ווייטער זיינען געווען בילדער פון מאַנזביל מיט שוואַרצע בערד פון אַן עלטערישן טיפּ און מלבושים פון די הייגטיקע פּערסער. דערביי זיינען פאַראַן אויך געמעלן פון פערד, הינט, שיפן, וואָס שאָקלען זיך אויף די כוואַליעס פון ים, און מאָסן אָרנאַמענטן, באַזונדערס פון לאָטאָס-בלומען.

פון דידאָזיקע הויז-ווענט האָבן אָבער נישט פיל זיך דער־האַלטן און דערצו זיינען זיי אַזוי קרישלדיק, אַז מען קאָן בשום אופן נישט באַקומען אַ גאַנצע שטיק פון זיי: קוים רירט מען זיך צו,—צעשיטן זיי זיך ווי זאַמד. כ'האָב דעריבער געקאָנט נאָר אָפּמעסטן זייער גרויס און אַראָפּנעמען אַ געמאָלטע קאָפּיע, לויט זייערע פאַרבן. כ'האָב דאָ געזען הויכע סלופּעס פון די הייזער, צוויי—דריי מעטער הויך. דער ווינט און דער זאַמד האָבן זיי אינגאַנצן אָדורכגעפרעסן. אויבן זיינען זיי אויסגעשפּיצט און גרויסע שפּאַלטן ציען זיך אין זיי.

לויטן פּלאַן פון דער גאַנצער שטאָט, פון די גאַסן, פּלעצער און באַזאַרן, איז שווער געווען צו באַקומען אַ גענוי בילד, ווייל די שטאָט איז באַשטאַנען פון הונדערטער גאַסן, וועלכע ציען זיך דריי—פיר קילאָמעטער און ליגן באַגראָבן אונטער די זאַמד-בערג.

אויסגעגראָבן איינ̓יקע ווענט, האָב איך אויך געפונען אַ „פּאַפּיר" מיט גוט־דערהאַלטענע אותיות, אָבער איך האָב עס נישט געקאָנט לייענען. איך האָב אויך געפונען פיל גיפּס־פיגורן. זייער פלאַכע זייט דערווייזט, אַז זיי זיינען געהאַנגען אַלס צירונג אויף די ווענט. דאָס זיינען געווען בודאַ־בילדער, שטייענדיקע אָדער זיצנדיקע, מיט אַ פּאָן פון לאָטאָס־בלעטער. אויסערדעם, האָב איך געפונען לאַנג־געשניצטע האָלץ־לייסטן, אַ פּופּע פון זייד־ווערים, אַ ראָד־אַקס, וואָס האָט בלי־ספק געהערט צו אַ שפּינערײַ, שאַרבנס פון ליימענע כלים, אַ גוט־דערהאַלטענעם קריגל, אַן איינפאַכע הילצערנע שרויף, אַ גרויסער מילשטיין פון פּאָרפיר, וועלכער האָט זיך, מסתמא, באַוועגט מיט דער הילף פון אַ וואַסער־ראָד. צווישן איניקע זאַמד־בערגלאך האָבן מיר געזען שפּורן פון פאַרצייטיקער גערטנערײַ, אַלייען פון פּאַפּלען, וואָס זייערע שטאַמען האָבן זיך נאָך דערהאַלטן, שטאַמען פון אַבריקאָסן־און פלוימען־ביימער.

דידאָזיקע שטאָט, וואָס ליגט איצט באַגראָבן אין מדבר, איז געשטאַנען אַמאָל אויפן ברעג פון טייך קעריאַ־דאַריאַ. שפּעטער האָבן די וואַסערן פון טייך זיך איבערגעטראָגן אויף אַן אַנדער גרונט און דער ערשטער גרונט איז אויסגעטריקנט געוואָרן. ווי איצט ביים קעריאַ־דאַריאַ, זיינען אַמאָל דאָ געשטאַנען פּרעכטיקע וועלדער און אַ שטאַרקער וואַסערשטראָם האָט באַוועגט די מילשטיינער. ערדאַרבעט און אינדוסטריע האָבן שטאַרק געבליט, און אַ פאָלק האָט דאָ געלעבט, וואָס האָט פאַרשטאַנען צו בויען זיך שיינע הייזער און טעמפּלען און באַפּוצן זיי מיט בילדער און געפּאַרבטע געמעלן.

ביז היינט האָט נאָך קיין שום אייראָפּייאישער פאָרשער נישט געוואוסט, אַז אַמאָל האָט דאָ עקזיסטירט אַזאַ מין שטאָט. ווען וואָלט עס אויך געקאָנט איינפאַלן צו גיין זוכן אַ שטאָט אינם מדבר גאָבי, אין זיין מערב־ווינקל טאַקלאַ־מאַקאַן? ווען וואָלט עס זיך געלייגט אויפן שכל צו זוכן דאָ שפּורן פון בליענדיקער קולטור און חורבות פון הייזער און טעמפּלען? ווען איז געשטאַנען דידאָזיקע שטאָט? וואָס פאַר אַ פאָלק האָט דאָ געלעבט?

וואָס פאַר אַ שפּראַך האָט מען דאָ גערעדט? פונוואַנען האָבן זיך גענומען דאָ מענטשן און וואוהין האָבן זיי אויסגעוואַנדערט? ווען איז דאָס וואַסער פון טייך פאַרשוואונדן? די פעהיקייטן, מיט וועל־כע יענץ פאָלק האָט זיך אויסגעצייכנט אויפן געביט פון קונסט, לאָזט זיך נישט מערקן ביי די טורקי־שבטים, וואָס באַוואוינען היינט טורקעסטאַן. די שטאָט האָט בלי־ספק געהערט צו בודיסטן און זי איז געווים עלטער פאַר דער פאַרשפרייטונג פונם מאַכמע־דאַנישן גלויבן צווישן די היגע אַראַבער. דערדאָזיקער גלויבן איז ערשט אַריינגעדרונגען אין די היגע קאַנטן אינם 8־טן יאָרהונ־דערט. עס איז דאָך זיכער, אַז די איינוואוינער פון אָט דער שטאָט זיינען נישט געווען קיין סעמיטן, נאָר אַריער, און דערצו בודיסטן.

אויף צומאָרגנס האָב איך צוריק אָפּגעשיקט מיינעביידע וועג־ווייזער און מיר האָבן ווייטער געוואַנדערט איבער אַכט זאַמד־בערג פון פינפאונצוואַנציק מעטער הויך. אין אָוונט האָבן מיר געפונען וואַסער. אויפן צווייטן טאָג איז די וואַנדערונג ווידער געוואָרן אַזוי שווער, און אין מזרח האָט זיך דערהויבן אַ זאַמד־באַרג ביז פערציק מעטער הויך. די מענטשן האָבן דערפון גע־האַט ווייניק נחת, און די קעמלען זיינען געגאַנגען לאַנגזאַם און שווער. די אייזלען זיינען שטאַרק אָפּגעשטאַנען. אַז מיר זיינען צוגעקומען צום באַרגרוקן, האָבן מיר זיך ממש דערפרייט: הינ־טערן באַרג האָבן מיר שוין מער נישט געזען קיין בערג.

באַלד האָבן מיר געפונען שפּורן פון אַ פוקס. אַ טויטע קאַטשקע איז געלעגן אין זאַמד. עפּטער און עפּטער האָבן זיך באַוויזן טאַמאַריסקן און אַנדערע מדבר־פלאַנצן. מיר האָבן באַגעגנט שפּורן פון פערד און פון מענטשן און פאַר אונז האָט זיך אויס־געשפּרייט אַ גלאַטער באָדן, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען צו אַ פאַפלען־וואַלד. דאָ האָבן מיר געפונען אַ פאַרלאָזט הייזל און מיר האָבן זיך היימיש איינגעאָרדנט ביים ברעג פון קעריאַ־דאַריאַ, וועלכער איז געווען באַדעקט מיט אייז.

אַן אומבאַקאַנטער שבט פון פאַסטוכער.

מיר זיינען גליקלאַך דורכגעגאַנגען דעם מדבר-פּאַס, און אונזערע אויגן, וועלכע האָבן גאַנצע אַכט טעג געזען בלויז געלן זאַמד, האָבן איצט אויסגערוט אויף די רייכע צמחים בײַ די ברעגן פון טייך. מיר האָבן געשאָכטן אונזער לעצטן שעפּס און אין אונזער לאַגער האָט פריילאַך געקנאַקט אַ פייער פון טרוקענע בוים-שטאַמען.

אין אונזער הייזל האָט מען, קענטיק, געוואוינט נאָך מיט אַ פּאָר טעג צוריק, איצט אָבער האָט מען קיין לעבעדיקן נפש נישט געזען, און ווען מיר זיינען צומאָרגנס (27-טן יאַנואַר) אַריבער אויפן צווייטן ברעג פון קעריאַ-דאַריאַ און זיך געלאָזט גיין צו צפון, האָבן מיר אויך נישט געזען קיין מענטשן. כ׳האָב דאָ דערשפּירט, אַז מיר פעלט אַ גוטער פירער, וואָס קאָן די געגנט. דער טייך אין צפון פון דער שטאָט קעריאַ איז נאָך קיינמאָל נישט באַזוכט געוואָרן דורך אייראָפּייער און אויף מיינע מאַפּעס האָט זיך דאָ געזען בלויז אַ פּונקטירטע ליניע. דורכן געדיכטן פּאַפּלען-וואַלד לויפן שטעגלאַך, וועלכע פאַרשווינדן אָבער אַלץ ווייטער אין געדיכטן וואַלד. מיר האָבן דאָ געזען מאַסן שפּורן פון ווילדע חזירים, האָזן, פוקסן און הירשן, ווי אויך פון היימישע שעפּסן. טיילמאָל האָבן מיר געזען שפּורן פון באָרוועסע מענטשנפיס. די שפּורן פון מענטשן און שעפּסן האָבן זיך געצויגן אַלע קיין דרום. די פּאַסטוכער פון דערדאָזיקער געגנט האָבן זיך, אַלזאָ, געצויגן ווינטערצייט צו דער שטאָט קעריאַ.

ווען מיר זיינען אין אָוונט אַדורכגעגאַנגען אַ פעלד פון טייך־גראָזן, האָבן מיר פלוצלונג דערהערט אַ מעקען פון שעפסן. אַ גרויסע טשערעדע האָט זיך געפּאַשעט צווישן דידאָזיקע הויכע גראָזן. דאָ זיינען שוין זיכער געווען מענטשן! אָבער וויפיל מיר האָבן גערופן און געפייפט.—קיין שום ילוד-אשה האָט זיך נישט אָפּגערופן. ערשט נאָכדעם, ווי מיינע לייט האָבן זיך צעקגעלאָזט אין וואַלד, איז אַלמעד צומאָרגנס געקומען מיט אַ פּאַסטוך און זיין פרוי.

דערשראָקן דורך אונזערע מענטשן, האָט דאָס פּאָרל זיך געלאָזט הענדום-פּענדום לויפן צוריק אין וואַלד אַריין און דאָרט, אין וואַלד, האָבן זיי זיך באַהאַלטן. באַלד אָבער האָבן זיי זיך באַרוהיקט און געפירט אונז צו זייער הייזל פון הויכן געדיכטן האַרטן גראָז. אין דעמדאָזיקן הייזל האָבן מיר אַלע איבערגענעכטיקט.

—ווי הייסטו?—האָב איך אַ פרעג געטאָן מיין באַלעבאָס.

—הוסיין און האַסאַן!—האָט ער מיך איבערראַשט מיט זיין ענטפער.

ווי ס'האָט זיך אַרויסגעוויזן, האָט ער געהייסן הוסיין, זיין צווילינגסברודער, ווידער, האָט געהייסן האַסאַן, האָבן זיך ביידע גערופן מיט ביידע נעמען.

פונם דאָזיקן פּאַסטוך האָב איך נישט געקאָנט אַרויסקריגן די נויטיקע ידיעות וועגן דער געגנט. ער האָט מיר נאָר געזאָגט, אַז אויף די ברעגן פון טייך, וואָס ציט זיך קיין צפון, געפינען זיך פּאַסטוכער מיט זייערע טשערעדעס, וועלכע געהערן צו די באַיס אין קעריאַ. די טשערעדעס באַשטייען פון 300 ביז 2000 שעפסן, און יעדער פּאַסטוך האָט אין זיין רשות אַ געוויס באַשטימט געביט. אָנגעפּאַשעט די טשערעדע אין איין אָרט, וואַנדערט מען אַריבער אין אַ צווייטן אָרט. די באַלעבאַטים פון די טשערעדעס ווייזן זיך אויף די פּאַשעפעלדער אין הערבסט און אין פרילינג, ווייל אין דערדאָזיקער צייט שערט מען די שעפסן. באַצאָלן זיי די פּאַסטוכער און גיבן זיי אויך מאַיס-מעל און אַנדערע נויטיקע זאַכן. הוסיין אַליין קומט אין שטאָט אַריין גאָר איין מאָל

אַן צוויי יאָר, עס לעבן דאָ לערך הינדערטפופציק פּאַסטוכער, וועלכע זיינען אינגאַנצן אָפּגעשניטן פון דער וועלט. דאָס זיינען מענטשן אָן אַן איבערהאַר, אָן אַ מושל, אָן אַ מלוכה־יאָך. זיי לעבן, ווי אויף אַן אינזל אין אַ מדבר־ים. אויסער זייערע באַלעבאַטים, די באַיס, האָבן זיי בכלל קיין מענטשן אין די אויגן נישט געזען, סיידן זייערע שכנים, די פּאַסטוכער. געבוירן אין דער טיפעניש פון וואַלד און דאָרט אויסגעוואַקסן, זיינען זיי האַלב ווילד און זייער שרעקעוודיק. דאָס איינציקע, וואָס זיי פאַרשטייען, איז די האָדעוואַניע פון שעפּסן.

וועגן דעם טייך האָט מיר הוסיין דערציילט, אַז פאַר דער שטאָט קעריאַ שפּאַלט ער זיך אין פיל קלענערע טייכעלאַך, וועלכע באַוואַסערן די פעלדער אַרום שטאָט און ווערן דאָרט פאַרשוואונדן. מעגלאַך, אַז דערפאַר האָט קיינער פון די פריערדיקע רייזנדער זיך נישט אונטערגענומען צו מאַכן אַן עקסקורסיע מיטן טייך אַראָפּצו... אויף יענער זייט שטאָט וואַקסט ווידער אויס דער טייך. אין תמוז און אָב, ווען דער שניי שמעלצט זיך אויף די בערג פון טיבעט, גייט אַרויס דער טייך פון די ברעגן, און ער ווערט אַזוי טיף, אַז מען קאָן אים שוין נישט אַריבערגיין צופוס. אין הערבסט פאַלט אָפּ דאָס וואַסער און ווינטער בלייבן פון אים בלויז שטיקלאַך אייז, אָנגעוואָרפן איינע אויף די אַנדערע. און טאַקי דערפאַר דאַכט זיך טיילמאָל, אַז דער טייך איז זייער ברייט. לויט זיין וואַסער־עשירות און זיין לייננג, איז דער קעריאַ־דאַריאַ אָרימער פאַרן כאָטאַם־דאַריאַ. ווי אָט דער לעצטער, ציט ער זיך אויך לאַנגזאַם קיין מזרח, ווי איך האָב מיך טאַקי איבערצייגט אויפן צווייטן טאָג. מיר האָבן מאַרשירט ווייטער קיין צפון דורך זיין טרוקענעם געלעגער, וועלכן ער האָט מיט אַ יאָר פופצען צוריק פאַרלאָזן, כדי זיך אַריבערצוואַרפן ווייטער קיין מזרח. דאָרט, אין דער נייער ריכטונג, האָט ער זיך געצויגן אויף אַ מהלך פון אָנדערטאַלבן נסיעה־טעג.

דעם 28־טן יאַנואַר האָבן מיר ווידער זיך אָנגעשטויסן אויף פּאַסטוכער און פון דעמאָלט אָן האָבן מיר שטענדיק געהאַט מענטשן, וועלכע זיינען געווען גוט באַקאַנט מיט דער געגנט. זיי האָבן

אונז געוויזן דעם וועג, וואָס פירט דורך אַ געדיכטן אַלטן וואַלד.

דעם 30-טן יאַנואַר זיינען מיר געקומען צו אַ פּונקט, וואו דער ביי״ער געלעגער פון טייך באַהעפט זיך מיטן אַלטן. דער טייך האָט דאָ געהאַלטן העכער הונדערט מעטער די ברייט.
איצט האָט זיך דער טייך אויסגעדרייט צו צפון-מזרח, איך האָב געהאַט בדעה אַדורכצוגיין דעם גאַנצן טייך פונם מדבר גאָבי — פון דרום ביזן צפון און אַזויאַרום צוקומען צום יאַרקענט-דאַריאַ אָדער צום קאַרים. אויב דער קעריאַ-דאַריאַ האָט זיך אַבויג געטאָן רעכטס, כדי צו פליסן ווייטער פּאַראַלעל מיטן טאַרים אין דער ריכטונג צום לאָפּ-נאָר, נישט דערגרייכנדיק קיינמאָל דידאָזיקע אָזיערע, מוז מיין נסיעה-פּלאַן געענדערט ווערן. איך האָב דעריבער מיט גרויס שפּאַנונג אָפּגעוואַרט דעם רעזול-טאַט פון יעדער טאָג-נסיעה.
אין דער וואַלד-געגנט פון טאָנקוס-באַסטע (דער אויפגע-האַנגענער ווילדער חזיר) האָבן מיר אָנגעטראָפן צוויי פּאַסטוכער-פּאַמיליעס, וועלכע האָבן, ווי ווילדע מענטשן, געלעבט אונטערן פרייען הימל נעבן אַ פּאַרלייגטן פייער. זייערע קינדער האָבן גע-האַט אויפן לייב נאָר אַן אָפּענעם פעלץ און די מאַנסלייט האָבן געטראָגן משונהדיקע שטיוול: די פעל פון קעמלפיס מיט די קאָ-פּיטעס!

פון דידאָזיקע פּאַסטוכער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז אַ טאָג-גאַנג קיין צפון-מערב געפינען זיך די חורבות פון אַ צווייטער אַלטער שטאָט אין מדבר זאַמד, און דער וועג אַהינצו גייט ווי-ד.ר דורך אַן אויסגעטריקנטן געלעגער פון אַ טייך, וואָס האָט אַמאָל געדינט דעררדאָזיקער שטאָט. די שטאָט הייסט קאַראַ-דונג (שוואַרצע בערג). זי איז שוין געווען פיל קלענער, ווי האַקלאַ-מאַקאַן, אָבער ביידע האָבן געהערט צו איין עפּאָכע. זי איז אויך געווען פונם זעלביקן בוי-מאַטעריאַל, פון דערזעלביקער אַרכיטעקטור און וואַנט-מאָלעריי, אָבער זי איז מער חרוב גע-ווען פאַר יענער. די פּאַסטוכער און יעגער פון כאָטאַם-דאַריאַ האָבן דידאָזיקע שטאָט געקענט זייער גוט. מיין באַגלייטער קאַזים

איז איינמאָל געקומען אַהער במשך פֿון פֿינף טעג, כּדי צו זוכן
פֿאַרבאָרגענע אוצרות. אָבער אַ מאָדנע זאַך, זיי האָבן זיך קיינ-
מאָל נישט מטריח געווען צו גיין נאָך אַ טאָג ווייטער צום מזרח,
וואו זיי וואָלטן געפֿונען וואַסער און מענטשן, וועלכע האָבן גע-
רעדט די אייגענע שפּראַך, וואָס זיי. דאָרט וואָלטן זיי אויך גע-
קאָנט באַקומען ברויט, שפּײַזן און בכלל אַלץ, וואָס זיי וואָלטן
נאָר געברויכט צו האָבן. זיי האָבן גאָרנישט געוואוסט וועגן די
וואַלד-איינוואוינער פֿון קעריאַ-דאַריאַ, און אַט די לעצטע האָבן
אויך גאָרנישט געוואוסט וועגן זייערע שכנים אויפֿן כאָטאַם-דאַריאַ.
ביידע האָבן אָבער אָנגערופֿן די חורבה-שטאָט מיטן זעלבן נאָמען.

דער טײַך האָט אַלץ מער און מער פֿאַרלאָרן זײַן רעגלמעסיקייט:
שמאָלע טײַכלאַך האָבן זיך אָפּגעטיילט פֿון אים. זומפּן האָבן
באַצויגן די ברעגן. נעבן טאָנקוס-באַסטע האָט דער טײַך זיך גאָר
געשפּאָלטן אויף צוויי שטראָמען, ווי די פּאַסטוכער האָבן דער-
ציילט. מיט אַ יאָר זעקס-אַכט צוריק האָט די גאַנצע וואַסערמאַסע
געשטראָמט אין רעכטן טײַך, דאַן האָט דער שטראָם זיך אַרי-
בערגעטראָגן אין לינקן טײַך, און ערשט היי-יאָר האָט דאָס וואַ-
סער ווידער אָנגעהויבן וואַנדערן רעכטס. דער שטראָם וואַרפֿט
זיך אַריבער, ווי מען אומרו, טיילמאָל רעכטס, טיילמאָל לינקס.
אַזאַ דערשיינונג האָב איך שפּעטער פֿעסטגעשטעלט אויף דער
אַזיערע לאָפּ-נאָר. דורכן אָנגעטראָגענעם זאַמד און ליים ווערט
דער גרונט פֿון טײַך אַלץ העכער, אַזוי, אַז דאָס וואַסער גיסט
זיך אַרויס אויף יענעם אָרט, וואָס ליגט נידעריקער.
נעבן סאַריק-קעשמע, וואוהין מיר זײַנען געקומען דעם 6-טן פֿע-
ברואַר, האָט דער קעריאַ-דאַריאַ געהאַלטן נײַנאונזיבעציק מעטער
ברייט, אַ שטייגער, ווי ער וואָלט נאָך געהאַט אַדורכצולויפֿן
טויזנטער קילאָמעטער ביזן אַרײַנפֿאַלן אין ים אַרײַן. אָבער ווען
מיר זײַנען צומאָרגנס געקומען אין דער וואַלדגעגנט קאַטאַק, האָבן
מיר זיך דערוואוסט, אַז דער טײַך גייט ווייטער אויף אַ מהלך פֿון אָנ-
דערטהאַלבן טעג גאַנג און דאַן פֿאַרשווינדט ער אין זאַמד.
אין קאַטאַק האָבן מיר זיך אויסגערוט אַ טאָג ביי אַן אַלטן וואַלד-

איינוואוינער מיטן נאָמען מוכאַמעד באַי, אַן אויסטערלישער פּאַרשוין, וואָס איז קיינמאָל נישט אַרויס פונם דזשיקן וואַלד און האָט לגמרי נישט געוואוסט, צו ווען עס געהערט דאָס לאַנד. שטייערן האָט קיינער פון אים נישט געפאָדערט און דעריבער האָט ער נישט געהאַט קיין שום מגע ומשא מיט דער כינעזישער רעגירונג. פון אים האָבן מיר, צו אונזער איבערראַשונג, געהערט, אַז מיט דריי יאָר צוריק האָט אין דער געגנט זיך באַוויזן אַ טיגער. פאַר מיר איז דידזשיקעס ידיעה געווען באַזונדערס וויכטיק, ווייל דער טיגער האָט געקאָנט קומען אַהער נאָר פון שאַה-יאַר, נישט ווייט פון טאַרים, וואו מען באַגעגנט אים אָפט אין די וועלדער. דער אַלטער האָט, פאַרקערט, פאַרזיכערט, אַז דאָס איז אוממעגלאַך, ווייל אין צפון ציען זיך הויכע זאַמדבערג און, אויב ס'איז בכלל פאַראַן אויף דער וועלט אַ טייך מיטן נאָמען יאַרקענט-דאַריאַ, אָדער טאַרים, דאַרף מען אַהין גיין חדשים-לאַנג. לויט זיינע השגות האָט עס געהייסן עק-וועלט.

נעבן קאַטאַק איז דער קעריאַ-דאַריאַ ברייטער געוואָרן, ביז פירונאַכציק מעטער. צום צפון-צו אָבער איז ער ווידער שמאָלער געוואָרן און איצט האָט ער שוין געהאַלטן סך הכל פופצען מעטער די ברייט. דאָרט האָט ער זיך לאַנגזאַם געשליינגלט דורך געדיכטע וועלדער.
ווען מיר האָבן דעם 9-טן פעברואַר אויסגעשלאָגן אונזער לאַגער אינמיטן וואַלד, האָט שוין דער טייך געהאַלטן קוים פינף מעטער די ברייט, מיט זייער אַ מאַגער וואַסערל. צומאָרגנס זיינען מיר צוגעגאַנגען צו אַן אָרט, וואו ער איז פאַרשוואונדן אין זאַמד אונטער אַ לעכערדיקן אייז. דאָ האָבן מיר ווידער געהאַט אַרום זיך געלן מדבר-זאַמד און מיר האָבן געמוזט אויפנעמען מיט אים אַ קאַמף.

די היים פֿון ווילדן קעמל.

שוין לאַנג האָב איך חשק געהאַט צו באַקומען אַ פעל פֿון אַ ווילדן קעמל, און איצט, ווען מיר זיינען געווען אין דער היים פֿון ווילדן קעמל, דאָס הייסט אינם סאַמע וויסטן טייל פֿון מדבר גאָבי, האָט געדאַרפט באַפרידיקט ווערן מיין פאַרלאַנג. איך אַליין בין בכלל נישט קיין יעגער, ווייל איך האָב אַ קורצע ראיה און כ׳וואָלט גאָר קיין האַרץ נישט געהאַט צו שיסן אין אַזאַ מילדער חיה. האָב איך טאַקי קיין קעמל נישט דערשאָסן. געטאָן האָט עס אילזאַם באַי, און ביידע יעגער פֿון כאָטאַם-דאַריאַ זיינען געווען אויסגעצייכנטע שיסער. זיי האָבן געהערט, אַז עס זיינען דאָ ווילדע קעמלען און אָט האָבן זיי געבערענט פֿון אומגעדולד צו קאָנען מאַכן אַזאַ מין יאַגד.

אין טאָנקוס-באַסטע האָבן מיר צום ערשטן מאָל געהערט, אַז אויפֿן קעריאַ-דאַריאַ געפינען זיך ווילדע קעמלען. אמת, די דאָרטיקע פאַסטוכער האָבן אַליין זיי קיינמאָל נישט געזען. אָבער געוויסע שפּורן אין זאַמד האָבן דערוויזן, אַז זיי האַלטן זיך דאָרט אויף, און פֿון איצט אָן האָבן מיר טאָג-טעגלאַך געזען אַזעלכע שפּורן.

וועגן דער אָפּשטאַמונג פֿון די ווילדע קעמלען צוטיילן זיך די מיינונגען פֿון די זאָלאָגן. דער יעגער אַכמעד האָט מיט גרויס זיכערקייט דערקלערט: די ווילדע קעמלען שטאַמען פֿון די היימישע קעמלען, וואָס האָבן אַמאָל באַדינט די איינוואוינער פֿון די אַלטע שטעט. מיר שיינט, אַז ער איז גערעכט. לויט די

בילדער אויף די טעראַקאָטן, וואָס איך האָב אין באָראַסאַן גע־זען, געהערט דאָ דער קעמל שוין צווייטויזנט יאָר צו די היימי־שע חיות, און די פּאַרצייטיקע שטעט אין מדבר האָבן אויסער דעם קעמל געוויס נישט געהאַט קיין אַנדער פאַרבינדונגס-מיטל מיט אינדיע און כינע, ווייל די זאַמד-מדבריות איז אָן אַ קעמל אוממעגלאַך דורכצוּוואַנדערן. ווען דער זאַמד האָט ביסלאַכווייז דערשטיקט יעדע פלאַנצונג, האָבן די קעמלען זיך באַפרייט פונם יאָך פון די מענטשן און אין מדבר זיינען זיי פאַרווילדעוועט געוואָרן. אויך דאָס, וואָס די זאָאָלאָגישע האַנטביכער דערציילן, אַז ביים ווילדן קעמל פעלט דער הויקער מיטן פעטס, איז נישט ריכטיק: יענע דריי קעמלען, וואָס מיינע באַגלייטער האָבן דער־שאָסן, האָבן געהאַט הויקערס און אונטער זיי אַ היבש ביסל פעטס, כאָטש נישט אַזויפיל, ווי ביי די היימישע קעמלען. אויך די פאַסטוכער ביים נידעריקן לויף פון טיין פאַרזיכערן, אַז ס׳איז נישטאָ קיין שום אונטערשייד צווישן זיי און די היימישע קעמ־לען: זיי זיינען פון איין גרויס און האָבן דיזעלבע באַוועגונגען און געוווינהייטן. און די שפּורן פון זייערע קאָפּיטעס דערווייזן, אַז זיי זיינען גלייך צו די היימישע קעמלען.

דער ווילדער קעמל איז זייער שרעקעוודיק, און מאַכט ער פליטה פון אַ מענטשן, לויפט ער צוויי-דריי טעג נאָכאַנאַנד. ערשט דאַן שטעלט ער זיך אָפּ. ער ציטערט שטאַרק פאַרן ריח פון אַ מענטש־לאַכן לאַגער און דערזעט ער האָלאָוועשקעס אָדער קוילן, אַנט־לויפט ער פייל-פון-בויגן. ער אַנטלויפט אויך פון די היימישע קעמלען, כאָטש זיי טראָגן אַפילו נישט קיין זאָטלען. ער דער־קענט דעם היימישן קעמל אָן דער לאָך אין דער נאָז, אָן דעם שטריק אין דעם שטערן, מיט וועלכן מען טרייבט אים. אינ־סטינקטיוו שפּירט ער שוין, אַז ער האָט דאָ פאַר זיך אַ קנעכט, וואָס איז מחויב צו שלעפּן אויף זיך זעק מעל און קאַסטנס סחורה און ער מאַכט פליטה פון דעמדאָזיקן יאָך. דאָס דערווייזט אָבער, אַז ער שטאַמט פון די היימישע קעמלען.

דער אַלטער וואַלד-מענטש, מוכאַמעד באַי, דער לעצטער פאַסטוך, וואָס מיר האָבן דאָ אָנגעטראָפן, איז געווען באַקענט מיטן כאַ־

ראַקטער פון ווילדן קעמל, ווי מיטן כאַראַקטער פון זייגע שעפסן. מיט אַ יאָר צוריק האָט אים אָפּגעגליקט צו פּאַקן אַ יונגן ווילדן קעמל, וועלכער האָט זיך באַלד צוגעוויינט צו די שעפסן און האָט דערנאָך קיין מורא נישט געהאַט אויך פאַר די מענטשן. דאָס באַווייזט אויך, אַז דער ווילדער קעמל שטאַמט פון די היימישע, ווייל פון דער אַנדער זייט ווערט אַ היימישער קעמל אויך באַלד ווילד, ווען ער לעבט נאָר פראַנק און פריי אַ קורצע צייט אין וואַלד, אָן אַ באַלעבאָס. דער קעמל ווערט בכלל נישט אַזוי היימיש, ווי אַ פערד. ער לאָזט זיך נישט גלעטן אויפן האַלז און רירט מען אים אָן דעם קאָפּ, הויבט ער אָן צו ברילן און שפּייט מיט פאַרעפּושטן שליאַם...

שפּעטער האָבן מיר זיך דערוואוסט נאָך מאַנכע פּרטים: דער ווילדער קעמל האַלט זיך אויף טיף אין מדבר, צווישן די אים באַוואוסטע זאַמדבערגלאַך, וואו ס'וואַקסן נאָר פאַראיינצלטע פּאַפּלען און טאַמאַריסקן. אין געדיכטן וואַלד קומט ער קיינמאָל נישט אַריין, ער האָט ליבער דעם אָפענעם זאַמד-מדבר, וואו ער דערשפּירט גלייך יעדע געפאַר.

דידאָזיקע דערקלערונגען פון די פּאַסטוכער האָבן זיך שפּעטער באַשטעטיקט. ווען מיר האָבן דעם 11-טן פעברואַר ווייטער געוואַנדערט איבער אַ געביט, וואו דער גרונט פון טייך איז שוין קוים-קוים געווען צו מערקן, און דער וואַלד איז פאַרשוואונדן, די טאַמאַריסקן זיינען זעלטענער געוואָרן און דער זאַמד איז העכער אויסגעוואַקסן, האָבן זיך באַוויזן פיל שפּורן פון קעמלען. נאָכמיטאָגצייט זיינען מיר געקומען אין אַ געגנט, וואו דער געלעגער פון טייך האָט זיך שוין ווידער געזען דייטלאַכער און די טאַמאַריסקן האָבן זיך עפטער באַוויזן, און אָט דאָ האָט דער יעגער קאַזים אונז פּלוצלונג געמאַכט אַ צייכן זיך אָפּצושטעלן. ער האָט זיך תיכף אַראָפּגעלאָזט אויף דער ערד און אָנגעהויבן צו קריכן, ווי אַ קאַץ, שטיל-שטיל, צווישן די טאַמאַריסקן.

לערך צוויי הונדערט טריט פאַר אונז האָט זיך געפּאַשעט אַ טשערעדע פון ווילדע קעמלען. קאַזים האָט אויסגעשאָסן, די קעמלען האָבן אַ ציטער געטאָן, אַ קוק געגעבן דערשראָקן אין דער זייט

פונוואַנען די סכנה גייט און האָבן זיך געלאָזט לויפן צוריק קיין צפון, אָבער דאָך נישט אַזוי שנעל, ווייל פון שרעק זיינען זיי אַזוי ווי פּאַראַליזירט געוואָרן. איינער פון זיי איז דאָך אונטער-געשאָסן געוואָרן און איז שלעכט געלאָפן, און אָט האָבן מיר אים באַלד געכאַפּט: אַ שניט מיטן מעסער אין האַלז, און דער קעמל האָט אויפגעהערט צו לעבן.

דאָס איז געווען אַ קעמל פון אַ יאָר צוועלף, אינגאַנצן ענלאַך צו אַ היימישן קעמל. ער האָט געהאַט קורצע האָר און קעגן אונ-זערע קעמלען האָט ער אָבער אויסגעזעהן ווי נאַקעט. זיינע קאָ-פּיטעס זיינען געווען לייגגער און עטוואָס מער פאַרבויגן, און דעריבער האָבן זיך זייערע שפּורן גוט אָפּגעשטעמפּלט אינם זאַמד. די אויבערשטע ליפּ איז אים געווען ווייניקער געשפּאָלטן און קירצער, די אונטערשטע ליפּ איז נישט אַראָפּגעהאַנגען און דער בליק איז געווען ווילדער. די הויקערס זיינען געווען קלענער, ענלאַך צו צוקערשפּיצן, גלייך אויפגעשטעלט אויפן רוקן. די פאַרב פון ווילדן קעמל איז געווען רויט-ברוין, די וואָל—זייער פיין, ווייך און נישט אויסגעריבן, ווי ביי אַ היימישן.

ווייל איך האָב געוואָלט מיטנעמען זיין פעל, הגם עס איז געווען זייער שווער, האָט מען דעם קעמל אָפּגעשונדן. דאָס האָט פאַר-נומען אַ סך צייט און אַרבעט. נאָכדעם האָבן מיר עס אויסגע-שפּרייט אויף דר'ערד, באַשאָטן מיט וואַרימען זאַמד עטלאָכע מאָל דורך דער נאַכט, ביז עס איז אויסגעטריקנט געוואָרן.

מיר האָבן זיך נישט געאיילט דעם טאָג. מיר האָבן דעריבער געגראָבן אַ ברונען, אָבער אין אַ טיפקייט פון דריי מיט צוויי צענטל מעטער האָבן מיר קיין וואַסער נישט געפונען. אַזוי ווי די פריערדיקע פּראַקטיק האָט אונז באַוויזן, אַז ווען מען לאָזט זיך ווייט אין מדבר אַריין אָן וואַסער, איז מען אַזוי גוט ווי פאַרלאָרן, האָבן מיר באַשלאָסן צו בלייבן דאָ נאָך אַ טאָג, און אויב ס'וועט קיין וואַסער נישט זיין—זיך אומצוקערן צוריק.

אויף דעם 12-טן פעברואַר האָבן מיר אומזיסט געזוכט וואַסער.

קאַזים האָט דעריבער ווייטער געגראָבן אין אונזער ברונעם און ערשט, אויף אַ טיפקייט פון פיר מעטער מיט זעכצן הונדערטל, האָבן מיר געפונען וואַסער. איצט האָבן די קעמלען און די אייזלען זיך אָנגעטרונקען צו-זאַט. דאַן האָבן מיר אָנגעפילט פיר ציגנלאָגלען מיט וואַסער און מיט דעמדאָזיקן זאַפּאַס האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער אין מדבר אַריין.

ווען מיר האָבן איבערגעלאָזט הינטער זיך דעם גרונט פון טייך, האָבן מיר ווידער דערזען אַ טשערעדע ווילדע קעמלען, צו וועלכער אילזאַם באַי האָט זיך אונטערגעגנבעט אויף אַ שטח פון פופציק מעטער. די קעמלען האָבן אָבער דערשפּירט די געפאַר: דער קעמל, אַ זכר, וואָס איז געווען דער אָנפירער, האָט זיך תיכּף געלאָזט לויפן, זיינע דריי ווייבער מיט צוויי קינדער נאָך אים. געלאָפן זיינען זיי צום צפון-מזרח. ס׳האָט זיך דערהערט אַ שאָס—דער זכר איז געפאַלן און דריי טריט ווייטער איז ער שוין געלעגן טויט. דאָס איז געווען אַ שיינע חיה, אָבער מיר האָבן זיך געמוזט אָפּזאָגן פון זיין פעל. מיינע לייט האָבן נאָר אויסגעשניטן דאָס פעטס פון זיין שטאַרק אַנטוויקלטן הויקער, און שפּעטער האָבן מיר עס אויסגענוצט צו אַ רייז-פּודינג, וואָס ס׳האָט געשמעקט אויסגעצייכנט.

באַלד נאָכדעם האָבן מיר באַגעגנט אַ נייע טשערעדע, און יאַלזאַם באַי האָט דערשאָסן אַ קעמל—נקבה, נאָך איידער איך האָב באַוויזן אים צו שטערן דערין. דער קעמל איז באַלד געפאַלן, אויסגעצויגן דעם קאָפּ, געוואָרפן אים אויף רעכטס און לינקס, געעפנט דאָס מויל, איינגעגראָבן די ליפּן אין זאַמד און געברילט פאַר גרויס ווייטאָק. געשטאָרבן איז דער קעמל אין דער מינוט, ווען מען האָט אים צוגעטראָגן דאָס מעסער צום האַלז. איך האָב זיך געשעמט פאַר אַזאַ אכזריות און האָב פאַרבאָטן צו שיסן די קעמלען.

אויף אַ מערקווירדיקן אופן האָבן זיך באַצויגן אונזערע קעמלען צו זייערע ווילדע חברים. זיי האָבן זיי דערשמעקט פריער, איידער מיר, האָבן געברילט, פאַררייסן דעם וויידל און געשפּיגן

מיט שוים. דערזען דעם גוססדיקן קעמל, זיינען זיי גאָר ווילד
געוואָרן און מען האָט זיי געמוזט בינדן.

אויך אין די ווייטערדיקע טאָג-מאַרשן האָבן מיר באַמערקט וויל-
דע קעמלען. טיילמאָל האָבן זיי געוואַנדערט איינציקווייז. זיי
האָבן מיך שוין אָבער נישט אינטערעסירט.

ווידער אין מדבריות.

ווידער האָבן זיך באַוויזן הויכע זאַמדבערגלאַך. פּאַפּלען און טאַמאַריסקן זיינען זעלטענער געוואָרן, אָבער טויטער וואַלד איז נאָך געווען זייער פיל. באַלד האָבן זיך אַרויסגערוקט געוואַלטיקע זאַמדבערג, אָבער מיר האָבן זיי פּאָרזיכטיק אויסגעמידן. אַרום יעדן פּאַפּל איז געלעגן קעמלמיסט. די צווייגן זיינען געווען אָפּגעפרעסן אַזוי הויך, אַז נאָר קעמלען האָבן געקאָנט דערגרייכן צו זיי.

איך האָב יעדן טאָג אויסגערעכנט דעם מהלך, וואָס מיר האָבן אַדורכגעמאַכט און אין אָוונט האָב איך געמאָסטן דעם מאַרשרוט, ווי ווייט מיר זיינען נאָך פון טייך טאַרים. מיט אומגעדולט האָבן מיר יעדעס מאָל געקוקט אין צפון, וואו מיר האָבן געהאָפט צו זען די אורוועלדער אַרום דעם טייך. נעבן אַן אָאַזיס פון זיבעציק פּאַפּלען האָבן מיר אַנטדעקט די שפורן פון אַ פּאַנטער, וועלכער איז געוויס געקומען פון דרום, און ס׳איז קיין ספק נישט געווען, אַז מער ווי אַ טאָג גאַנג וואָלט ער זיך נישט דערווייטערט פון וואַסער. אָבער די זאַמדבערג האָבן זיך איצט אויפגעהויבן ביז פופצען מעטער די הויך, אַרום אונז איז געלעגן וויסטער מדבר און אָפילו דער קעמלמיסט איז געוואָרן זעלטענער. דאָס גראָבן אַ ברונען איז געוואָרן זייער שווער. ווען מיר זיינען אַרויסגעטראָטן אין וועג דעם 18־טן פעברואַר, האָבן מיר געקאָנט אָנפילן נאָר איין לעדערנעם לאָגל מיט וואַסער—אַזוי לאַנגזאַם האָט דאָס וואַסער געקוואָלן. דער וועג איז אַלץ שווערער געוואָרן.

אײן זאַמדבאַרג האָט זיך אױפגעהױבן ביז פערציק מעטער אין דערהױך, און װען מיר זײנען אַרױפגעקומען אױף אים, האָבן מיר באַקוקט די געגנט. דער אַרומיקער זאַמד איז געװען טרוקן און װײסט, און די שרעקלאַכע בילדער פון פאָריקן יאָר האָבן זיך װידער אַנטפּלעקט פאַר אונז.

אָבער דאָסמאָל האָב איך שױן געװאָלט זײן פאָרזיכטיקער. אין אײן אָרט האָבן מיר זיך אױסגערוט און גענומען זיך גראָבן אַ ברונעם. נאָך אָנדערטאַלבן מעטער גראָבן איז דער זאַמד געװאָרן פײכט, אָבער אַזױ שװאַך, אַז מיר האָבן די אַרבעט אָפּגעשטעלט, כאָטש אונזער װאַסערזאַפּאַס האָט שױן געהאַלטן בײם אױסגײן. צוליבן דוחק אין פּאַשע, זײנען אונזערע קעמלען מאָגער געװאָרן. דעם טאָג האָבן מיר אָבער צװײ מאָל געזען שפּורן פון אַ פוקס. אױך אַ קראָ איז אַדורכגעפלױגן קײן צפון. אַכמעד איז געװען איבערצײגט, אַז זי האָט דערשפּירט דעם ריח פון דערשאָסענעם קעמל און איז געפלױגן אױף אַ מאָלצײט פון דער פּגירה. איצט פליט זי שױן צוריק צו אירע חברים אױפן טײך טאַרים, כּדי זײ אײנצולאַדן צום פעטן מיטאָג.

פונדעסטװעגן האָבן מיר באַשלאָסן צו װאַנדערן קײן צפון נאָך אײן טאָג. אױב מיר װעלן מאָרגן נישט געפינען קײן װאַסער, װעלן מיר זיך אומקערן צוריק צו אונזער ברונעם, װאו מיר האָבן געהאַט װאַסער גענוג.

דעם 19-טן פעברואַר האָבן מיר געװאַנדערט עטלאַכע שעה אין זאַמד, אָבער דאַן האָבן מיר דערזען צמחים. װי ס'האָט זיך אַרױסגעװיזן, זײנען עס געװען מדבר-קושאַקעס זאַקסאַול, װעלכע האָבן דאָ פאַרנומען דעם אָרט פון טאַמאַריסקן. דאָ האָבן מיר באַמערקט שפּורן פון װילדע קעמלען, האָזן, פוקסן און עגדעשן. די זאַמדבערגלאַך האָבן דאָ געהאַלטן אַכט—צען מעטער די הױך. לסוף האָבן מיר אָבער געפונען אַ קלײן פעלד פון טײכגראָזן און מיר האָבן געלאָזט פּאַשען אונזערע קעמלען. צװישן אײניקע בערגלאַך איז דער באָדן באַשטאַנען פון „שאָר", דאָס הײסט פון לײם מיט זאַלץ-קריסטאָלן, און דער ברונעם, װאָס מיר האָבן דאָ געגראָבן, האָט אונז מכבד געװען מיט אַזאַ ביטער-געזאַלצענעם

וואַסער, אַז אַפילו די קעמלען האָבן עס נישט געוואָלט טרינקען. אַ סימן איז עס אָבער געווען, אַז דער טייך איז נאָנט, ווייל אין דער נאָנטקייט פון אַ טייך איז אין מדבר דאָס ברונען־וואַסער שטענדיק געזאַלצן. פון פאָרזיכטיקייט וועגן האָבן מיר אָנגעפילט עטלאַכע לאָגלען אַפילו מיט דעמדאָזיקן וואַסער. איבער נאַכט איז דאָס וואַסער געפראָרן. צומאָרגנס האָבן מיר צושמאָלצן דעם אייז, איז אַ טייל זאַלץ פאַרשוואונדן. דאָס וואַסער האָט אָבער נאָך אַלץ נישט געטויגט.

מיין האָפנונג האָט מיך נישט אָפּגענאַרט. דעם טאָג זיינען די זאַמדבערגלאַך שוין געוואָרן נידעריקער, סך־הכל צוויי—פינף מעטער די הויך. פון איין בערגל ביזן אַנדערן איז אַפילו געלעגן אַ היבשער מהלך, אָבער לסוף האָבן מיר אין דערווייטן דערזען די וואַלדליניע פון טייך טאַרים.

איצט האָבן זיך שוין באַוויזן סימנים, אַז וואַסער איז נאָנט. מיר האָבן געזען שפּורן פון ווילדע חזירים, פון אַ רייטער, משמעות, אַ יעגער, וועלכער איז דאָ נאָר־וואָס דורכגעריטן, ווי אויך באָרוועסע טריט פון אַ מענטשן, מסתמא, אַ פּאַסטוך. אויסערדעם, האָבן מיר געזען שפּורן פון ווילדע קעמלען. אויף זיי האָב איך מיך דאָ גאָרנישט געריכט. דער באָדן איז געוואָרן אַ גלאַטער, דער וואַלד געדיכטער, פונדעסטוועגן האָט מען דאָ געטראָפן פיל ערטער, וואו דער וואַלד האָט זיך איבערגעריסן אויף אַ היבשן מהלך. מערקווירדיק: מיר האָבן דאָ געזען שפּורן פון שעפּסן,—האָבן זיי אַלע זיך געצויגן פון מערב צום מזרח. פאַרביי די שפּורן האָט זיך אַוועקגעצויגן אַן אויסגעפאָרענער וועג.

דער טייך איז אָבער נאָך אַלץ אַנטלאָפן פון אונז. שפּעט אין אָוונט זיינען מיר געבליבן שטעקן אין אַ טיפן געדיכטן וואַלד. מיר האָבן זיך דאָ אַראָפּגעלאָזט, ווי פאַרבלאָנדזשעטע שעפּסן און געזוכט וואַסער. אָבער אומזיסט! אויך צומאָרגנס האָט דאָס גליק אונז נישט געדינט. מיר האָבן געפּרובט גראָבן אַ ברונען, אָבער אָן הצלחה. און ווי אויף צו להכעיס האָבן זיך באַוויזן שפּורן פון מענטשן און פערד אין אַלע ריכטונגען. ס׳איז קיין ספק נישט, אַז ערשט נעכטן האָט מען דאָ דורכגעטריבן אַ

קי-טשערעדע. און אָט איז אַן אויפגעאַקערט פעלד. מיר זעען דאָ שטעקן אַן אַקער, אַ לאָפּאַטע. מענטשן וואוינען דאָ מסתמא, אָבער וואו זיינען זיי? מיר האָבן געפּרובט רופן,—אונזער קול האָט זיך צעשאָטן אין וואַלד, אָבער קיין לעבעדיקן נפש איז נישט צו זען, נישט צו הערן.

צולעצט האָבן מיר דערהערט, ווי אילזאַם באַי שרייט: „סו!" „סו!" (וואַסער, וואַסער!) און באַלד זיינען מיר געשטאַנען פאַר אַ טיפן, גרויסן סטאַוו, פאַרצויגן מיט אַ דיקן אייז. מיט העק און לאָפּאַטעס האָבן מיר דורכגעשלאָגן אַ לאָך, און אָט זיינען מיר אַלע געלעגן אויסגעצויגן אויפן בויך און געטרונקען און געטרונקען...

ערשט איצט האָבן מיר דערהערט אין דערווייטן בילן אַ הונט. באַלד זיינען אויך געקומען דריי מענטשן און פון זיי האָבן מיר זיך דערוואוסט, וואו מיר געפינען זיך. די געגנט האָט געהייסן קאַראַ-דאַש אָדער די שוואַרצע אָזערע און דאָרט, וואו מיר האָבן נעכטן געזען שפּורן פון ווילדע חזירים, איז געלעגן דער גרונט פון אַן אויסגעטריקנטן טייך, וואָס הייסט אַטשיק-דאַריאַ, אָדער דער געזאַלצענער טייך.

אויף צומאָרגנס האָבן די דריי פרעמדע אונז אָפּגעפירט אין דער ריכטונג פון צפון-מזרח גלייך צום טייך יאַרקענט-דאַריאַ אָדער טאַרים. דער טייך האָט דאָ געהאַלטן הונדערטזעקסאונפופציק מעטער די ברייט און זיין אייז איז געווען זייער שטאַרק. בשעת מיר זיינען אים אַדורכגעגאַנגען מיט אונזערע קעמלען, האָט ער זיך געבויגן און געקנאַקט. באַלד זיינען מיר געקומען אין דאָרף טשימען.

פונדאַנען האָט אַכמעד זיך אומגעקערט אַהיים צוזאַמען מיט זיין זון קאַזים. זיי האָבן נישט געוואָלט פאַרקריכן ווייט פון זייער היים, וואו די פרילינגסאַרבעט אין פעלד האָט שוין געוואַרט אויף זיי. פאַר מיר איז זייער שווער געווען צו שיידן זיך מיט זיי.

ווען מיר זיינען דעם 23-טן פעברואַר אַריינגעקומען אין שאַהיאַר, דאָס הייסט, אין דער טעראַסע פון קעניג, האָבן מיר גע-

האַט געענדיקט אונזער צווייטן דורכגאַנג פונם מדבר טאַקלאַ-מאַקאַן. דאָסמאָל האָט די וואַנדערונג געדויערט איינאונפערציק טעג און זי האָט מיר געבראַכט גאָר אומגעריכטע אַנטדעקונגען: ערשטנס, האָב איך צוזאַמענגעשטעלט אַ מאַפּע פון טייך קעריאַ-דאַריאַ. צווייטנס, האָב איך אַנטדעקט די היים פון די ווילדע קעמלען. דריטנס, האָב איך געפונען צוויי ווילדע פּאַסטוכער-שבטים און, ענדלעך, האָב איך אַרויסגעפונען צוויי אַלטע שטעט-חורבות. אַזוי־אַרום האָבן זיך באַשטעטיקט די דערציילונגען פון די אָרטיקע איינוואוינער וועגן די באַגראָבענע שטעט אין מדבר, וואו מען פלעגט גיין זוכן באַגראָבענע אוצרות.

די אורוועלדער פֿון טאַרים.

אין שאַה-יאַר האָב איך באַשלאָסן צו גיין בעסער מיטן טייך טאַרים, כּדי צו קומען צו דער אָזיערע לאָפּ-נאָר, וואָס איז געווען דער הויפּטפּונקט פֿון מיין נסיעה-פּלאַן, איידער צו גיין צוריק קיין כאָטאַם מיטן טייך כאָטאַם-דאַריאַ. די פֿראַגע וועגן לאָפּ-נאָר איז דעמאָלט נאָך געווען אַ וויכטיק געאָגראַפֿיש פּראָבלעם, וועגן וועלכן די מיינונגען זיינען געווען זייער פֿאַרשידן. בשעת מען האָט פֿריער געזוכט דידאָזיקע אָזיערע אויף דעם 42-טן גראַד צפֿון-ברייט, האָט דער רוסישער רייזנדער פּשעוואַלסקי געהאַט דערקלערט, אַז ער האָט אים געזען פֿיל נענטער צום דרום, און בשעת מען האָט זי פֿריער געהאַלטן פֿאַר אַן אָזיערע מיט געזאַלצן וואַסער, וואָס האָט במשך פֿון אַ גרויסן געאָלאָגישן פּעריאָד געשפּייזט דעם טאַרים מיט געזאַלצן וואַסער, האָט פּשעוואַלסקי געפֿונען אין אים בלויז זיס וואַסער. די נסיעות פֿון שפּעטערדיקע פֿאָרשער האָבן אין דער הינזיכט קיין גענויע ידיעות נישט געבראַכט.

מיין פּלאַן האָט זיך נישט געלאָזט לייכט אויספֿירן. אין כאָטאַם האָט זיך מיר גאָר אויפֿן מוח נישט געלייגט, אַז איך וועל אַדורכמאַכן אַזאַ לאַנגן מהלך פֿון צוויי טויזנט קילאָמעטער, און צוגעגרייט האָב איך מיך, ווי איך האָב שוין דערמאָנט, בלויז אויף אַ נסיעה פֿון פֿופֿציק טעג. איך האָב אַפֿילו נישט געהאַט מיט זיך די מאַפּע פֿון לאָפּ-נאָר און מיין גרויסן כינעזישן פּאַספּאָרט האָב איך איבערגעלאָזט אין כאָטאַם. חוצדעם, האָבן מיר גע-

האָט זיך צוגעגרייט צו אַ ווינטער-נסיעה און ס׳האָבן מיר שוין אויך באַלד פאַרפעלט שרייבגעצייג, טיי און טאַבאַק. פון דער אַנדער זייט אָבער איז די זאַך געווען אַזוי: פשעוואַלסקיס מאַפּע בין איך קלאָר געווען אויסווייניק און די אַלטע מאַפּעס וואָלט איך סיי-ווי-סיי געדאַרפט אינגאַנצן איבעראַרבעטן. וואָס איז שייך ווידער צו דער כינעזישער פּאָליציי, האָב איך גערעכנט, אַז מיט דער מטבע וועל איך מסתמא דורכקומען מיט איר. זומער-מלבושים און שטיוול קאָן מען באַקומען אין קאָרלאַ. אַ ביסל פּאַפּיר האָב איך באַקומען אין שאה-יאַר. ס׳איז אַפילו געמיין פּאַפּיר, אָבער די צייכנונגען און סקיצן וועלן דאַדורך נישט ווערן ערגער. גרינעם טיי קאָן מען דאָ אויך גענוג באַקומען. אויך כינעזישן טאַבאַק באַקומט מען דאָ, כאָטש ס׳האָט אַן אָפּשטויסנדיקן ריח פון אייל און געמישט איז ער מיט אַ ליים-פּולווער פון די כינעזישע בערג. מילא, וועל איך רויכערן פון אַ לאַנגער וואַסער לולקע און ס׳וועט זיין רעכט! פּראָוויאַנט — ווייצנמעל, רייז, ברויט, אייער און צוקער — דאָס האָט זיך גענומען באַזאָרגן אילואַם, און אויף אים קאָן איך זיך פאַרלאָזן אין אַזעלכע זאַכן. מען האָט אויך אויסגעבעסערט די פּאַק-זאָטלען פון די קעמלען און אָנגעשטאָפּט זיי מיט פרישע היי. אַלזאָ, נאָך אַן אָפּרו פון צוויי טעג אין שאה-יאַר זיינען מיר גרייט זיך צו לאָזן ווייטער אין וועג אַריין.

דער שעף פון שאַה-יאַר, טאַר דעק, דער „אייזערנער סטאַראָסטע" האָט מיך, אמת, באַהאַנדלט פון אויבן-אַראָפּ, ווייל איך האָב נישט געהאַט קיין פּאַספּאָרט, וואָס איז דאָ גילטיק. ער האָט מיר אַפילו געוואָלט שטערן אין מיין ווייטערדיקער נסיעה, פאַרבאָטנדיק זיינע לייט מיר צו ווייזן דעם וועג. אָבער די צויבערקראַפט פון דער כינעזישער זילבערנער מטבע איז געווען שטאַרקער פאַר אים.

דעם 26-טן פעברואַר האָב איך פאַרלאָזט שאַה-יאַר מיט דריי קעמלען און פיר מענטשן. ווי נאָר מיר האָבן געהאַט הינטער זיך די שטאָט מיט די גערטנער און פעלדער, זיינען מיר אַריין אין אַ בריימן סטעפּ מיט אַ סך פּאַסטוכער און טשערעדעס. מיר

האָבן זיך געריקט אין דער ריכטונג פון דרום-מזרח און באַלד זייגען מיר געקומען צום טייך טאַרים, וועלכער הייסט דאָ אוגען-דאַריאַ. די נאָנטע מאַרשן האָבן אונז געפירט דורך וואַלד אָדער דורך אָפענע פעלדער מיט לאַגערס פון פּאַסטוכער, צו דער וואַלדגעגנט יאָלבאַרש-באַשי (דער אָנהויב פונם טיגער-לאַנד), וואו מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ פּאַסטוך-הייזל. פון איין פּאַסטוך האָבן מיר זיך דערוואוסט, אַז דער אַטשיק-דאַריאַ, וועלכן מיר האָבן געפונען אויסגעטריקנט, הייסט דאָ אַרקאַ-דאַריאַ, און נאָר זומער איז אין אים פאַראַן וואַסער. דערדאָזיקער טייך פליסט אַזוי אויף אַ שטח פון עטלאַכע נסיעה-טעג און פאַרשווינדט נאָכ-דעם אין זאַמד. אין דרום זעט מען עפּעס ווילדע קעמלען און אין טיפן מדבר זיינען פאַראַן חורבות פון אַ שטאָט, וועלכע קיי-נער האָט אָבער נאָך נישט געזען. זי הייסט שאַר-אי-קאָטעק (די שטאָט אין טויטן וואַלד).

דעם לעצטן טאָג האָבן מיר געזען ווילדע גענז. דעם 28-טן פעב-רואַר, ווען מיר האָבן איבערגענעכטיקט אין אַ פאַרלאָזן הייזל פון אַ פּאַסטוך אינמיטן וואַלד, אויף אַ פרייען שטח, האָבן מיר געזען דאָרט גאַנצע סטאַדעס גענז. כל-זמן די זון איז נאָך גע-שטאַנען אויפן הימל, זיינען זיי געפלויגן זייער הויך, אָבער נאָכן זונאונטערגאַנג זיינען זיי שוין געפלויגן סך-הכל צען מעטער הויך און האָבן זיך שיער נישט געזעצט אויף די שפּיצן פון די פּאַפּלען.

דידאָזיקע ווילדע גענז זיינען באמת ווערט באַוואונדערט צו ווערן: זיי זיינען אויסגעצייכנט באַקאַנט מיט דער געאָגראַפיע פונם לאַנד, אַ שטייגער, ווי זיי וואָלטן זיך באַדינט מיט די בעסטע מאַפּעס און אינסטרומענטן... זיי זיינען שטענדיק געפלויגן אין איין שורה און אין דערזעלבער ריכטונג. ווען מען האָט געהערט זייער גע-שריי אין דער לופטן, האָט מען שוין געוווּסט, וואו זיי וועלן זיך באַווייזן, ביי וועלכן בוים און ביי וועלכן צווייג. זיי האָבן זיך זיכער אויפן גאַנצן וועג זייערע סימנים. איינמאָל אין יאָר, פרילינגסצייט, פליען דידאָזיקע גענז פון אינדיע קיין סיביר און צוריק, פון סיביר קיין אינדיע, אין הערבסט — אַ וועג, וואָס

מענטשן וואָלטן אים געקאָנט דורכמאַכן נאָר מיט די גרעסטע אָנשטרענגונגען.

יעדער טאָג-מאַרש האָט רייכער געמאַכט מיינע ידיעות וועגן דעם פאַרוויקלטן טייכנסיסטעם אינעם דאָזיקן לאַנד. דער הויפּטטייך ווערט פיל מאָל געשפּאָלטן אויף קליינע טייכעלאַך און די דאָזיקע טיילן האָבן אַזויפיל פאַרשידענע נעמען, אַז מען קאָן פּשוט מבולבל ווערן.

דער וועג דורך די געדיכטע וועלדער און פעלדער, אויף וועלכע די טייכגראָזן האָבן געהאַלטן דריי מעטער די הויך, איז געווען פיל שווערער, ווי איך האָב משער געווען. אָבער צום גליק האָבן מיר אין שאַה-יאַר מיטגענומען דעם וועגווייזער אילזאַם אַכון, און ער האָט אונז געוויזן די לייכטע דורכגאַנגען אין וואַלד.

דעם 6-טן מערץ האָבן מיר זיך געלאָזט גיין צום צפון-מזרח. דער וואַלד איז געוואָרן שיטערער און צולעצט האָבן מיר דאָ געהאַט נאָר איינצלנע טאַמאַריסקן און זאַקסאַול-קוסטאַקעס. דאָ און דאָרט האָבן זיך באַוויזן קליינע זאַמדבערגלאַך און שוין פאַר נאַכט זיינען מיר ווידער געווען אין אַ זאַמד-מדבר, וואָס האָט זיך גערופן „קום" (זאַמד-מדבר) אָדער „טשאָל" (דער וויסטער טאָל). אויך דאָ האָט מען עפּעס געשמועסט וועגן פאַרשאָטענע פאַרצייטיקע שטעט. אָבער די ידיעות וועגן זיי זיינען געווען אַזוינע אומבאַשטימטע, אַז עס האָט זיך נישט געגלוסט צו מאַכן אַ שטיקל נסיעה צו זיי. דאָס איינציקע, וואָס מיר האָבן געפונען, זיינען געווען שאַרבנס פון געברענטע ליימענע כלים און קלינגלאַך פון שטיינמעסערס.

אויף צומאָרגנס האָבן מיר שוין געהאַט דעם מדבר הינטער זיך און מיר זיינען ווידער אַריינגעקומען אין אַ טאַפּלען-וואַלד. דאָ האָבן מיר געמוזט אַריבערגיין דעם ניין מעטער-ברייטן טשאַר-טשאַק מיט דער הילף פון אַ פּראָם פון בוים-שטאַמען. דער פּראָם האָט זיך געוואַקלט. אונזערע צוויי גרויסע קעמלען זיינען אַרויפגעגאַנגען אויפן פּראָם רוהיק און זיכער, אָבער דער יונגערער קעמל האָט בשום אופן נישט געוואָלט אַרויפשטעלן זיין פוס

דערויף. ער האָט זיך גאַנץ ווייניק געקימערט, וואָס מען האָט אים געשלעפּט פאַרן שטריק, אַדורכגעצויגן דורן זיין געלעכערטער נאָז, און האָט זיך אויך גאָרנישט אָפּגעשראָקן פאַרן קנוט, מיט וועלכן מען האָט אים פון צייט צו צייט מכבד געווען. ער איז זיך געשטאַנען אומבאַוועגלאַך, ווי אַ קלאָץ, פאַרן פּראָם און נישט פון אָרט! האָבן מיר געמוזט גיין מיטן טייך אַראָפּ און אויפזוכן דאָרט עפּיס אַ בריק, צו וועלכער דער פאַרעקשנטער קעמל האָט שוין געהאַט מער צוטרוי.

דעם 10-טן מערץ זיינען מיר ענדלאַך געקומען קיין קאָרלאַ. אין דערדאָזיקער שטאָט איז געווען אַזאַ טומל, אַז אונזערע קעמלען, וועלכע זיינען געווען געוווינט צום שטילן מדבר-לעבן, זיינען שטאַרק איבערגעשראָקן געוואָרן. נאָך אונז איז געלאָפן אַ מחנה יינגלאַך מיט געלעכטער און געפילדער. באַזונדערס האָבן זיי געלאַכט פון מיר. משמעות, כ'האָב טאַקי אויסגעזען קאָמיש אויף מיין הויכן קעמל.

אין קאָרלאַ האָט מיך שטאַרק אינטערעסירט דער טייך קאָנטשאַ אָדער קאָרלאַ-דאַריאַ, וועלכער גיסט זיך אַרויס פון באַגראַשקעל — די גרעסטע אָזיערע פון אַזיע, געגן וועלכער די אָזיערע לאָפּ-נאָר זעט אויס ווי אַ קאַלושע. די באַלקן-בריק איבערן טייך ליגט כמעט אויפן וואַסער. איצט, אָנהויב פרילינג, האָבן כמעט אַלע טייכן פון מזרח-טורקעסטאַן זייער ווייניק וואַסער. מאַנכע פון זיי, ווי למשל, דער כאָטאַם-דאַריאַ, איז גאָר אויסגעטריקנט. סוף זומער, ווען עס וועט אויסברעכן דאָס געוויסער, וועט דער שטראָם צורייסן דידאָזיקע בריק, ווי שפּענדלאַך און אַזויאַרום וועט איבערגעריסן ווערן פאַר די קאַראַוואַנעס יעדע פאַרבינדונג צווישן ביידע ברעגן. צו מיין פאַרוואונדערונג האָב איך אָבער געהערט, אַז דער טייך האָט שטענדיק ווייניק וואַסער, ווי איצט אין פרילינג, און במשך פון גאַנצן יאָר שטייגט אָדער פאַלט דאָרט דאָס וואַסער קוים אויף צוויי פינגער.

דערדאָזיקער טייך האָט זיך אויסגעצייכנט אויך דערמיט, וואָס זיין וואַסער איז געווען קריסטאַל-קלאָר. דאָסדאָזיקע הידראָגראַפישע פּראָבלעם האָט מיך אַזוי שטאַרק פאַראינטערעסירט, אַז איך

האָב באַשלאָסן צו מאַכן אַן עקסקורסיע קיין קאַראַ-שאַר אויפן לינקן ברעג פון העדיק-גאָל—אַ טייך, וואָס קומט פון צפון-מערב און ער איז דער איינציקער נעבן-טייך פון באַגראַשקעל. דעם 12-טן מערץ בין איך אַוועקגעפאָרן אַהינצו אין דער באַגלייטונג פון איינעם פון מיינע לייט.

א שטראָם מוז זיין.

קאַראַ-שאַר, די שוואַרצע שטאָט, האָט זיך אַרויסגעוויזן פול-קום ווערט איר נאָמען, ווייל מיט עשירות און שמוץ איז זי ווייט אַריבערגעשטיגן אַלע שטעט פון צענטראַל-אַזיע. די שטאָט ליגט אין אַ פּלאַכן, נישט-פרוכטבאַרן טאָל, אויפן לינקן ברעג פון טייך, און זי איז אַ סך גרעסער פון טאָרלאַ. זי איז טאַקי דער צענטער פון מסחר אינם דאָזיקן לאַנד.

כ׳האָב עס געהאַלטן פאַר אַן אַקט פון העפלאַכקייט, צו מאַכן אַ וויזיט דעם מעכטיקן אַמבאַן פון קאַראַ-שאַר, הווען-דאַרין, און איך בין דעריבער אַוועקגעגאַנגען צו אים מיט מיין פּאַספּאָרט, וועלכער איז געווען גילטיק פאַר כאָטאַם. דער קליינער, זעכציק-יעריקער, וויים-בערדיקער מאַן האָט מיך אויפגענומען זייער פריינטלאַך און האָט מיך מכבד געווען מיט טיי, געבעקס און אַ לולקע. מיט דער הילף פון אַ טורקי-טאָלמאַטש האָב איך אים דערקלערט, ווי אַזוי איך בין געקומען אַהער. און אַז איך האָב מיך אַנטשולדיקט, פאַרוואָס איך האָב נישט מיין פּאַספּאָרט מיט זיך, האָט ער זיך וואַרים אָנגערופן: „איר זייט דאָך אונזער פריינט און אונזער גאַסט, איר ברויכט אַלזאָ נישט קיין פּאַס-פּאָרט. איר זייט אַליין אייער פּאַספּאָרט!“ פונדעסטוועגן איז עס מיר געווען זייער ליב, וואָס ער האָט מיר אויסגעשטעלט אַ פּאַס-פּאָרט, וואָס איז גילטיק אין זיין פּראָווינץ.

ווען איך בין, דעם 15־טן מערץ, צוריק אָפּגעפאָרן קיין קאָרלאַ, האָט מיך איזאַם באַי באַגעגנט מיט זייער אַ טרויעריקער גע-

שיכטע: מיט צוויי טעג פריער איז ער געזעסן ביי אַ טישל אין באַזאַר און האָט געשמועסט מיט אַ סוחר פון אַנדישאַן. פלוצלונג זיינען פאַרבייגעריטן פינף כינעזישע סאָלדאַטן, וואָס זייער אָנפירער האָט אויף אַ שטאַנג געטראָגן דעם סימבאָל פון דער הערשאַפט פון כינעזישן קייזער. לויטן מנהג, מוזן אַלע כינעזישע אונטערטאַנען אויפשטיין פון אָרט און אַלע רייטער מוזן אַראָפּ פון זייערע פערד, בשעת זיי דערזעען דעמדאָזיקן סימבאָל. אילזאַם באַי האָט אָבער גערעכנט, אַז ווייל ער איז אַ רוסישער אונטערטאַן, איז ער נישט מחויב דאָס צו טאָן, און איז דעריבער געבליבן זיצן אויף זיין אָרט. דעמאָלט האָבן אים די סאָלדאַטן אַ כאַפּ געטאָן ביים קאָלנער, אַראָפּגעשלעפּט פון אים דעם טשאַפּאַן און אים אַזוי שטאַרק געשמיסן, אַז פון רוקן האָט גענומען פליסן בלוט.

אַזאַ מין באַגיין זיך מיט מיין משרת האָב איך נישט געטאָרט פאַרשווייגן. האָב איך עס תיכף אָנגעקלאָגט ביים קאָמאַנדיר פון די סאָלדאַטן, לי דאַלאַי, און געפאָדערט פון אים, ער זאָל אַרעסטירן די סאָלדאַטן און זיי באַשטראָפן, אַנישט, וועל איך זיך באַקלאָגן ביים גענעראַל-גובערנאַטאָר פון מזרח-טורקעסטאַן און ביי דער רוסישער רעגירונג.

דאָס האָט באַלד געווירקט אויף דעם בעסטן אופן. לי דאַלאַי איז תיכף אַרויסגעשוואומען פאַר מיר און האָט מיך מבטיח געווען מיט טרערן אויף די אויגן, אַז ער וועט מיין פאָדערונג דערפילן. דאַן איז ער ווידער פאַרשוואונדן און באַלד דערויף געקומען מיט אַ דערקלערונג, אַז מען קאָן נישט געפינען דעם שולדיקן און קיינער ווייס גאָרנישט וועגן דעמדאָזיקן פאָרפאַל. האָב איך אים באַוויזן דעם פאַרבלוטיקטן רוקן פון אילזאַם-באַי, און דער געשלאָגענער האָט אָנגעוויזן, אַז דער סאָלדאַט, וואָס האָט אים געשלאָגן מיט דער בייטש, האָט אויף דער לינקער באַק אַ שראַם. איך האָב דעריבער געפאָדערט, מען זאָל ברענגען דעם גאַנצן גאַרניזאָן פון קאָרלאַ, מען זאָל קענען פּאַקן דעם שולדיקן. מיין פאָרשלאַג איז דערפילט געוואָרן. די סאָלדאַטן האָבן זיך

פאַרזאַמלט אויפן הויף, און אילזאַם האָט באַלד אַנטדעקט דעם פייניקער זיינעם.

—אָט דאָ האָבן מיר אים!—האָט אילזאַם אויסגערופן, ער האָט אים אָנגעכאַפּט ביים קאָלנער און צוגעפירט צו לי דאַלאָי. דער לעצטער האָט תיכף אָפּגעגעבן זיין באַפעל, און דאָס, וואָס איז דעמאָלט פאָרגעקומען, וועלן די איינוואוינער פון קאָרלאַ געוויס לאַנג נישט פאַרגעסן: מען האָט דעם סאָלדאַט אַנידערגעלייגט אויף דר׳ערד. צוויי חברים האָבן אים געהאַלטן פאַר די הענט, צוויי פאַר די פיס, אַ פינפטער האָט אים אויסגעטאָן די תחתונים, מחילה. דאַן האָט מען אים אויך אַזוי געשמיטן, ווי ער האָט געשמיסן אילזאַם-באַי. איך האָב אָבער באַלד דערקלערט, אַז עס איז גענוג. פון דערדאָזיקער סצענע האָט מיר, פאַרשטייט זיך, שטאַרק געעקלט, אָבער אין דעמדאָזיקן האַלב ווילדן לאַנד האָב איך בשום אופן נישט געטאָרט לאָזן אומבאַשטראָפט די שמיץ, וואָס מען האָט געגעבן מיינעם אַ מענטשן.

ווען איך האָב שפּעטער באַזוכט לי דאַלאָי, איז ער געווען זייער העפלאַך צו מיר. אויף דער גאַס האָבן אַלע באַקומען פאַר מיר אָפּשיי און די קינדער האָבן שוין מער נישט געלאַכט פון מיר. אַ גליק איז מיר אָבער געשען, וואָס לי דאַלאָי איז נישט איינגעפאַלן צו פאָדערן מיין פּאַספּאָרט און אַ באַווייז, אַז אילזאַם איז רוסישער אונטערטאַן. איך וואָלט דערביי שלעכט אָפּגעשניטן.

דער אַלטער לאָפּ־נאָר.

אין קאָרלאַ האָב איך פאַרשטאַרקט מיין קאַראַוואַן דורך צוויי פערד מיט צוויי וועגווייזער, וועלכע האָבן אונז געבראַכט אינם דאָרף טיקענליר, וואו דער קאָנטשאַ דאַריאַ נעמט אַריין צוויי נעבן-טייכלאַך פון טאַרים. דער וועג אַהינצו איז געגאַנגען דורך אַ זאַמדיקן און שטיינערנעם מדבר, אין וועלכן איך האָב אַנטדעקט צוויי אַלטע, נאָך גוט דערהאַלטענע כינעזישע פעסטונגען און אַ גאַנצע ריי פּאָטאַיס, אָדער הויכע פּיראַמידן פון האָלץ און ליים, דורך וועלכע די כינעזער פלעגן באַצייכענען דעם מהלך אין וועג. דידאָזיקע פעסטונגען און וועגווייזער האָבן דערוויזן קלאָר, אַז גאָר פאַרצייטנס איז דאָ געלעגן דער גרויסער וועג פאַר דער כינעזישער אַרמיי פון קאָרלאַ. די פראַגע איז אָבער געווען: וואוהין האָט אָט דער וועג געפירט? די דרום-מזרחדיקע פאַרלייגערונג פונם מעג ווערט פאַרשוואונדן אין מדבר, אָבער אויף די אַלטע כינעזישע מאַפּעס איז דאָרט געלעגן די אָזיערע לאָפּ-נאָר! דערדאָזיקער אַרמייוועג האָט, אַלזאָ, געפירט צו דער אָזיערע. אויב אָט דער וועג איז איצט פאַרלאָזן געוואָרן, איז עס מסתם דערפאַר, וואָס די אָזיערע האָט איר אָרט געענדערט.

כדי צו דערגיין די זאַך גענוי, בין איך דעם 31-טן מערץ אַרויסגעטראָטן אין וועג, צו מזרח, מיט צוויי באַגלייטער, אילזאַם באַי, קערים דשאַן און צוויי אָרטיקע מענטשן, און האָב זיך געלאָזט גיין אַהין, וואו דער רוסישער פּשעוואַלסקי איז נאָך נישט געווען.

שוין אין טיקענליק האָב איך געהערט, אַז ווייט אין מזרח איז פאַראַן אַ גאַנצע קייט אָזיערעס. נאָכדעם ווי מיר זיינען דריי טעג לאַנג געגאַנגען אויפן לינקן ברעג פון קאָנטשאַ דאַריאַ, וועלכער דרייט זיך אויס צו דרום-מזרח און טראָגט דאָרט דעם נאָמען „אילעק", זיינען מיר געקומען צו אַ לאַנגלאַכער אָזיערע, אין וועלכער עס פאַלט אַריין דער אילעק. דידאָזיקע אָזיערע איז געווען פאַרוואַקסן מיט טייכגראָזן, אָבער מיט עטלאַכע יאָר צוריק פלעגט מען דאָ פאַנגען פיש. די כינעזער רופן נאָך היינט אויך דאָסדאָזיקע לאַנד לאָפּ-נאָר. אָבער בשעת אויף די כינעזישע מאַפּעס איז דידאָזיקע אָזיערע פאַרצייכנט פון מערב צו מזרח, האָב איך געפונען, אַז אין דער ליינג ציט זיך די אָזיערע פון צפון צו דרום און דורך אַרויסגערוקטע האַלב-אינזלען איז זי איינגעטיילט אין פיר בעקענס. דידאָזיקע ענדערונג פון דער אָזיערע שטייט אין צוזאַמענהאַנג מיט די זאַמדשטורמס, וואָס בלאָזן אינם גאַנצן געביט פון צפון-מזרח און זיי טרייבן אָפּ די אָזיערע אַלץ מער צו דרום-מערב, און אירע מזרח-ברעגן ווערן אַלץ מער פאַרשאָטן מיט זאַמד. דער אַמאָליקער וואַלד אין מזרח פון דער אָזיערע דערווייזט אָבער קלאָר, אַז פריער איז די אָזיערע געווען דאָרט. דער וואַלד איז איצט אויסגעדאַרט געוואָרן און ער האָט אויסגעוואַנדערט צוזאַמען מיטן וואַסער. אין מזרח זעט מען נאָך עד היום אָפּגעשטאָרבענעם וואַלד, בשעת אין מערב שטייען נאָך היינט פרעכטיקע גרינע פאַפּלען און אויפן ברעג פון דער אָזיערע—גרינער וואַלד. דער טויטער וואַלד אין מזרח איז אַלזאָ געשטאַנען אַמאָל אויפן ברעג פון דער אָזיערע, וואָס האָט גענערט זיינע וואָרצלען. די קלייניטשקע אָזיערעס, וואָס מיר האָבן דאָ געזען, זיינען רעשטלאַך פון דער פריערדיקער אָזיערע, וואָס איז נאָך דאָ געווען.

מיר האָבן געוואָלט ווייטער וואַנדערן מיטן מזרח-ברעג פונם אַמאָליקן לאָפּ-נאָר, אָבער דאָ זיינען אונז געשטאַנען אין וועג זאַמדבערגלאַך פון צען—פופצען מעטער די הויך, וועלכע האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט צום וואַסער, און דער וועג איז דאָ זייער אַ שווערער געווען. דאָרט, וואו קיין בערגלאַך זיינען נישט געווען,

איז געשטאַנען אַ געדיכטער פּאַפּלען-וואַלד און דאָרט, וואו די בערגלאַך זיינען געווען נידעריקער, זיינען אָנשטאָט פּאַפּלען גע- שטאַנען טאַמאַריסקן. מיר האָבן דעריבער בעסער זיך געלאָזט גיין מיט אַן אומקרייז איבערן זאַמד-מדבר.

די אָזיערע גופא איז געווען אַזוי שטאַרק פאַרוואַקסן מיט הויכן טייכגראָז, אַז נאָר פון די הויכע בערגלאַך אַרונטער האָט מען געקאָנט זען דאָס וואַסער. דאָרט, וואו דער גרונט איז געווען פלאַך און אויסגעטריקנט, איז דאָס טייכגראָז געשטאַנען געדיכט, ווי אַ וואַנט און געוואַלטיק הויך. מיר זיינען דערין גאָר פאַר- שוואונדן געוואָרן, ווי אין אַ לאַבירינט, און מיר האָבן זיך גע- שעצט גליקלאַך, ווען מיר זיינען צוריק אַרויס פון דאָרט. מיר האָבן דאָ אָבער געהאַט גענוג אייסצעשטיין פון די מיקען. זיי האָבן זיך געדרייט אַרום אונז ווי שוואַרצע כמאַרעס. ווען די זון איז אונטערגעגאַנגען און מיר האָבן אויפגעשלאָגן אונזער לאַגער, זיינען זיי אונז באַפאַלן אין די מיליאַרדן. מיר האָבן זיך געמוזט אַרומרינגלען מיט אַ גרויסן פייער און מיר זיינען שיער נישט דערשטיקט געוואָרן פון רויך. אָבער אויך דאָס פייער האָט נישט געהאָלפן. לסוף האָבן מיר איינפאַך אונטערגע- צונדן דאָס טרוקענע טייכגראָז אַרום אונז. דאָס פייער האָט זיך שנעל פאַרשפּרייט, ווי אַ שרפה אין די אַמעריקאַנישע פּרעריען, און דער רויך האָט זיך געלייגט, ווי אַ געדיכטער שלייער אי- בער דער גאַנצער געגנט. איך האָב די גאַנצע נאַכט נישט גע- שלאָפן, כדי נישט צו פאַרלירן פון אויג דאָס פּראַכטפולע שרפה- בילד. אָבער אין דער נאַכט האָב איך דאָך געמוזט איינרייבן זיך די הענט און דאָס פּנים מיטן זאַפט פון טאַבאַק, כדי זיך צו פאַרהיטן פון די פליגן. וויפיל טאַבאַק האָב איך אָבער גע- מוזט אויסרויכערן טעגלאַך, כדי צו באַקומען גענוג זאַפט?

נאָכדעם, ווי מיר האָבן זיבן טעג לאַנג קיין פרעמדן מענטשן אין די אויגן נישט געזען, האָבן מיר ענדלאַך אָנגעטראָפן דריי פישער-פאַמיליעס. אויף יענעם אָרט האָט געשטראַמט אַ קריסטאָל-

קלאָרע וואַסער. איך האָב פונדאַנען אָפגעשיקט אילזאַם-באַי מיטן קאַראַוואַן צו יענעם פונקט, וואוביידע טייכן פאַראייניקן זיך, און מיר האָבן זיך געדונגען אַ שיפל, כדי צו פאָרן אַהין מיטן שטראָם אַראָפ. אַזויאַרום זיינען מיר געקומען אויף יענעם אָרט, וואו פשעוואַלסקי האָט זיין לאָפ-נאָר אַנטדעקט.

מיטן שיפל אויפן לאָפּ־נאָר.

די איינוואויגער פון אַלטן, ווי פון נייעם לאָפּ-נאָר רופן זיך לאָפּ-ליק, דאָס הייסט: לאָפּ-מענטשן. דאָס שיפל הייסט ביי זיי „קעמי” און עס באַשטייט פון אַ פּאַפּל-שטאַם, אין וועלכן מען האָט אויסגעשניטן אַן אָרט צו זיצן. מיין שיפל האָט געהאַלטן זעקס מעטער די לייִנג און אַ האַלבן מעטער די ברייט. קיין זעגלען האָבן די שיפער קיינמאָל נישט באַנוצט. אַנשטאָט דעם האָבן זיי קרעפטיק און געשיקט געאַרבעט מיט די וויאָסלעס. דאָרט, וואו דער שטח פון וואַסער איז אָפן, ליגט דער רודערער געווינלאַך אויף די קני. אָבער אין געדיכטן טייכגראָז אַרבעט ער שטייענדיק, כדי בעסער צוזען דעם וועג.

איך האָב זיך געלאָזט אין וועג אַריין מיטן שיפל דעם 11-טן אַפּריל. איך בין געזעסן אין מיטן שיפל, איין רודערער איז געשטאַנען פון פאָרנט און איינער פון הינטן. איך האָב זיך צורעכט געמאַכט זייער אַ באַקוועם געלעגער מיט קאָלדרעס פון וואָילאָק. אונטער דער האַנט האָב איך אויך געהאַט אַ קאָמפּאַס, טינט און פעדער. די אינסטרומענטן מיטן פּראָוויאַנט האָב איך פאַרפּאַקט אין די עקן פון שיף און אין אַלע זיינע ווינקעלעך. דאָס שיפל איז זיך געגאַנגען גלאַט, ווי אַ פיש און זייער געשווינט מיטן געשליינגלטן טייך.

אין דער נאַכט האָט פון מזרח זיך דערהויבן אַ „שוואַרצער שטורם”. דער הימל איז געוואָרן שוואַרץ און די שפּיצן פון די אַלטע, מאַיעסטעטישע פּאַפּלען האָבן זיך געשאָקלט און געבויגן. כל זמן

מיר זיינען נאָך געשוואומען אין טיפן שמאָלן טייך, האָבן אונז באַשיצט דאָס טייכגראָז און דער וואַלד פון ברעג. אָבער אַז מיר זיינען אַרויסגעקומען אויפן פרייען וואַסער, האָט דער שטורם געדראָט אונז איבערצוקערן, און מיר האָבן דעריבער זיך געמוזט האַלטן האַרט ביים מזרח-ברעג, כּדי זיך צו באַשיצן פון שאַרפן ווינט אונטער די דאָרטיקע הויכע זאַמד-בערג.

נעבן איינער פון די דאָזיקע אָזיערעס האָבן מיר געפונען אַ דאָרף אָן אַ נאָמען, וואָס זיינע איינוואוינער זיינען געווען גרויסע מכניס-אורחים, און זיי האָבן אונז אויפגענומען זייער פריינטלאַך. זיי האָבן געקאָכט פאַר אונז פרישע פיש, וואָס זיי האָבן נאָר-וואָס אָנגעפאַנגען, אַוועקגעשטעלט אונז אייער, ברויט און אַ מאכל פון טייכגראָז. דאָס איז געווען אַן איינפאַכער מאָלצייט, אָבער זייער געשמאַק, און מיר האָבן אים געפּראַוועט, זיצנדיק אַרומגערינגלט פון די אָרטיקע באַלעבאַטים, וועלכע האָבן זייער פריינטלאַך גע-שמועסט מיט אונז. אַפילו די אָרטיקע יונגע פרויען האָבן זיך גאָרנישט געשעמט צו ווייזן זייערע פּנימער, כאָטש קיין גרויסע שיינהייטן זיינען זיי געוויס נישט געווען. זיי אַלע האָבן אין זייער לעבן נאָך קיינמאָל נישט געזען קיין אייראָפּייער און גע-האַט וועגן אים גאָר אַ משונהדיקע פאָרשטעלונג, ווייל זיי האָבן געהערט דערציילן וועגן פשעוואַלסקין, וועלכן זיי האָבן אָנגערופן „טשאָנג מוראַ” וואָס הייסט: אַ גרויסער הער, אַז ער האָט געהאַט מיט זיך צוואַנציק באַוואָפנטע קאָזאַקן און אַ גרויסן קאַראַוואַן מיט פיל קעמלען און זייער פיל משאות. און אַז זיי האָבן מיך איצט דערזען מוטער-נאַקעט, כמעט אַליין, בלויז מיט צוויי פון זייערע לאַנדסלייט, אויף אַ קליינעם שיפל, אָן משרתים, אָן אַ קאַראַוואַן און אָן קעמלען, און ריידנדיק זייער שפּראַך, עסנדיק זייער שפּייז, מיט אַזאַ אָרים אויסזען, האָבן זיי איינגעפונען, אַז דער אונטערשייד צווישן אַן אייראָפּייער און זייערס אַ לאָפּ-ליק איז אין גרונט נישט קיין גרויסער.

דעם 12-טן אַפּריל איז געוואָרן אַזאַ שטאַרקער שטורם, אַז מיר האָבן גאָרנישט געקאָנט פאָרן ווייטער. ערשט אויפן צווייטן טאָג האָבן מיר אונזער שיפל ווידער אָראָפּגעלאָזט אין וואַסער,

ווייל בשעת מען נוצט נישט דאָס שיפל, האַלט מען עס אויף דער יבשה און מען באַגיסט עס אָפט מיט וואַסער, בכדי אַז עס זאָל נישט פּלאַצן.

אַרום מיטאָגצייט האָט דער שטורם ווידער זיך אויפגעהויבן מיט דער פריערדיקער שטאַרקייט און דעם רעשט טאָג האָבן מיר פאַרבראַכט גאָר אויף אַן וואַנטורע-שטייגער. דאָס וואַסער האָט געקאָכט, ווי אין אַ קעסל, די כוואַליעס האָבן זיך געוואָרפן אויפן שיפל און האָבן אונז אינגאַנצן דורכגענעצט. מיר האָבן דעריבער געמוזט זיין פאָרזיכטיק. האָבן מיר אונזערע קליידער אויסגעטאָן און זיינען געבליבן כמעט נאַקעט, כדי צו לאָזן זיך תיכף שווימען, אויב מיר וועלן, חלילה, אַריינפאַלן אין וואַסער. דאָס שיפל האָבן מיר פשוט רעגולירט מיט די אַקסלען און אַזוי־אַרום דערהאַלטן אויפן וואַסער.

אַלץ איז אָבער אַדורך גליקלאַך. די אָזיערע איז שמעלער געוואָרן און לסוף איז זי געוואָרן אַזוי שמאָל, ווי אַ קליין טייכל. איצט האָבן מיר אויפן רוהיקן וואַסער גערודערט ביזן דאָרף שירגע-טשאַפּאַגאַן, וואו ס'האָבן געוואוינט עטלאַכע משפחות און וואו אילואַם בײַ מיטן קאַראַוואַן האָבן אונז אָפּגעוואַרט דייער אומרוהיק.

זיך אויסגערוט צוויי טעג, האָב איך אַרויסגעשיקט דעם קאַראַוואַן פאָרויס קיין אַבדאַל, און אַליין האָב איך ווידער געוואָלט פאָרן מיטן שיפל אויפן טאַרים אַראָפּ, צו דרום. ווייל דער שטורם איז איצט שטאַרקער געוואָרן, האָב איך געדונגען אַ צווייט שיפל, וואָס מיר האָבן דורך צוויי שטאַנגען צוזאַמענגעבונדן מיטן ערשטן און מיט דער הילף פון פיר רודערער האָבן מיר זיך געלאָזט ווייטער, שוין מער געזיכערט פאַר אַ שטורם.

אָט אַזוי זיינען מיר געקומען צום פישערדאָרף טשעגעליק-אוי, פון וואַנען דער טאַרים פאַרבויגט זיך צום צפון-מזרח און דאָרט דאַרף זיך אָנהויבן דער נייער לאָפּ-נאָר, וועלכן פּשעוואַלסקי האָט אַנטדעקט עלף יאָר פאַר מיר און וועלכער איז זיך צופאַלן אין צוויי סטאַוון: קאַראַ-בוראַן און קאַראַ־קאָשון. לויט פּשעוואַלסקיס אָנווייזונג איז דער ערשטער געווען אַ גרויסע אָזיערע, וואָס

שטייענדיק ביי מיין ברעג האָט מען געקאָנט גלייבן, אַז מען שטייט ביים ברעג ים, ווייל מען האָט דעם אַנדערן ברעג נישט געזען. אָבער איצט, נאָך עלף יאָר, איז פון דערדאָזיקער געוואַלטיקער אָזערע גאָרנישט געבליבן. איך האָב געפונען נאָר אַ קליינע רעשט—אַ קליינע אָזערקע, וואָס איז אַזוי שטאַרק פאַרמיסטיקט געוואָרן דורכן טאַרים, אַז אַפילו פלאַכע שיפלאַך האָבן אויף אים נישט געקאָנט גיין. און זומערצייט איז אַפילו אָט דער אָרימער רעשט אויך פאַרשוואונדן. ער איז אָבגעשניטן געוואָרן פון יעדן זייטיקן שטראָם און ביזן שפּעטן הערבסט איז פון אים געבליבן נאָר אַ שיינע לאָנקע מיט גוטער פאַשע. ווען איך בין סוף אַפּריל געפאָרן צוריק קיין כאָטאַם, איז שוין דאָ קיין אָזיערע נישט געווען, בשעת פּשעוואַלסקי האָט דאָ אַ גאַנצן ים געזען. דער נייער לאָפּ-נאָר האָט איצט געהאַלטן ביים פאַרשווינדן און דער אַלטער האָט געהאַלטן אין וואַקסן. אויך דער מאַנגל אין וואַלד האָט באַוויזן, אַז דער נייער לאָפּ-נאָר איז נאָך יונג, ווייל דער וואַלד האָט נאָך קיין צייט נישט געהאַט אויסצעוואַקסן דאָ אויף זיינע ברעגעס.

דיזעלבע דערשיינונג האָב איך אויך באַמערקט ביים קאַראַ-קאָשון, וועלכע פּשעוואַלסקי האָט אויסגעפאָרשט פון דאָרף אַבדאַל צו מזרח, פאָרנדיק מיט אַ שיפל. איך בין געקומען קיין אַבדאַל דעם 19-טן אַפּריל און דאָרט האָב איך ווידער געטראָפן מיין קאַראַוואַן. ווען איך בין אַרויס פון שיפל, האָבן זיך אַלע איינוואוינער פון דאָרף פאַרזאַמלט אויפן ברעג און איך האָב באַמערקט צווישן זיי אַ קליינעם אַלטן מאַן, אין וועלכן איך האָב לויטן בילד פון פּשעוואַלסקיס נסיעה-בוך באַלד דערקענט דעם סטאַראָסטאַ פון אַבדאַל, קונטשעלקאַם בעק. איך האָב אים תיכף באַגריסט, ווי אַן אַלטן פריינט. ער האָט אויך געטאָן דאָס אייגענע און האָט מיך אָפּגעפירט צו זיך אין שטוב, וועלכע מען האָט לכבוד אונז גוט אָפּגעפרישט, פונם דאָזיקן „סטאַראָסטע פון דער אויפגייענדיקער זון" האָב איך באַקומען מאַנכע וויכטיקע דערקלערונגען. ער איז שוין געווען העכער אַכציק יאָר אַלט. זיין פאָטער און זיין זיידע זיינען געשטאָרבן נײַנציק-יעריקע

קנים. זיין זיידע האָט דאָ נאָך געזען אַ געוואַלטיק גרויסע אָזיע־רע, וואָס האָט זיך געענדיקט דאָרט, וואו עס ליגט היינט אַ גרוי־סער זאַמד־מדבר. זיין זיידע איז דעמאָלט אַלט געווען איין יאָר פינפאונצוואַנציק, אַלזאָ, אין יאָר 1720 האָט זיך אָנגעהויבן צו בילדן דער לאָפּ־נאָר אין דרום, דער טאַרים האָט געזוכט פאַר זיך אַ נייעם וועג, און ווען די צפון־אָזיערע איז אויסגעטריקנט געוואָרן, האָט דער זיידע זיך אַריבערגעקליבן קיין דרום, וואו ער האָט געגרינדעט דאָס דאָרף אַבדאַל. פונדאַנען האָט מען זיך געקאָנט אַריבערשיפן איבערן טייך אין משך פון אַ טאָג אין דאָרף קיום־טשאַפּגאַן, וואו דער טייך איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין קליינינקע אָזיערעס און זומפּן. אויך די צווייטע אָזיערע קאַראַ־קאָשון האָט געהאַט דאָסזעלבע מזל, וואָס די ערשטע.

כדי צו פאַרפולקומען מיין מאַפּע פון דידאָזיקע אָזיערעס און זייער צושטאַנד, האָב איך געוואָלט זיך אַ רוק טאָן צו מזרח, אַזוי לאַנג, ווי ווייט דאָס וואַסער וועט נאָר דערלויבן. דעם 22־טן אַפּריל בין איך מיט דריי רודערער אַריינגעשטיגן אין איין שיפל, אילזאַם באַי מיט דער קיך און צוויי אַנדערע רודערער האָבן זיך אַריינגעזעצט אינם צווייטן שיפל, אַן אַלטער פישער האָט זיך אַריינגעזעצט אין אַ דריטן שיפל און זיך געלאָזט פאָרויס, צו ווייזן דעם וועג דורך דער אָזיערע, וואָס איז כמעט אינגאַנצן געווען פאַרוואַקסן מיט טייכגראָזן.
ביי אַ הערלאַכן וועטער זיינען מיר געקומען צום קום טשאַפּ־גאַן, וואו דער טייך צוטיילט זיך. מיר זיינען אַריינגעפאָרן אינם גרעסערן לינקן טייך, וועלכער איז אָבער באַלד פאַרשוואונדן געוואָרן אין געדיכטן טייכגראָז. מיר וואָלטן זיך בשום אופן נישט געקאָנט אַדורכקריגן דורך דידאָזיקע גראָזן, ווען נישט די לאָפּ־לייט, וואָס האָבן דאָ דורכגעשניטן אַ שמאָלן קאַנאַל אינם גראָז, כדי צו פאַנגען דאָרט פיש. אַזוי זיינען מיר געשוואומען איבער הונדערטער נעצן. דאָס וואַסער איז דאָ געווען אַזוי קלאָר, אַז מיר האָבן, ווי אין אַן אַקוואַריום אינעווייניק געזען די מינים פיש, וואָס זיינען דאָרט אַרומגעשוואומען. יעדע פישער־משפחה האָט

זיך דאָ איר ווינקעלע אין וואַסער, וואו קיין אַנדער לאָפּ-ליק טאָר זיין נעץ נישט אויסלייגן. די שמאָלע קאַנאַלן אינם טייכֿגראָז שניידן זיך דאָ אַדורך אין פֿאַרשידענע ריכטונגען און אָפֿט ציען זיי זיך פֿונקט ווי ראַדיוסן פֿון איין צענטער אין אַלע ריכטונגען. דאָס איז אַזאַ פֿאַרוויקלטער לאַבירינט, אַז נאָר אַן אָרטיקער איינוואוינער קאָן זיך דאָ אָריענטירן. פֿלעגן מיר אַרויסשווימען אין צענטער, פֿלעגן די רודערער באַלד אָנהייבן אַרבעטן מיט אַלע כּוחות און פֿלעגן ווידער אַריינפֿאַלן אין אַ קאַנאַל צווישן צוויי הויכֿע ווענט פֿון טייכגראָז. אַ פֿרעמדער וואָלט דעם וועג בשום אופֿן נישט געפֿונען.

דאָ און דאָרט האָט מען נאָך געקאָנט זען דעם גוססן טאַרים. מיר זיינען פֿילמאָל אַריינגעפֿאָרן אין ברייטע אָזיערקעס, וואָס איינע פֿון זיי האָט געהאַלטן פֿיר מיט אַ פֿערטל מעטער די טיף. דאָס איז געווען די גרעסטע טיפֿקייט, וועלכֿע מיר איז אויסגעקומען צו זען אין דעם דרום-לאָפּ-נאָר. די אָזיערקעס זיינען אַלע געווען נישט טיף און קענטיק, אַז זיי האָב זיך שוין גענומען פֿאַרוואַנדלען אין זומפּן.

אין אָוונט פֿון צווייטן טאָג זיינען מיר אַרויסגעפֿאָרן אויף איינע פֿון די דאָרטיקע גרעסטע אָזיערעס, אויף דעם קאַנאַט-באַגלאַגאַנקעל (די אָזיערע פֿון געבונדענעם פֿליגל). וואַרשיינלאַך, האָט מען דאָ אַלס וועגווייזער געהאַט אָנגעבונדן אויף אַ שטאַנג אַ פֿליגל. קווער איבער דער אָזיערע האָט זיך געצויגן אַ פּאַס פֿון געדיכֿטע טייכֿגראָז, וואָס האָבן דערגרייכט אַ הויך פֿון אַכֿט מעטער. אַפֿילו די אָרטיקע איינוואוינער פֿלעגן זעלטן ווען אַריינקומען, און דעריבער איז דאָס טייכגראָז זיך פֿעסט צוזאַמענגעוואַקסן. מיט אונזערע גרויסע שווערע שיפֿן האָבן מיר דאָ געמוזט אַרבעטן מיט דער גאַל, כּדי צו קאָנען מאַכֿן אַ שריט פֿאָרויס. די וויאָסלעס האָט מען דאָ מער נישט געקאָנט געברויכן, קיין וואַסער האָט מען נישט געזען, נאָר שלעפּנדיק מיט די הענט דאָס טייכֿגראָז, האָבן מיר זיך גערוקט פֿאָרויס. צולעצט זיינען די טייכֿגראָזן געוואָרן אַזוי געדיכֿט, אַז מיר האָבן געמוזט זיך אומקערן צוריק.

פריער זיינען מיר אָבער אַרויפגעגאַנגען אויפן צפון-ברעג, וואו עס זיינען געוואַקסן הויכע טאַמאַריסקן. פון דאָרט האָב איך גע-קאָנט זען גרויסע שטרעקעס אַרום אונז. אין מזרח האָט דאָס אויג נישט באַמערקט קיין איינציקן פרייען פאַס וואַסער, נאָר אַ געדיכט פעלד פון טייכגראָז, וואָס האָט זיך געצויגן ווייט-ווייט אָן אַ סוף. אין מערב האָט זיך געשליינגט דער וויסער-וועג, מיט וועלכן מיר זיינען געקומען, ווי אַ בלאָער פאַס אין אַ געלן פעלד פון טייכגראָז.

כמעט ארעסטירט.

אזויאַרום האָט זיך געענדיקט מיין נסיעה קיין מזרח. איצט האָב איך שוין געהאַט איין ציל: צוריק קיין כּאָטאַם, וואו איך האָב איבערגעלאָזט אַלע מיינע פעק און מיין קאַסע. די לאַנגע וואַנדערונג אינם מדבר האָט אונז שטאַרק אָפּגעשוואַכט און אילוזאַם בּאַי האָט זיך געמוזט אויסרוען, נישט ווייניקער פון מיר. פון קאַראַ-קאָשון בּיז כּאָטאַם איז געלעגן אַ מהלך פון טויזנט קילאָמעטער, און דער וועג אַהין האָט זיך געצויגן לייגגאויט דעם בּאַרג קווען-לון. דערדאָזיקער וועג איז דורך אַנדערע פּאַר-שער שוין אַזוי באַקאַנט, אַז פאַר מיר האָט ער שוין קיין שום אינטערעס נישט געהאַט. אויסערדעם, איז שוין דער זומער גע-שטאַנען פאַר דער טיר און מיר האָבן געהאַט נאָר ווינטער-מלבושים. קיין אַנדער וועג איז אָבער נישט געווען, און מיר האָבן דעריבער זיך געלאָזט צוריק מיט דעמדאָזיקן וועג דעם 25-טן אַפּריל.

ווען מיר זיינען אַרויסגעטראָטן פון אַבדאַל, האָט זיך אויפגעהויבן איינער פון יענע געוואַלטיקע מזרח-שטורמס, וועלכער הויבּט-אויף גאַנצע כמאַרעס זאַמד און שטויב און האָט געצוואונגען דעם טאַ-רים צו ענדערן זיין וואַסערלויף. אין אַבדאַל איז דאָס וואַסער פון טייך געפאַלן אויף פערציק—פופציק סאַנטימעטער, בשעת דאָס וואַסער איז אין קאַראַן געשטיגן אויף צוואַנציק-דרייסיק סאַנטי-מעטער, און אויך די אָזיערע האָט, אונטער דעם דרוק פון ווינט, שטאַרק פאַנאַנדערגעגאָסן אירע וואַסערן. דריי מעת-לעת האָט

דער מוראדיקער ווינט נאָכאַנאַנד געבושעוועט אָן אַ הפסקה. דאָס מאָל אָבער האָט אונז דער שטורם נישט פאַרשאַפט קיין גרויס עגמת נפש, ווייל די היץ איז נישט געשטיגן צוליב אים. אויסערדעם, האָט אונז דער ווינט געבלאָזן אין רוקן, אַ שטייגער, ווי דער הימל וואָלט אַליין געזאָרגט דערפאַר, אַז מיר זאָלן האָבן אַ לייכטן וועג.

דעם 27-טן אַפּריל זיינען מיר אַריין אין דער שטאָט טשאַרכליק, וואו ס'האָבן געוואוינט לערך הונדערך משפחות. דאָ האָבן מיר געמוזט איבערלאָזן אונזערע קעמלען, ווייל זומערלעב אַרבעטן נישט די קעמלען און רוען זיך אויס אין די בערג. אגב האָבן מיר זיי אַזוי שטאַרק אויסגענוצט, אַז זיי זיינען שוין סיי-ווי-סיי נישט געווען בכוח צו אַרבעטן. האָב איך זיי פאַרקויפט אַ סוחר פון מערב-טורקעסטאַן פאַר אַ העלפט געלט, וויפיל זיי האָבן מיר געקאָסט, און אָנשטאָט זיי האָב איך מיר געקויפט פיר פערד.

אין טשאַרכלין האָט דעמאָלט געוועלטיקט אַ כינעזישער אַמבאַן מיטן נאָמען לי דאַרין. ווי דער דרך ארץ האָט געפאָדערט, האָב איך באַלד, ווי איך בין געקומען, אַריינגעשיקט אים מיין כינעזישע וויזיט-קאַרטע און דעם קליינעם לאָקאַלן פּאַספּאָרט, וואָס הוועך-דאַרין האָט מיר געהאַט אויסגעשטעלט אין קאַראַ-שאַהר. דערביי האָב איך געלאָזט אָנפרעגן, ווען איך קאָן האָבן דעם כבוד זיך פאָרצושטעלן פאַר אים. עס איז געקומען אַ תשובה, אין וועלכער עס איז געזאָגט געוואָרן, אַז דער אַמבאַן קאָן מיך אויפנעמען נאָר דעמאָלט, ווען איך וועל אים פאָרשטעלן אַ גרויסן פּאַספּאָרט, וואָס איז גילטיק אין דער היגער געגנט.

האָב איך דאַן געבעטן דעם טאָלמאַטש, וואָס האָט מיר געבראַכט דידאָזיקע תשובה, ער זאָל דערקלערן דעם אַמבאַן, אַז אַלע מיינע פּאַפּירן ליגן אין כאָטאַם, ווייל בשעת איך בין פון דאָרט אַרויסגעפאָרן, האָב איך גאָרנישט גערעכנט, אַז איך זאָל אַזוי וויים פאַרקריכן סאַמע ביזן לאָפּ-נאָר. דאָס בעסטע וועט דעריבער זיין, ווען ער וועט מיך אויפנעמען ביי זיך, און איך וועל אים קאָנען בעסער אויפקלערן די זאַך.

דער אַמבאַן האָט זיך אָבער אַלץ אָפּגעזאָגט מיך אויפצונעמען און ער האָט מיר געלאָזט זאָגן: אַ פּערזאָן, וואָס האָט אַפילו גישט קיין פּאַספּאָרט, מוז באַהאַנדלט ווערן, אַלס פאַרדעכטיקער שלעפּער, און דעריבער איז פאַר מיר פאַרשפּאַרט דער גלייכער וועג קיין כאַטאַם. ער קאָן מיר טאָן אַ חסד און וועט מיר דער-לויבן צו גיין צוריק קיין קאַראַ-שאַהר, און דאָס אויך נאָר דער-פאַר, ווייל איך האָב פון דאָרט אַ לאָקאַלן פּאַספּאָרט. פון דאָרט וועל איך מוזן גיין צוריק קיין כאַטאַם מיטן זעלביקן וועג, וואָס איך בין אַדורכגעגאַנגען...

דאָס איז געווען אַ היבשע איבערראַשונג! אויפן דרום-וועג איבער טשערטשען וואָלטן מיר געקאָנט קומען קיין כאַטאַם אין אַ חודש צייט. אָנשטאָט דעם אָבער האָט מען מיר פאָרגעלייגט צו גיין מיט אַ וועג, וואָס דאַרף דויערן פערטאַלבן חדשים, אין די גרעס-טע היצן דורך אַ מוראדיקן מדבר. איך האָב דעריבער געבעטן דעם טאָלמאַטש, אַ פריינטלאַכן מאַכמעדאַנישן בעק, ער זאָל דער-קלערן זיין האַר, אַז איך וועל מיך דאָך צומאָרגנס אַוועקלאָזן אין וועג אַריין קיין טשערטשען.

דערויף האָב איך דערהאַלטן אַ לאַקאָנישן ענטפער: „פאָרט אייך, אָבער איך וועל אייך לאָזן אַרעסטירן דורך צען סאָלדאַטן און אָפּשיקן צוריק קיין קאַראַ-שאַהר."

וואָס טוט מען? איך האָב גאָרנישט געצווייפלט, אַז דעררדאָזיקער שטרייגער כינעזישער סאַטראַפּ וועט האַלטן זיין וואָרט. איך האָב דעריבער אָפּגערעדט מיטן טוחר, וואָס האָט געקויפט מיינע קעמלען, ער זאָל איבערנעמען אויף דערווייל מיינע פעק און פערד און איך מיט אילזאַמען וועלן זיך אַראָפּכאַפּן קיין קאַראַ-שאַהר. פון דאָרט האָב איך גערעכנט צו רייטן ווייטער קיין אורומטשי, וואו איך וועל אפשר, מיט דער הילף פון רוסישן קאָנסול, אויספועלן אַ דערלויבעניש צו פאָרן קיין כאַטאַם איבער טשערטשען. דער אַמבאַן וואָלט דאַן באַקומען אַ גוטן פסק און ער וואָלט מיר געמוזט אומקערן אויך מיינע הוצאות. ביז אורום-טשי ליגט אַ מהלך פון זיבנהונדערט קילאָמעטער און ווען איך זאָל מאַכן די נסיעה דורך זייטיקע וועגן, קאָן זי ווערן פאַר

מ׳ר אויך אינטערעסאַנט. חוצדעם, וואָלט איך דאָ געהאַט די גע־לעגנהייט צו זען די הויפּטשטאָט פון צענטראַל-אַזיע, וואו עס זיינען פאַראַן פיל מאַנדאַרינען און אַ קליינע רוסישע קאָלאָניע. פריער בין איך געווען בייז אויפן אַמבאַן, איצט אָבער האָב איך איינגעזען, אַז דער נייער פאָר־פלאַן האָט אַ געוויסן אינטע-רעס פאַר מיר. אַ צרה איז נאָר מיט דער פּאָסט, וואָס וואַרט אויף מיר אין כאָטאַם.

איך האָב שוין, אַלזאָ, באַשלאָסן צו מאַכן דידאָזיקע נסיעה. אָבער אין אָוונט איז אַריין צו מיר אַ כינעזישער מאַנדאַרין, וועלכער האָט זיך מיר פאָרגעשטעלט: שי-דאַרין, קאָמאַנדיר פון גאַרניזאָן פון טשאַרכליק. ער האָט דערהאַלטן אַ באַפעל צו אַרעסטירן מיך מאָרגן. דער אַמבאַן לי-דאַרין האָט, לויט זיין מיינונג, געהאַנדלט ווילד און אָט איז ער געקומען אויסצודריקן מיר זיין באַדויערונג.

מיר האָבן זיך פאַנאַנדערגעשמועסט וועגן אַנדערע ענינים. שי-דאַרין איז געווען אַ בעלן אַלץ צו וויסן, און אָט האָט ער מיר געשטעלט הונדערטער קשיות מכח מיין נסיעה. אַזויאַרום האָב איך אים אויך דערציילט וועגן מיין אומגליקלאַכער נסיעה דורך דעם מדבר טאַקלאַ-מאַקאַן. פלוצלונג איז דער מאַנדאַרין אויפגעשפּרונ-גען פון אָרט און האָט זיך מיר כמעט געוואָרפן אויפן האַלז:

—זייט איר עס גאָר געווען!—האָט ער אויסגערופן—איך בין דע-מאָלט גראָד געווען אין כאָטאַם און דאָרט האָט מען מיר פאַר-ציילט פון אייער וואונדערלאַכער רעטונג. אויך לינג דאַרין האָט מיר פאַרציילט פון אייך, און מיר האָבן נאָך ביידע געהאָפט צו טרעפן אייך אין כאָטאַם.

דערדאָזיקער לינג דאַרין איז געווען אַ געבוירענער בעלגיער. געהייסן האָט ער פּאַאול שפּלינגערט און האָט שוין דרייסיק יאָר לאַנג געלעבט אין כינע. ער האָט פריער באַגלייט אַלס טאָלמאַטש מיין גרויסן לערער און פריינט, דעם דייטשן געאָגראַף, פּערדי-נאַנד פאָן ריכטהאָפען אין זיין נסיעה איבער כינע. לסוף איז ער געבליבן אויף שטענדיק אין דעמדאָזיקן לאַנד. ער האָט דאָרט

חתונה געהאַט מיט אַ כינעזישער פרוי און לעבט איצט, אַלס מעכטיקער כינעזישער מאַנדאַרין אין סו-טשעאַ. אַט דער שפּלינ-גערט און שי-דאַרין האָבן דערהאַלטן אַ באַפעל פונם גענעראַל-גובערנאַטאָר אין אורומטשי צו פאָרן קיין כאַטאַם און אַט האָבן זיי דאָרט זיך דערוואוסט וועגן מיין נסיעה. איך האָב מיך שוין לאַנג געוואָלט טרעפן מיט שפּלינגערטן, ווייל איך האָב אים גע-וואָלט איבערגעבן אַ גרוס פון מיין לערער ריכטהאָפען. דאָס איז מיר געלונגען ערשט אין אַ יאָר אַרום אין פּעקין, אינם בנין פון דער רוסישער געזאַנדשאַפט.

דערדאָזיקער גליקלאַכער אומשטאַנד האָט מיר פאַרשאַפט די פריינט-שאַפט פון שי-דאַרין, וואָס איז געווען אַ גאַנצער מושל אין זיין שטאָט. אָנשטאָט צו רייטן קיין אורומטשי, בין איך געבליבן אַן איבעריקן טאָג אין טשאַרכליק, צו מאַכן אַ וויזיט מיין נייעם פריינט. ער האָט מיר געוויזן די אייגנהענטיק אויפגעצייכנטע מארשרוטן פון טשאַרכליק קיין טשערטשען און איך האָב מיך שטאַרק געחדושט פון דעמדאָזיקער גענויער און פיינער צייכנונג. ווען דערויף וואָלט נישט געשטאַנען קיין כינעזישער נאָמען מיט כינעזישע צייכנס, וואָלט איך געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז אַ מאַ-פּע פון אַן אייראָפּייאישן געאָגראַף.

שי-דאַרין האָט מיך איינגעלאַדן אויף מיטאָג, דערביי האָט ער מיר דערציילט, אַז ער האָט אַ גאַנצן פרימאָרגן פאַרבראַכט ביים אַמבאַן, אָבער יענער האַלט זיך פעסט ביי דאָס זייניקע: ער האָט נעמלאַך געהאַט אַ באַפעל פון דער כינעזישער רעגירונג צו פאַרשפּאַרן דעם וועג פון טשערטשען קיין כאָטאַם, צוליב דעם בונט געגן דער כינעזישער רעגירונג. אַז דערדאָזיקער באַפעל האָט זיך, נאַטירלאַך, נישט געקאָנט באַציען אויף אַן אייראָפּייאישן רייזנדער, האָט מען אים בשום אופן נישט געקאָנט קלאָר מאַכן און יענער האָט אַלץ געטענהט, אַז מען קאָן איבערהויפּט דאָך נישט וויסן, ווער איך בין, קוים האָב איך נישט קיין פּאַספּאָרט.

—כ'מוז, אַלזאָ, גיין קיין אורומטשי?—האָב איך געפרעגט.

—קיין אורומטשי? איר זייט פון זינען?—האָט שי-דאַרין זיך הויך

צעלאַכט.—ניין, איר פאָרט זיך רוהיק קיין טשערטשען, איך גאַראַנטיר אייך פאַר אַלץ. דער אַמבאַן האָט טאַקי באַפוילן אייך צו אַרעסטירן, אָבער איך גיב דערויף נישט קיין סאָלדאַטן. אויב לי דאַרין וועט אייך וועלן אַרעסטירן דורך די היגע באַאַמטע, וועט איר פון מיר באַקומען סאָלדאַטן דערויף און זיי וועלן אייך באַשיצן.

מיין גליקלאַכער שטערן איז, אַלזאָ, געווען מעכטיקער פאַרן אַמבאַן פון טשאַרכליק. דיזעלבע סאָלדאַטן, וואָס האָבן מיך געזאָלט אַרעסטירן לויטן באַפעל פון לי-דאַרין, זיינען מיר געגעבן געוואָרן אַלס באַשיצונג! און טאָמער איז נאָך ווייניק, האָט דער פריינטלאַכער שי-דאַרין צומאָרגנס מיר געשיקט אַ גרויסן זאַפאַס צוקער מיט טאַבאַק, און דוקא דערין האָב איך מיך איצט שטאַרק גענויטיקט. פאַר די אַלע טובות האָב איך אים, ליידער, געקאָנט אָפּצאָלן בלויז מיט קלייניקייטן און אַ פּאָר מאַפּעס.

דאַן האָבן מיר זיך געלאָזט אין וועג אַריין איבער טשערטשען, און קעריאַ און קיין כאָטאַם זיינען מיר געקומען דעם 27-טן מאַי 1896.

אַ כינעזישע קרימינאַל־געשיכטע.

געקומען אין כאָטאַם, האָט מען מיך תּיכּף איינגעלאַדן צום אַמבאַן ליו־דאַרין און דאָרט האָב איך געפונען נישט מער און נישט ווייניקער ווי דעם גרעסטן טייל פון מיינע טייערע פעק, וועלכע מען האָט מיר אויף אַזאַ וואונדערלאַכן אופן אַוועקגעגנבעט, בשעת מיר זיינען אַרויס פונם מדבר טאַקלאַ־מאַקאַן! עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז מיר זיינען דעמאָלט אַריינגעפאַלן אין די הענט פון אַ גאַנצער באַנדע פאַסערס. פון דעמדאָזיקן פלאָנטער האָט זיך אַנטוויקלט אַ גאַנצער קרימינעלער ראָמאַן, וועלכער איז זייער כאַראַקטעריסטיש פאַר די אָרטיקע מאַכמעדאַנער און פאַר דער יוריספּרודענץ פון זייערע כינעזישע הערן.

קיין אַנדערער, ווי דער סוחר יוסף, וועלכער האָט געבראַכט וואַסער דעם פאַרשמאַכטן אילזאַם באַי, האָט שפּעטער, קומענדיק צוריק קיין כאָטאַם, געבראַכט אַ מתּנה מיין שוועדישן רעוואָלווער דעם דאָרטיקן אַקסאַקאַל פון די מערב־טורקעסטאַנישע סוחרים, סעיד אַכראַם באַי. ער האָט משמעות, געוואָלט דאַדורך נושא חן זיין, כּדי מען זאָל פאַרשווייגן זיין גנבה. אָבער דער אַקסאַקאַל, וועלכער האָט שוין פון רוסישן קאָנסול געוואוסט וועגן דערדאָזיקער גנבה, האָט באַלד געלאָזט שטריינג אויספאָרשן יוסופן, און דער האָט לסוף געמוזט זיך מודה זיין, אַז ער האָט דערהאַלטן דעם רעוואָלווער פון טאָגדאַ בעק, דעם סטאַראָסטע פון טאַוועקקעל. דער אַקסאַקאַל האָט אים דאַן איבערגעגעבן דעם אַמבאַן ליו

דאַרין, און דער לעצטער האָט מיר אים איבערגעגעבן.
ווען יוסף האָט באַמערקט, אַז מיט דעמדאָזיקן ענין האַלט נישט אַזוי גוט, האָט ער זיך שטילערהייט אַרויסגעכאַפּט פון כאָטאַם. אָבער דוקא דאָס האָט דערוועקט אַ חשד ביים אָקסאַקאַל געגן טאָגדאַ בעק און ער האָט געשיקט אַ שפּיאָן קיין טאַוועק-קעל, נאָכצוקוקן טאָגדאַ-בעק ביי אים אין שטוב.
דער שפּיאָן האָט זיך פאַרקליידט אין שמאַטעס און זיך געשטעלט ביי טאָגדאַ בעק, אַלס פאַסטוך. אָפּגעאַרבעט אַ געוויסע צייט, איז ער אַמאָל אַריין צו טאָגדאַ בעק אין שטוב, און דאָרט האָט ער געזען, ווי יענער זיצט מיט אַכמעד מערגען, קאַזים אַכון און טאָגדאַ שאַה ביי אַ קאַסטן מיט מיינע זאַכן. ער איז תיכף אַרויס צוריק פון שטוב און געלאָזט זיך גיין אין פעלד. דאָרט האָט ער זיך אַרויפגעזעצט אויף דאָס ערשטע בעסטע פערד און זיך געלאָזט הענדום-פענדום קיין כאָטאַם. טאָגדאַ בעק האָט אָבער באַלד באַמערקט, אַז זיין פאַסטוך איז פאַרשוואונדן געוואָרן און האָט זיך געכאַפּט, אַז דאָס האָט געקאָנט זיין אַ שפּיאָן. ער האָט דעריבער צוזאַמענגענומען אַלע זאַכן און אַליין אָפּגעפירט זיי קיין כאָטאַם, דאָרט האָט ער דערקלערט דעם אַמבאַן, אַז ער האָט זיי באַקומען צו קויפן ביי אַן אומבאַקאַנטן מענטשן. ס'האָט זיך אָנגעהויבן אַן אויספאָרשונג און, ווי דאָס פירט זיך שטענדיק אין כינע, מיט דער הילף פון פייניקן און יסורים, פון וועלכע מען בלייבט אַ קאַליקע אויפן גאַנצן לעבן. גראָד אין דער צייט בין איך געקומען קיין כאָטאַם. דאָס פייניקן האָב איך תיכף אָפּגעשטעלט. אַ טייל זאַכן האָט מען מיר אָפּגעגעבן און פאַרן צווייטן טייל, וואָס האָבן געפעלט, האָט מען צוגעמשפּט צו באַצאָלן מיר עטלאַכע טויזנט מאַרק. איך האָב מיך אָבער אויך דערפון אָפּגעזאָגט. די זאַך איז אַלעמען אַזוי געפעלן, אַז איך בין געוואָרן גאָר אַ גאַנצער מיוחס.
דעם 29-טן יוני האָב איך מיט מיינע אויסגערוטע מענטשן און פערד פאַרלאָזט כאָטאַם און האָב זיך געלאָזט וואַנדערן אין צפון פון טיבעט. דאָס איז אַ הויך וויסט לאַנד, דער באָדן איז אָנגעזאַפּט מיט זאַלץ און די טעמפּעראַטור איז דאָ שטענדיק קאַלט,

זוייל די אויבערפלאַך פון דער ערד האַלט דאָ מיט פינפטויזנט מעטער העכער פאַרן ים. אינם דאָזיקן אָפּגעשטאָרבענעם פינסטערן לאַנד האָב איך פאַרבראַכט צוויי חדשים און מיר איז געלונגען אויסצופאָרשן די דאָרטיקע באַרג-קייטן. דאַן איז מיין נסיעה געצויגן איבער לוזאָר, וואו איך האָב אין קום-בום באַזוכט אַ בודיסטישן קלויסטער מיט צענטויזנט הייליקע בילדער. פון דאָרט האָב איך מיך געלאָזט צו דער כינעזישער הויפּטשטאָט פּעקין, וואוהין איך בין געקומען דעם 2-טן מערץ 1897. אויף מיין נסיעה האָב איך דאָסמאָל אויסגעבראַכט טויזנט מיט איין טאָג. אָבער זי האָט מיך באַרייכערט מיט אַ סך קאָלעקציעס און מיט זייער וויכטיקע געאָגראַפישע ידיעות, בפרט מיט אַ סך דערקלערונגען וועגן דער וואַנדער-אָזיערע לאָפּ-נאָר. דידאָזיקע רעטעניש איז מיר אָבער קלאָר געוואָרן ערשט שפּעטער, ווען איך האָב געמאַכט אַ צווייטע נסיעה אינם „האַרץ פון אַזיע". איך דערצייל עס אָבער אין אַן אַנדער בוך: „ד אַ וואַנטורעס אין טיבעט".

פון פּעקין בין איך געפאָרן אַהיים דורך די סטעפּעס און מדבריות פון גאָבי איבער אורגא און קיאַכטאַ. פון דאָרט בין איך מיט דער סיבירישער אייזנבאַן געפאָרן ניין טעג, ביז איך בין געקומען קיין פּעטערבורג. דעם 10-טן מאַי 1897 בין איך סוף-כל-סוף געקומען אַהיים אין שטאָקהאָלם.

JEWISH PUBLIC LIBRARY